NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07044

KLEYNE IN DER GROYSER VELT

Leah Kapilowitz Hofman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קליינע אין דער
גרויסער וועלט

פון לאה ק. האָפּמאַן

פאָרוואָרט פון מ. ווינטשעווסקי

בילדער פון:

ז. מאוד

ס. אָסטראָווסקי

א. אַבראַמאָוויטש

פאַרלאַג ל ע ב ע ן

נויאָרק, 1920

COPYRIGHT 1920
By NOACH STEINBERG



לאה ק. האפמאן

מיין שהחינו.

צוריק מיט אַ יאָהר צוויי־דריי האָט מען מיר געבראכט אַ סקיצע פאר אַ וועכענטליכע צייטונג, וואָס איך האָב יעמאָלט רעדאַקטירט. די סקיצע איז געווען לאה ק. האָפמאַן׳ס אַ מעשה׳לע פון דער קינדער־וועלט.

פון איהר פעדער האָב איך שוין פריהער געהאַט געלעזען אַ סך ליעדער — קינדער־ליעדער — אַלע מיט פארגניגען, איניגע מיט באַגייסטערונג. די סקיצע האָט מיך, פון דעסטוועגען, שאָקירט. „ווי שרייבט מען דאָס אזוי ?!” האָב איך צו זיך אליין געזאָגט און האָב דעם מאַנוסקריפּט אַוועקגעלעגט אָן אַ זייט.

גערופעט האָט דאָס מיך אָבער, ווייל די ליעדער פון דער דאָזיגער שרייבערין זיינען צו מיר געקומען ווי די ערפילונג פון אַן אַלטען, לאַנג־יאָהריגען אידעאַל. פאַרוואָס און ווי אַזוי, וועל איך באַלד ערקלערען. לאָמיך דערווייל געהן ווייטער.

איך האָב די סקיצע איבערגעלייענט נאָך אַמאָל. וואָס, אייגענטליך, האָט מיר אין איהר געפעהלט ? נו, ערסטענס אַ סטיל, אַזוינעם, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַן ערצעהלונג. צווייטענס, האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען אַ געוויסע אונבאהאָלפענקייט. חוץ דעם האָט עפּעס געפעהלט די דעקאָראַציע, די „פליטערלעך”, די באַפּוצונגען און אַנדערע אַטריבוטען פון אַ גוטע סקיצע.

אָבער... דער „אָבער” האָט מיך געמוטשעט.

עטליכע טעג שפּעטער האָב איך ארויסגענומען די מעשה׳לע פון איהר טעמפּאָרערען קבר אין מיין פּולט (דעסק, בלע״ז) און האָב זי געלייענט נאָך אַמאָל. אפשר, איז מיר מיט אַמאָל איינגעפאַלען, דארפען קינדער זאכען טאַקע אַזוי, קינדערמעסיג, דערצעהלט ווערן: אפשר איז טאַקע די דאָזיגע סטיל־לאָזיגקייט, די אונבאהאָלפענקייט און דאָס פעהלען פון „טרימינגס” און באַפּוצונגען טאַקע דאָס, וואָס גיט דעם טעם פון קינדישקייט צו דער מעשה׳לע ? און ווען זי זאָגט, למשל: איז ער געקומען... האָט ער געזאָגט, האָט זי איהם אָנגעקוקט, האָט ער דאָס און יענס געטאָן און אַזוי ווייטער, איז דאָס אפשר טאַקע דער אמת׳ער נאַטירליכער לשון פון קינדער ? וועט דען טאַקע אַ קינד זאָגען: „קומענדיג, האָט ער געזאָגט און זעהענדיג ווי זי קוקט איהם אָן, האָט ער... דאָס און יענס געטאָן...” ? רעט דען ניט אַ קינד כדרך הטבע מיט אָפּגעריסענע פראַזען, אָהן באַפּוצונגען, אָהן גאַלאַווינדלאַך, אָהן קונציגע, שעהן־געפלאָכ־

טענע פראַזען? איז ניט אַ סברא אַז דאָס גופה, דער לשון, דער צוגאַנג, דער נאַאיווער נוסח איז טאַקע דאָס וואָס ציעהט מיך צו, וואָס רופּעט מיך, וואָס לאָזט מיר ניט לאָזען אין איהר רוה אָט די דאָזיגע סקיצע, וואָס איך האָב געהאַט מקבר געווען אין אַ קבר'ל, אָהן אַ מצבה, אָן אַ זייט אין מיין דעסק, עפּעס אַזוי ווי אַ ממזר ביין פּלאַנקען?

און דאַן האָב איך זיך דערמאָנט מיט וואָס פאַר אַ מערקווירדיגען געפיהל איך האָב צום ערסטען מאָל געלייענט די קינדער־ליעדער פון דערזעלבער לאַה, צוריק מיט אַ יאָהר אָדער צוויי; ווי אַזוי איהרע ליעדעלאַך זיינען צו מיר געקומען עפּעס ווי די ערפילונג פון אַ וואונש, ווי די פאַרווירקליכונג פון אַן אידעאַל.

ווייל וויסען דאַרף מען, אַז מיין גאַנצער לעבען, מיט אַלע גוטע און שלעכטע זייטען אין איהם; אַלע מיינע חבר'שאַפטען און מחלוקות און פּאָליטישען און זשורנאַליסטישען לעבען האָבען שטענדיג געהאַט אַ שייכות מיט קינדער־פריינדשאַפטען, פון וועלכע מאַנכע זיינען געווען כמעט ליידענשאַפטליכע ליעבעספערהעלטניסע, סאַיי מיט אינגעלעך, סאַיי מיט מיידעלעך, דורך יאָהרען און יאָהרען. עס זיינען היינט דאָ מאַמעס און באָבעס, טאַטעס און יונגע זיידעס, וואָס האָבען מיך געליעבט אַלס קינדער און זיינען פון מיר געליעבט געוואָרען.

און ווען איך האָב אַמאָל ארויסגעזונגען אַזעלכע ווערטער ווי —

„זיין וואָלט איך אַ קינדערקיניג
„אין אַ קינדערלאַנד,
„מיט אַ קינדער מיניסטעריום
אָהן צו פיעל פאַרשטאַנד"

ווייל די ליבע, זי אַליין נאַר,
מיט איהר צאַרטער האנד,
קינדער־פאָלק און קינדער־קעניג
פיהרט אין קינדער־לאַנד."

איז דאָס געווען אַ וואַרעמער אויסגוס פון אַן אמת'ן געפיהל, — אַ געפיהל, וואָס ווערט כסדר שטאַרקער און פאַרנעהמט אַלץ מעהר און מעהר דעם פּלאַץ פון אָפּשטאַרבענדע ליידענשאַפטען און גאַרונגען — אין מיין ברוסט.

און באַטראַכטענדיג וואָס די וועלט־ליטעראַטור גיט מיר פון דער קינדערוועלט; באַטראַכטענדיג אפילו דאָס בעסטע, דאָס העכסטע; באַטראַכטענדיג אפילו דיקענס'עס קליינע מענשעלעך, זיין „ליטל נעל", זיין „ליטל פּאָול" און אַנדערע, אָדער קינדער בייא אַנדרעיעוו, ביי גאָרקי,

בײַ אַנאַטאָל פראַנס, בײַ פּיער מיל, בײַ ראָמען ראָלאַנד און בײַ אונזערע אײגענע דיכטער, פלעג איך אימער טראַכטען: „דאָס אַלץ איז זעהר שעהן, זעהר גרויס, זעהר ריהרענד, אָבער דאָס איז אַלץ בילדער פון קלײנע געמאָלט פון גרויסע, — פון מענשען, וואָס זײנען אַרויסגעוואַקסען, לאַנג שוין אַרויסגעוואַקסען פון זײערע קינדער־יאָהרען, פון אַנדערע וואָס זײנען אַלײן שוין „אויסגעבילדעט" (אַמאָל מיט דעם אַקצענט אויפ׳ען „א ו י ס") געוואָרען און אַלץ וואָס זײ האָבען אַמאָל אין זיך געהאַט פון זײער קינדהײט איז פארשמאָלצען געוואָרען מיט זײער שפּע־טערדיגען לעבען דורך די וועלט, די גראַמאַטיקע, דעם אוניווערסיטעט, דעם געשעפט אָדער דער פּראָפעסיע. זײ ווײסען שוין ניט מעהר ווי קינדער רעדען און דענקען חוץ זיך צוהערענדיג צו די דאָזיגע קינדער, אָדער זיך צוקוקענדיג צו זײ. צום אונגליק זײנען זײ אַלײן שוין „גרויסע", ביזי מיט זײער געשעפט, זײערע חבורים, זײערע ספּיטשעס זײערע עקספּערימענטען, זײערע קהל׳שע ענינים, זײער ליעבע, האַס און די לײדענשאַפטען פארבונדען מיט זײ.

און עס טרעפט דערפאַר, אַז בײַ די גרעסטע איז דאָס קינד ניט קײן קינד, נור א קלײן מענשעלע, ווי די ליפּוטיאַנער אין „גאַליווער׳ס רײזען" פון סוויפט, זײנען דערוואַקסענע מענשען אין אַ מיניאַטור־אויסגאַבע, ניט קינדער. אָבער אפילו וואו אַ „ליטל נעל", אַ „קאַיו" (בײַ פּיער מיל) אַ „קלײנער פּיער". גאָרקי׳ס „דיעוואָטשקאַ" און „עלים אין וואָנדערלאַנד" זײנען אמת׳ע קינדער, געמאָלט פון גרויסע קינסטלער, האָבען זײ דעם חסרון וואָס די מחברים זײנען גרויסע קינסטלער. צו פארשטעהן אַ קינד בעט זיך אַ קינד.

און יאָהרענלאַנג פלעג איך כסדר טענה׳ן, אַז עס וועט קײנמאָל ניט זײן קײן בוך פאַר און וועגען קינדער, ביז ערגיץ אַ געניאַלעס קינד וועט ניט נעהמען אַ פעדער אין האַנד און, בלײבענדיג אַלײן אַ קינד, באַהאַלטענדיג און דערהאַלטענדיג אין זיך די קינדערשע פּסיכאָלאָגיע, רעדענדיג דעם אמת׳ען אונגעקינסטלעטען קינדער־לשון, מיט זײן גאַנצע פּראָסטקײט און תמימות, — ביז אַזאַ קינד וועט ניט נעהמען שרײבען קינדער־ליעדער און קינדער־מעשיות.

ווען איך האָב געטראָפען לאה׳לעס „זײגער", „דער גוטער דראָגיסט", די „צוויי פעניעס", און צעהנדליגע אַנדערע אפשר נאָך מערקווירדיגערע זאַכען, האָב איך אויסגעשריען מיט באַגײסטערונג:

„עס איז דאָ! עס האָט זיך ענדליך באַוויזען דאָס קינד מיט דער פעדער אין האַנד!"

און פון יענעם טאָג אָן איז זי מיר געוואָרען מײן פארווירקליכטער אידעאַל, מײן קינדערדיכטערין, די אײנציגע, די אמת׳ע!

אין געדאַנקען הײסט זי בײַ מיר „לאה׳לע" די פעהיגסטע, אָבער

ניט ווייניגער קינדישע פון די אַלע אייגוואויגער פון מיין גרויסער קינדערוועלט, וואָס נעהמט איצט שוין ארום כמעט פולע דריי דורות.

און איך בין מוסר מודעה, אַז קיינער זאָל ניט נעהמען די געזאָגטע ווערטער אַלס „ראַציאָנעלע קריטיק” מיט חכמה, לאָגיק און אַלע זיעבען זאַכען. אפשר האָב איך אַ טעות, אָבער אַזוי פיהל איך. לאה ק. האָפמאַן, וועלכע מיין האַרץ, ווי געזאָגט, רופט שטענדיג „לאה'לע” איז מיין רעאַליזירטער חלום און וואָס די גרויסע קריטיקער זאָלען ניט זאָגען, איך ווייס איין זאַך: איך האָב מאַנכע פון איהרע ליעדעלעך און מעשה'לעך געלעזען צו פינף און צעהן מאָל; פיעלע פון זיי פאָר־געלעזען פאַר געסט אין מיין הויז, אָדער פאַר מענשען אין אַנדערע שטעדט. לאָז ווער עס וויל קלייבען די ווערעמדיגע אַרבעס, אויב אַזעלכע געפינען זיך, איך לאָב זיך מיט די גוטע.

אָט דעם געפיהל האָב איך געהאַט ביים ערסטען לעזען פון דעם ערסטען געדיכט און זיך דערמאָנענדיג אָן דעם, האָב איך נאָך אַמאָל געלייענט די סקיצע, פון וועלכע איך האָב אויבען גערעט.

מיינער אַן אמת'ער פריינד האָט מיר דאָ ניט לאַנג געגעבען אַ מעג־ליכקייט צו לעזען אין דער קאָררעקטור איהרע סקיצען אין דיעזען באַנד. איך האָב אויף זיי ווידער אַמאָל שהחינו געמאַכט, איהם דאַנקענדיג פאַר דעם פאַרשאַפטען פאַרגניגען, און מיט דעם „שהחינו” אויף מיינע ליפען אין דיעזען אויגענבליק שליס איך מיינע עטליכע ווערטער.

מאָררים ווינטשעווסקי.

ניו יאָרק, 3 יוני 1920.

גאָלדענע קריגעלעך.

ליליע איז געגאַנגען צום קליידער־שראַנק כאַפּען אַ קוק אויף איהר נייע קלייד, מיט די צוויי קעשענעס, האָט איהר אַ בלאַנק געטאָן פאַר די אויגען, ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַ טאַץ מיט גאָלד־געפאַרבטע קריגעלעך. דאָס האָט איהר מאַמע געקויפט אַ פּרע־זענט פאַר איהר פריינדין וועלכע האָט זיך געגרייט חתונה צו האָבען.

אַז ליליע האָט דאָס דערזעהן, איז זי אָפּגעשפּרונגען פון שאַפע פאַר איבערראַשונג. נאָכדעם אַז זי האָט זיך איינגעקוקט ווי שעהן די קריגעלעך זיינען, האָט זי איהר ענטציקונג מעהר ניט געקענט איינהאַלטען אין איהר קליין הערצעלע, און איז געלאָפען מיט אַ אָפען מויל, פאַרטיג אויסצושרייען איהר פרייד, אַבער קיי־נער איז אין הויז ניט געווען, איז זי געגאַנגען זוכען איהר חבר׳טע פעניע׳ן און זי האָט געלאָזט אָפען נאָך זיך די טיר פון קליידער־שראַנק פון וואַנען די קריגעלעך האָבען אַרויסגעבלאַנקט.

פעניע האָט געוואוינט אין זעלבען הויז מיט צוויי עטאַזשען העכער. איז ליליע שנעל אַרויפגעקראָכען אויף די טרעפּען מיט איהרע קליינע פיער יאָהריגע פיסעלעך און האַסטיג אָנגעקלאַפּט אין טיר. איז הינדא, פעניע׳ס גרויסע שוועסטער, געגאַנגען עפע־נען די טיר.

„פעניע איז דאָ?״ — האָט דאָס קינד באַלד אויסגעשריען נאָך איידער די טיר האָט זיך געעפענט.

„ניין, זי איז ניטאָ״, — האָט הינדא, מיט אַ רוהיגען געמיט געענטפערט.

„זי איז ניטאָ?״ — האָט ליליע אַ דערשראָקענע איבערגע־פרעגט. — „וואו איז זי?״

„איך ווייס ניט, קום אריין, זי'ט מסתמא באלד קומען."

איז ליליע אריין אין הויז, און האט זיך קיין ארט ניט געפונען פאר אונגעדולד. אלע מאל האט זי אויף דאס ניי געפרעגט: „וואו איז פעניע?"

הינדא'ס ענטפער אז זי ווייסט ניט, איז פאר איהר קיין ענטפער ניט געווען, און זי איז זיך אנגעגאנגען מיט איהר פרעגען. איז הינדא ארויס פון געדולד און געוואלט אנשרייען אויף איהר, טראכטענדיג: אזא קליינע נודניצע. האט זי א קוק געטאן אויף ליליען און דערזעהן צוויי בלישצענדע טרעהרען אין איהרע ברוינע פאר'חלום'טע אויגעלעך. „אויף וואס דארפסטו אזוי נויטיג האבען פעניע'ן?" — האט זיך הינדא פאראינטערעסירט.

„איך דארף איהר ווייזען די קריגעלעך!" — האט ליליע אויסגעשריען, ווי מען שרייט ארויס אן איינגעהאלטענעם וועהטאג.

„די קריגעלעך? וואסערע קריגעלעך?" — האט זיך הינדא געוואונדערט, און ניט פארשטאנען דעם טיעפען ערנסט פון דעם ענין.

„אונזערע גאלדענע קריגעלעך! עס שטעהט אין קליידערשראנק, אויף א גאלדענעם טאץ, קום, איך וועל דיר ווייזען!" — האט דאס קינד ארויסגערעדט אין איין אטעם.

„איך האב ניט קיין צייט, ליליע, ווארט, באלד וועט קומען פעניע וועסטו איהר ווייזען."

„אבער וואו איז פעניע?" — האט זי כמעט געפאדערט אן ענטפער.

„אז איך ווייס דאך ניט. נא, זעץ זיך אוועק און ווארט אויף איהר."

איז ליליע געזעסען א מינוט און מעהר ניט געקענט איינזיצען, האט זי זיך אויפגעהויבען, געגאנגען זוכען אין אלע צימערען, געזוכט אין די בעטען, אונטער די בעטען, און גערופען: „פעניע! פעניע! וואו ביזטו?" און אז זי האט איהר אין ערגעץ ניט געפונען, איז זי געבליבען שטעהן מיט א שמערצליכען אויסדרוק אויף איהר פנים'ל פאר גרויס בענקשאפט. מיט אמאל האט זי דער-

שפּירט טריט און איז צוגעלאָפן צום טיר. פעניע איז אריין. איז זי צוגעלאָפן צו איהר: „אָ, פעניע! גיכער קום! מיר האָבען גאָלדענע קריגעלעך דאָרטען וואו מיין נייע קלייד היינגט, קום וועסטו זעהן!"

„לאָז", — האָט איהר פעניע אָפּגעשטויסען. — „איך דאַרף אויפעסען מיינע ניס וואָס כ'האָב געלייגט באַקען".

„נעהם זיי און קום, ס'איז אזוי שעהן!"

„איך'ל ניט געהן, איך וויל ניט", — האָט פעניע גרויזאַם געענטפערט, און איהר אָנגעבאָטען אַ נוס. — „ס'איז זיס, נאַ, נעהם".

ליליע האָט זיך ניט געריהרט צום נוס, און זיך געבעטען: „קום אַראָפּ אויף איין ווײַלע."

„לאָז מיך אָפּ, איך וויל ניט געהן!" — האָט פעניע אַ געשריי געטאָן, און ליליע איז ארויס אַ וויינענדיגע.

„נאַ, אַט געהט זי, מיין טייערע טאָכטער", — האָט איהר די מאַמע באַגעגענט ניט גאָר פריינדליך, — „און זי וויינט נאָך! אפשר דאַרף מען דיר ארויסצאָהלען? דו קליינער שד! איך וועל דיר ווייזען ווי אזוי צו לאָזען אָפען די טירען, ווארט!" און די מאַמע האָט זיך טאַקע גענומען ווייזען וואָס זי קען... מיט איהרע גרויסע הענט אויף ליליע'ס פוכיגע בעקעלעך האָט זי געפּאַטשט, איהר צאָרן צו שטילען, און דאָס קינד האָט פאַר זיך געזעהן דעם גיהנום, לויט ווי איהר באָבע האָט איהר אויסגעמאָהלען...

צוטומעלט פון דער מאַמע'ס פּעטש איז זי געלעגען אויף דער ערד, דאָס הערצעל האָט זיך איהר געהויבען ארויף און אראָפּ, און איהרע שלוכצען זיינען געווען הילכיג און רעגעלמעסיג, אָבער זי האָט גאָר נישט געפיהלט.

אביסעל שפּעטער אז זי איז צו זיך געקומען האָט זי זיך דערמאָנט אָן די קריגעלעך, זיך באַלד אויפגעהויבען אזוי ווי אימיצער וואָלט איהר געהאָלפען און איז צו צום קליידער שאַפע, געעפענט די טיר.

„אוי, די קריגעלעך ניטאָ!" — האָט זי אויסגעשריען און

ערשט דערפיהלט דעם אמת'ן וועהטאָג. — „מאַמע, וואו די קריי־געלעך?" — האָט זי אינ'ם גרויסען מאָמענט פאַרגעסען צו זיין ברוגז מיט דער מאַמען.

„די קריגעלעך? איך פרעג דיך, מיין לייטישע טאָכטער, וואו זיינען די קריגעלעך, האָסט אַזוי פיין געלאָזט אָפען טיר און טויער און אריינגעשלעפט דעם גנב אין הויז, מיין גערעטעניש!"

„גנב", איז א וואָרט וואָס ליליע האָט ניט געוואוסט, און זי איז געוועזען צוטומעלט, האָט זי די גאַנצע מעשה ניט געקענט פאַר־שטעהן, דאָך האָט זי דערפיהלט אז „גנב" איז זעהר א שלעכטע זאַך. „וואָס איז גנב?" האָט דאָס קינד געפרעגט.

„מיין חכמה ווייס ניט וואָס גנב איז. מען האָט מיך בדלות געשטעלט, פרעגט זי וואָס גנב איז", — האָט די מאַמע גערעדט מיט פאַרדרוס.

מאַמע, וואו זיינען די גאָלדענע קריגעלעך?" — האָט ליליע געפרעגט, ווי ניט איהר מיינט מען עס.

„הער! וועסט אויפהערען פרעגען? א ניט פלעט איך דיר דעם מוח!" — איז די מאַמע אריין אין רציחה.

האָט זיך דאָס קינד דערשראָקען, און אנטלאָפען פון דער מאַמע'ן. נאָכדעם איז זי געגאַנגען זוכען אין גאַנצען הויז די קריי־געלעך, און ניט געפונען, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אויפ'ן זאָפע און אַזוי לאַנג געוויינט, ביז זי איז איינגעשלאָפען.

האָט זיך איהר גע'חלומ'ט אז פון די קריגעלעך זיינען געוואָ־רען מענשעלעך, און אַזוי ווי פעניע, ווילען זיי זיך מיט איהר ניט שפיעלען. נעהמען זיי זיך אַלע פאַר די הענד און שפּאַנען ארויס פון הויז, ארויסשטעקענדיג די צונג צו איהר.

אז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט זי ווידער געפרעגט דער מאַמען:

„מאַמע, וואו זיינען די גאָלדענע קריגעלעך?"

שטיינער.

ווע‎לוועלע איז געווען ביי זיך איין איינציגער, האָט ער זיך דעריבער זעהר ליעב געהאט, און נאָר עפּעס האָט ער זיך באַקלאָגט פאר דער מאמען. האָט זיך זיין מאַמע אויסגעקריגט מיט אלע שכנים, ווער ס'האָט נאָר א קרומען קוק געטאָן אויף איהר זוהן. זי איז דאָך געווען זיכער, אז ער וואקסט א רב. מען האָט דאָס געזעהען באשיינפּערליך, דורך זיינע איידעלע מאניערען, דען ער פלעגט ארומגעהן מיט שטיינער אין די קעשענעס און שאפען פרנסה פאר די גלעזער. אז מען האָט געהערט דרוזג! דרוזג! אין די שויבען, האָט מען שוין געוואוסט, אז דאָס איז ווע‎לוועלע, דער צוקונפטיגער רב, און מען איז געלאָפען צו זיין מאמען זיך אָפּ־קריגען דערפאַר.

פערעלע האָט געוואוינט לעבען ווע‎לוועלען, און זי האָט ניט מורא געהאט פאַר איהם. דאָס האָבען אלע איהרע חבר'טעס באַ־וואונדערט. און זי פלעגט זיך נאָך שפּיעלען מיט איהם אויך. פלעגט ער איהר אוועקגעבען זיינע געוואונענע קנעפּלעך און אז ער האָט זיי געדאַרפט, האָט ער זיי צוריק צוגענומען.

איינמאָל איז ווע‎לוועלע געזעסען אין הויף און געבויט א ברונעם, הער קאַץ צו דערטרינקען, און געפונען א פאַרראסטעטען רינג, האָט ער א געשריי געטאָן פון שמחה: „פערעלע!" איז זי באַלד ארויסגעלאָפען צו איהם, און ער איז איהר אַקעגען געלאָפען מיט'ן רינג שרייענדיג: „איך געפונען א רינג, איך געפונען!" און איהר דערלאנגט דעם רינג אָנצוטעסטען. איז ער געווען גע־נוג גרויס און זי האָט מיט'ן רינג באַציערט דריי פון איהרע פינ־גערלעך אויף איין מאָל. איז זי באַלד אריין צו דער מאמען ווייזען די שעהנע מתנה. האָט די מאמע געמאכט א זווערע מיענע:

„פע, אן אייזערנער רינג, וואו ס'טו דאָס גענומען?" „ס'א גאָל־דענער"ן — האָט זיך פערעלע געהאַלטען ביי דאָס איהריגע — „וועלוועלע מיר געגעבען" — האָט זי ארויסגערעדט מיט שטאָלץ.

— „א טייערע מציאה", — האָט די מאַמע גלייכגילטיג א זאָג געטאָן, און אָהן צערעמאָניעס אויסגעטאָן פערעלען דעם רינג און א וואַרף געטאָן דורכ'ן פענסטער. „און מיט איהם זאָלסטו זיך מעהר ניט שפּיעלען", האָט זי צוגעגעבען. האָט פערעלע קיין צייט ניט געהאַט צו נעהמען וויינען, דען דער רינג איז געווען אין גע־פאַהר, און זי איז ארויסגעלאָפען נאָך'ן רינג. געפונען די צירונג האָט זי עס ווידער אָנגעטאָן אויף איהרע דריי פינגערלאַך און איז צו צו וועלוועל'ן. האָט וועלוועלע אָנגעמאָסטען דעם רינג און ביידע האָבען איהם שטאַרק געליובט.

„אך, ס'רא שעהנער רינג!"

„ווי אזוי האָסטו איהם געפונען?" האָט זיך פערעלע געוואונ־דערט.

„אָט־אָ־דאָ גראָבענדיג דעם ברונעם."

„איכ'ל אויך גראָבען א ברונעם". איז פערעלען איינגעפאַלען.

„דו ניט קענען, דו נאָך א קליינע." — האָט דער בחור געזאָגט, מיט אויטאָריטעט.

„און דו?" — האָט זי א פרעג געטאָן מיט דרך ארץ.

„איך בין שוין א גרויסער, נאָך איין יאָהר, בין איך שוין אכט". און דאָס זאָגענדיג האָט ער זיך שטאַרק אָנגעבלאָזען. האָט זי פאַרשטאַנען זיין גרויסקייט און איהם אָפּגעמאָסטען מיט א בליק פול פאַרעהרונג. דען צו זיין מדרגה האָט זי זיך ניט גע־קענט גלייכען. זי איז ערשט געווען זעקס. און זי איז געוואָרען זעהר געפאַלען ביי זיך. האָט דאָס וועלוועלע באַמערקט און דער־פיהלט אין זיך דעם מאַנסביל, האָט ער איהר גענומען טרייסטען, אז זעקס איז נאָך ניט אזוי קליין, ס'איז דאָ נאָך קלענערע. ער קען א מיידעלע, וואָס איז בלויז פיער. איז ביי ביידען געוואָרען א רחמנות פנים צו דער מיידעלע, וואָס איז בלויז פיער, און זיי

האָבען זיך פאַרטראַכט, ביז דער שווערער רינג האָט זיך אַראָפּ־געגליטשט פון וועלוועלע'ס פינגער און א קלונג געטאָן אָן דער ערד. האָבען זיך ביידע אויפגעכאַפּט און זיך צולאַכט. נאָכדעם האָט ער געשאָנקען פּערעלען דעם רינג און מיט גרויס צערעמאָניע איהר געוואונשען: „טראָג געזונטערהייד!"

איז זי אריין אין הויז און בסוד־סודות באַהאַלטען דעם רינג אונטער'ן בעט.

אויף מאָרגען איז געקומען וועלוועלע און צוריק צוגענומען דעם רינג פון איהר. איז זי געזעסען אין א ווינקעלע און געוויינט, אַזוי לאַנג, ביז זי האָט פאַרגעסען פאַר וואָס, און ס'איז קיינער ניט געווען ווער עס זאָל איהר דערמאָהנען, האָט זי אויפגעהערט.

שבת פאַרנאַכט איז פּערעלע געזעסען אויפ'ן גאַניק צוגעטוליעט צו דער באָבען און געקוקט אויף די בלויע וועלדער, וועלכע וואַקסען ווייט, ווייט, ביי'ם ברעג פון הימעל. האָט זי פּלוצלונג דערפיהלט א האַק אין קאָפּ, און איהר אויסגעשריי האָט זיך אויסגעמישט מיט דער באָבעס. דאָס האָט דער צוקינפטיגער רב איהר מכבד געווען מיט איינעם פון זיינע שטיינער. פּערעלע האָט דערזעהן א שנירעל בלוט וואָס איז אַראָפּגערונען אויף איהר פּנים'על, זיך נאָך מעהר דערשראָקען, און גענומען שרייען „מאַמע!" איז די מאַמע אַרויסגעלאָפען, איהר צוגעלעגט א נאַסען האַנטוך צום קאָפּ, און איהר אָנגעזאָגט, זי זאָל זיך מעהר מיט דעם באַנדיט ניט שפּיעלען.

אויף מאָרגען, אַז פּערעלע האָט זיך באַגעגענט מיט וועלוועלע'ן, האָט ער איהר ווידער געשאָנקען דעם רינג, און זיי האָבען זיך געשפּיעלט מיט גרויס הנאה.

זיינען זיך ביידע קינדער אַזוי געוואַקסען, ביז ער איז געוואָרען דער אמת'ער יחסן, א בר מצוה בחור, האָט זי איהם איינמאָל מכבד געווען מיט צימעס, און זיי האָבען געגעסען פון איין טעלער. דאָס האָט פּערעלע געוואוסט, אַז מען טאָר ניט מיט א אינגעל, האָט זי א פאַרשעהמטען קוק געטאָן אויף איהם, און ביידע זיינען באַ־

רוישט געוואָרען פון א נייעם געפיהל . . . מיט אָראָפּגעלאָזטע אויגען צו דער ערד האָבען זיי אויפגעגעסען די צימעס און ניט גע-וואוסט וואָס פאַר אַ טעם עס האָט.

נאָכדעם האָט יעדער באַהאַלטען ביי זיך אַ פאַרלאַנג צו טרע-פען זיך אַליין און זיצען איינס לעבען אַנדערען. נאָר זאָגען דאָס, האָבען זיי ניט געוואוסט ווי. איז פּערעלע געוואָרען פאַרטראַכט און פאַרבענקט, און זיך געטוליעט צו דער באָבען.

אַז וועלוועלע איז אַוועק אין וואַלד מיט זיינע חברים איינמאָל אַ שבת נאָך מיטאָג, איז דאָרט געווען אַ גרויס שטעטישע מיי-דעלע, האָט זי איהם געשלעפּט פאַר'ן רעקעל, און אַזוי מאָדנע גע-קוקט אויף איהם, אַז ער איז ווילד געוואָרען, איהר אַ כאַפּ געטאָן און צוגעדריקט צו זיך. האָט דאָס אַ חבר דערזעהען און דערצעהלט פּערעלען, האָט זי איהם ניט געגלויבט און איהם גערופען ליגנער. נאָר עפּעס האָט איהר אַ פּיק געטאָן אין הערצעל . . .

איז זי אַ צווייטען שבת אַוועק אין וואַלד, און געזוכט עפּעס אַזוינס, וואָס זי האָט אַליין ניט געוואוסט. האָט זי דערזעהן ווי וועלוועלע שטעהט לעבען דער גרויסשטעטישער מיידעלע, און וועל-וועלע האָט פּלוצלינג דערפיהלט אַ זעץ אין פּנים, אַז ער האָט זיך אומגעקוקט פון וואַנען דאָס איז געקומען, האָט ער דערזעהען פּע-רעלען לויפען, אַזוי געשווינד ווי עס וואָלטען איהר נאָכגעיאָגט אַ באַנדע גזלנים.

אַז זי איז אַהיים געקומען, האָט זי געוויינט דעם גאַנצען טאָג. האָט איהר די מאַמע געפרעגט, צי וועלוועלע האָט איהר געוואָרפען אַ שטיין, האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאַ, און מעהר האָט זי זיך מיט איהם ניט געשפּיעלט . . .



דער יתום.

יאָסעלע איז געווען דער גרויסער, זעקס יאָהר אַלט, הערשעלע בלויז דריי יאָהר. האָבען זיי זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן קארפעט, און געשוואומען הין און צוריק. איז דער דאָזיגער טייך געוואָרען וואָס אַמאָל טיעפער, און גרעסער, און הערשעלע האָט זיך גענומען טרינקען. איז יאָסעלע באַלד צוגעשוואומען צו איהם, און מיט גרוים העלדישקייט ארויסגעראַטעוועט דעם קליינעם ברודער.

האָט הערשעלע געקוקט אויף יאָסעלען, מיט גרוים דרך ארץ, און איהם געהאַלטען פאר׳ן גרעסטען העלד אין דער וועלט. האָט יאָסעלע דערפיהלט זיין גרויסקייט און האָט זיך באריהמט אז ער קען אפילו אראָפּשפּרינגען פון ביכער שראַנק.

„אזוי, פון ביכער שראנק!" האָט זיך דער קלענערער געוואונ־דערט, און יאָסעלע איז געבליבען זיצען אויפ׳ן קארפעט בארוישט פון זיין העלדישקייט.

די שלאַנקע שעהנע מאמע, האָט געפּוצט דאָס הויז, און דורך איהר פּנים האָט זיך דורכגעלויכטען אַן אוצר פון געפיהלען... דאָס האָט זי ערוואַרטעט דעם טאַטען פון איהר אינגערען זוהן, וועמען זי האָט ניט געזעהן פאַר לאַנגע מאָנאַטען.

אַז זי איז געווען פארטיעפט האָבען זיך איהרע בחורים דער־פיהלט פריי, און געטאָן וואָס דאָס הארץ האָט געגלוסט. יאָסעלע איז באַלד ארוים אין דרויסען און זיך איינגעשמירט ווי גרויס ער איז, און הערשעלע האָט אָנגעבונדען אַ שטריקעל אָן טשייניק און איהם געפיה־ט איבער׳ן הויז.

„שטעל אוועק דעם טשייניק!" — האָט איהם די מאמע באַ־פוילען.

„ס׳איז דאָך אַ קאר!" — האָט ער איהר פאררי‍כט, און איז

ווידער געפאָהרען דערמיט. — „איך פאָהר צום פּאפּא" — האָט ער דער מאַמען ערקלערט. האָט זי זיך הילכיג צולאַכט, און פון אַלע ארבייט גענומען דעם זוהן אין די אָרעמס.

„דער פּאפּא וועט באלד קומען, קינד מיינס", — האָט זי צערטליך געריידט צו איהם, און געקוקט ווי עהנליך ער איז צום פּאפּא. די שווארצע ברעמען, דאָס גריבעלע אין מאָרדע, פּונקט ווי ז י י נ ס. נאָר די אונטערסטע דיקע ליפּעלע איז איהרס, און דאָס נעזעל אונטען אַביסעל ברייטלעך, דאָס איז אויך איהרס. איז זי געגאנגען צום שפּיגעל און זיך איבערציינגט אז — אז דער גאנצער אינגעל איז איהרער. און זי האָט איהם געמאכט רויטע ציי־בענס אויפ'ן האלז מיט איהר קושען.

נאָכדעם האָט זי זיך דערמאָנט אז זי האָט קיין צייט ניט, באלד וועט ע ר אָנקומען, און זי האָט נאָך אזוי פיעל ארבייט. וואו איז יענער זוהן? האָט זי זיך דערמאָנט, ער מוז שוין ערגיץ אי־בערקעהרען די וועלט.

„יאָסעלע!" — האָט זי גענומען רופען. באלד האָט זיך יאָ־סעלע באוויזען אן אויסגעשמירטער מיט בלאָטע, דאָס היטעל אויף א זייט, מיט א צופלאַמטען פּנים, קענטיג, אז ער האָט זיך שוין אויסגעקייקעלט מיט אַלע קינדער אין דרויסען.

„אוי, א צרה!" — האָט די מאַמע א געשריי געטאָן, — „ווי דו זעהסט אויס! כ'האָב דאָך דיר ערשט אָנגעטאָן ריינע קליידער! וועה איז מיר!" איז זי פאַרצווייפעלט געוואָרען. „וואו זאָל איך זיך דערנעמען כחות דיך צו האלטען ריין, טייפעל איינער!" זי האָט איהם א שלעפּ געטאָן מיט כעס און איהם גענומען אויסטאָן די שמוציגע קליידער.

יאָסעלען איז דער ברוך הבא ניט געפעלען געוואָרען, און ער האָט זיך געקליבען צו וויינען. מיט אַמאָל האָט ער אָבער דערזעהן זיין פאַרשמירטען פּנים אין שפּיגעל און האָט זיך צולאַכט.

„לאַכסט נאָך, הא!" — האָט איהם די מאַמע א מוסר געטאָן, אָבער שוין אָהן גרימצאָרן.

האָט זיך יאָסעלע געלאָזט דרעהען אָהין און אהער, ביז די

מאַמע האָט איהם אויסגעטאָן, אַרומגעוואַשען, און אויסגעפּוצט אין ריינע קליידער.

אויסגעשטאַנען דעם גלות, איז ער אַוועק זיך שפּיעלען מיט'ן ברודערל, מיט וועמען ער האָט זיך געפיהלט גאַנץ באַקוועם.

אַז די מאַמע איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער ארבייט, און זיך אויסגעפּוצט צוליעב דעם גאַסט, אין אַ טונקעל רויט'ן קלייד, איז זי געזעסען מיט ביידע קינדער נעבען זיך, און זיך צוגעהערט צו יעדען שאָרך. יעדער טראַט אויף די שטיגען, האָט אָפּגעקלאַפּט אין איהר הארץ, ביז וואַנען די טיר האָט זיך געעפענט און ע ר האָט זיך באַוויזען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך דער פריידיגער סצענע פון טאַטע מאַמע, האָט דער טאַטע אַ כאַפּ געטאָן הערשעלען אין די אָרימס, איהם געקושט און גערעדט צו איהם שעהנע רייד, נאָכדעם האָט ער ארויסגענומען צאַצקעס פון זיינע פּעקלעך, און געגעבען הערשעלען. דערווייל האָט ער זיך דערמאָנט אַז צאַצקעס האָט ער אויך פאַר יענעם אינגעל, האָט ער יאָסעלען אויך דערלאַנגט אַ צאַצקע, און אין איין גאַנג איהם גע־פרעגט וואָס ער מאַכט. האָט יאָסעלע צוגענומען די צאַצקע און איז אַוועק אָן אַ זייט אָן אומעדיגער, אַ באַליידיגטער. דער שעה־נער טאַטע האָט איהם אין שוים ניט גענומען, און די צאַצקע איז אויך ניט אַזאַ שעהנע ווי הערשעלע'ס. האָט ער אַוועקגעוואָרפען די צאַצקע, און איז געבליבען שטעהן אָן אָנגע'ברוגז'טער. די אויגע־לאָך האָבען זיך איהם לאַנגזאַם אָנגעפילט מיט טרערען, און ער האָט דערפיהלט אַז דער טאַטע איז **ניט זיינער**, **ער האָט ניט קיין טאַטען**.

די מאַמע און איהר גאַסט זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען מיט זייער פרייד, און זיי האָבען יאָסעלען ניט באַמערקט. אפילו הערשעלע וועלכער איז געווען יאָסעלעס אַ גרויסער פאַרעהרער, האָט פאַרגעסען אָן איהם, פיהלענדיג דעם טאַטען לעבען זיך.

האָט יאָסעלע שטאַרק דערפיהלט זיין עלענד שטעהענדיג אַליין

אין אַ װינקעלע, אָהן אַ מאַמען, און אָהן אַ ברודערל, און קײן טאַטען
האָט ער אױך ניט, אַלע אינגעלעך האָבען טאַטעס, און ער ניט...
האָט ער זיך ביטער צו־װײנט:

„איך װיל אױך אַ טאַטען!"...



די הענדשקע.

די קלײנע אליא מיט די פלאקסענע האר האט זיך אויפגע־כאפט אין דער פריה און דערזעהן א לײדיגע הײזעל. די מאמע איז ניט געווען און אויפ'ן אויוועז האט זיך גאר נישט געפרעגעלט. איז איהר אומעדיג געווארען און די הײליגע בילדער אויף די ווענד האבען איהר אנגעקוקט שטרענגער ווי אימער. דורכ'ן קלײנעם פענסטערעל האט זי דערזעהן א פארשנעהטען בלויליכען דרויסען, וואס האט איהר דערמאנט, אז עס איז איהר קאלט, און זי האט א ציטער געטאן אונטער דעם בארג שמאטעס, וואס די מאמע האט איהר נעהאט צוגעדעקט. איז זי ארויסגעשפרונגען פון בעט און ארײנגעשפרונגען אין דער מאמע'ס אן אלטען פעלץ, וואס האט זיך געשלעפט אויף דער ערד, און איז א בארוויסע ארויס געלאפען אין דרויסען זוכען די מאמע

אומגעקוקט זיך אין אלע זײטען, האט זי דערזעהן דרײ מע־נער געהענדיג. דער מיטעלער האט געהאט רויטע בענדלעך און בלאנקע קנעפ אויף זײנע קלײדער, און ער האט געטראגען איהר טאטעס גרינע הענדשקע, האט זי באלד א געשרײ געטאן:

„מײן טאטעס הענדשקע!"

זײנען די מענער צוגעקומען נאהענט צו איהר, און דער מאן מיט די בלאנקע קנעפ, וואס איז געווען דער אוריאדניק פון דארף, האט איהר געפרעגט:

„אזוי, דאס איז דײן טאטעס הענדשקע?"...

„אודאי איז דאס מײן טאטעס הענדשקע", — האט זי מיט שטאלץ געענטפערט. דער אוריאדניק האט זיך איבערגעקוקט מיט די אנדערע מענער און האט א פרעג געטאן:

„האסטו נאך אזא הענדשקע?"

„יא, איך האב".

„נו, ברייננ זי ארוים!“

איז אליא באלד געלאָפען אין הויז, אויסגעזוכט דעם טאטענ'ס צווייטע הענדשקע און ארויסגעטראָגען דעם אוריאדניק. האָט ער פארגליכען די הענדשקעס. געזעהן, אז זיי זיינען גלייך, און גע־פרעגט:

„וואו איז דיין טאטע, מיידעלע?“

„איך וויים ניט, מיין מאַמע איז אויך ניטאָ“, — האָט אליא געזאָגט מיט אַן אויסדרוק פון עלענד און האָט זיך פארקוקט אויף די בלאנקע קנעפּ.

דער אוריאדניק האָט עפּעס געזאָגט צו די אנדערע מענער, וואָס אליא האָט ניט פארשטאנען, זיינען זיי אריין אי שטיבעל און גענומען זוכען.

אליא האָט נאָכגעקוקט אלע זייערע באוועגונגען און ס'איז איהר גאָר ניט געפעלען געוואָרען וואָס זיי זיינען אזעלכע שלעכטע און ווארפען אלצדינג פאנאנדער מיט אזוי פיעל רשעות. איז זי געשטאנען א פארציטערטע און זיך געטרייסעלט פאר קעלט. ביס־לאכוויז האָבען זיך איהרע צושראָקענע אויגעלעך אָנגעפילט מיט טרעהרען און זי האָט זיך צעווײנט:

„מאמע! מאמע!“ — — —

„שווייג!“ — האָט דער אוריאדניק א טופּע געטאָן מיט'ן פוס. האָט זיך אליא א וואָרף געטאָן פאר שרעק און האָט זיך נאָך העכער צושריען.

„שוויינ, ממזר! כ'וועל דיך דערווערגען!“ — האָט ער ווידער א געשריי געטאָן און האָט זיך געלאָזט מיט די אנדערע מענער קריכען אויפ'ן בוידעם.

אז זיי זיינען ארויף אויפ'ן בוידעם, איז אליא'ן אביסעל לייכטער געוואָרען. האָט זי שלוכצענדיג אויסגעזוכט א פּאָר אלטע שלורעס, זיי אָנגעטאָן און איז ארויסגעלאָפען פון שטיבעל.

איבער א ווייטען פעלד איז זי געלאָפען צו א שכנה, אפשר איז דאָרט דאָ די מאמע. איז זי אריינגעפאלען אָהן אן אטעם פון

לויפען, אין דער שכנה׳ס שטיבעל, באלד א זוך געטאָן מיט די אויגען און די מאמע ניט געזעהן.

דערזעהענדיג דאָס קינד א פערוויינטע, מיט א פנים׳על פון שרעק, האָט זיך די שכנה דערשראָקען און געפרעגט"

„וואָס איז געשעהן, אליא?"

„ניטאָ מיין טאָמע! ניטאָ מיין מאָמע! — האָט זי וויינענדיג אויסגעשריען.

„וואָס הייסט? וואו זיינען זיי?" — האָט זיך די שכנה גע־וואונדערט.

„מען האָט זיי מסתמא צוגענומען. מען איז געקומען מיך אויך צו נעמען, א מאן מיט בלאנקע קנעפּ. בין איך אנטלאָפען".

„א מאן מיט בלאנקע קנעפּ?" — האָט די שכנה איבערגע־רעט פאר זיך און ס׳איז איהר עפּעס קשה געוואָרען. — „אזוי! און אויף וואָס דארף ער דיך?"

„כ׳ווייס ניט. ער געזאָגט, ער וועט מיך דערווערגען".

„אזוי גאָר?"

„אהום". — האָט אליא א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קעפּעל און גענומען אויף דאָס ניי וויינען.

„שא, שא, וויין ניט, אליא. נא אָט ווארים זיך בעסער אָן ביים אויווען. ביזט אזוי געפראָרען און איך וועל דיר געבען א בלינע. האָסט דאָך היינט נאָך גאָר ניט געגעסען. הא?"

„איך וויל מיין מאמען!", — האָט אליא געשלוכצעט.

„שא, אליא, דיין מאָמע איז גאַנץ, מען וועט איהר גאָר ניט טאָן. אָט וועסטו זעהן אז זי וועט באלד קומען דיך זוכען", — אזוי טרייסטענדיג האָט די שכנה אוועקגעזעצט אליא׳ן ביים אויווען און איהר דערלאנג א הייסע בלינע. האָט זי גענומען די בלינע און געגעסען א וויינענדיגע.

נאָך א שכנה איז אריינגעלאָפען און אויסגעשריען: „מ׳האָט שוין געפונען דעם מערדער!"

„ששש!" — האָט די ערשטע איהר א צייכען געגעבען זי זאָל שווייגען. האָט זיך יענע אומגעקוקט, דערזעהען אליא׳ן און איז גע־

בליבען שטעהן מיט אן אָפענעם מויל. האָט די ערשטע שכנה ארויפגענומען א פאטשיילע אויף זיך און איז ארוים מיט די אנדערע אין דרוסען.

„אך, אזא אומגליק!" — האָט די ערשטע אָנגעפאנגען.

„וואָס עפּעס אן אומגליק? האָט ער ניט געזאָלט דער'הרג'ענען וויינקא'ן.

מ'וויים דען זיכער, אז ער האָט איהם דער'הרג'עט?"

„יאָ, זיכער, מ'האָט דאָס אויסגעפונען דורך א הענטשקע".

„ווי אזוי?"

„מען האָט געפונען לעבען טויטען א הענדשקע, און די הענדשקע איז טאקי קאראקאווסקי'ס"

„פון וואנען וויסט איהר דאָס?"

„איך וויים. אָט קום איך ערשט פון דאָרט. כ'האָב גערעדט מיט'ן אוריאַדניק".

„און וואָס וועט איהם קומען דערפאר?"

„א צוועלף יאָהר קאטאָרגע, מסתמא".

„יעזוס קריסטוס", — האָט די ערשטע שכנה ארויסגעזאָגט מיט וועהטאָג.

„ער איז געווען אזא וואוילער. ווי האָט ער דאָס געקענט טהאָן אזא זאך?"

„מסתמא זיך שטארק אָנגע'שיכור'ט. ווער וויים?"

„טאקע, טאקע, געמוזט זיין זעהר שיכור נעכטען", — האָט די ערשטע באמערקט מיט פארדרוס און איז אריין צוריק אין שטיבעל מיט גרוים רחמנות צו אליא'ן. און אליא האָט זיך געהאט פארקוקט אויפ'ן פייער און פארגעסען וויינען. נאָר אזוי ווי זי האָט דערזעהן די שכנה, האָט זי זיך דערמאָנט און האָט זיך ווידער צואויינט: „מא—מא! איך וויל מיין מא—מען!".

„שא קינד! דיין מאמע קומט באלד. וויין ניט. נו, ווארים זיך בעסער אָן די פים ביים אויווען. אוי„ ס'רע בלויע פים. ווילסט אפשר נאָך א בלינע?"

ניין! איך וויל מיין מאמען!" — האָט זיך אליא געהאלטען

ביי דאָס איהריגע. מיט אמאָל האָט זי דערפיהלט איהר מאמעס טריט. האָט זי זיך אויפגעכאפּט און איז איהר אנטקעגען געלאָפען. דערזעהענדיג די מאמע א ווילדע, א צוטראָגענע, האָט זי זיך אויף דאָסניי דערשראָקען און זיך צוגעטוליעט צו דער שכנה.

„אי, טאָכטער מיינע, וואָס דו האָסט אָנגעטהאָן!" — האָט די מאמע ארויסגעשריען מיט וועהטאָג.

„איך האָב גארנישט געטהאָן!", — האָט זיך אליא איינגע־צויגען פון אינערליכען שרעק.

„אי, טאָכטער מיינע. וועסט אמאָל דערפיהלען, וואָס דו האָסט געטהאָן"... — האָט די מאמע ארויסגערעדט שטיל, ווי צו זיך, און צוויי טרעהרען האָבען זיך געשלענגעלט איבער איהר רויטען וויל־דען פנים.

זי האָט גענומען אליא'ן פאר א הענטעל און איז ארוים מיט איהר. די שכנה האָט איהר נאָכגעקוקט און געזעהן, ווי אליא מיט איהרע קליינע פיסעלעך לויפט נאָך דער צורודערטער מאמען, וועל־כע שטעלט אזעלכע גרויסע טריט.

אליא האָט זיך זעהר שטארקע דערשראָקען, ניט וויסענדיג פאר־וואָס, ביז זי האָט דערזעהן, ווי דער שלעכטער אוריאדניק פיהרט דעם טאטען. זי האָט זיך ארויסגעריסען פון דער מאמען און איז צו־געלאָפען צום טאטען, האָט ער אזא קוק געטהאָן אויף איהר, אז זי איז אָפּגעשפּרונגען פון איהם פאר שרעק. די מאמע האָט זיך הויך צואויינט, און איהר יאָמער האָט זיך צוטראָגען ווייט איבער די לײדיגע, קאלטע פעלדער.

דער אוריאדניק האָט א שלעפּ געטהאָן אליא'ס טאטען און איז אוועק מיט איהם. איז אליא ווידער נאָכגעלאָפען דער מאמען און האָט זיך אלע מאָל אומגעקוקט אויף צוריק, צו זעהן איהר טאטען פון דערווייטען, ביז זי האָט איהם שוין מעהר ניט געזעהן. אָבער זיין קוק האָט איהר נאָך אלץ געשראָקען.

אז זיי זיינען אהיים געקומען און דאָס קאלטע שטיבעל איז פול געוואָרען מיט דער מאמע'ס געוויין, האָט זיך אליא אוועק־

געזעצט אין א ווינקעל און געטראכט: פארוואס האט דער טאטע אזוי געקוקט אויף איהר?...

די מאמע האט ביסלעכווייס אויפגעהערט וויינען און האט זיך דערמאנט, אז זי האט נעכטען ביי־נאכט איינגעמאכט ברויט, און עס וועט שוין זיין איבערגעזויערט. און ווער וועט איהר איצט פערדינען אויף אנדערע ברויט?.. איז זי געגאנגען א שלובצענדע, געקנעטען די ברויט, געהייצט דעם אויווען און געבאקט בלינצעס, פון גע־וואוינהייט וועגען. אז די פרישע, הייסע בלינצעס האבען געגרייצט דעם ליידיגען מאגען, האט די מאמע מיט דער טאכטען געגעסען און פארטרונקען מיט טרעהרען...

די מאמע האט געוויינט און געוויינט, ביז זי האט אויפגעהערט און געבליבען אן אומעדיגע, האט אליא מורא געהאט צו פרעגען דער אומעדיגער מאמע׳ן פאר וואס מען האט אוועקגענומען איהר טאטען, פארוואס קומט ער ניט צוריק און פאר וואס האט ער אזוי געקוקט אויף איהר?.. אימער האט זי געטראכט דערפון און איז גע־וואקסען צוזאמען מיט די פראגען, ביז זי איז אויסגעוואקסען באלד אזוי גרויס ווי די מאמע, און די פראגען נאך גרעסער פון איהר. האבען זיי איהר טיעף געבויערט אין מח און זי האט זיך עפעס דערמאנט — „די הענדשקע“!“. „אוי, מאמעלע, די הענדשקע!“, און זי האט אויסגעריסען א בונט האר פון קאפ.

זאַמאַלע.

אין קליינעם שטעדטעל אין געקומען צופאַהרען אַ בחור אין אַ קורצען רעקעל און אין אַ שווארצען ווייכען הוט, אַהן אַ באָרד און אַהן וואָנצען. האָבען איהם די אַלטע ווייבער גערופען שנעק, און איהם פיינט געהאַט. אָבער די יונגע ניט...

איז ביי די מיידלאַך געוואָרען יום־טוב און זיי האָבען אויסגע־קויפט אַלע רויטע און ראָזע סטענגעס פון די קראָמען. איז געקור־מען אַ מיידעל וואָס האָט געהייסען פריידעל, מיט אַ לאַנגען, ווייסען האַלז און מיט פעך שווארצע אויגען, און זי האָט דעם בחור אָנגעטאָן אַ כישוף. האָט ער שוין מעהר קיין אַנדערע מיידלעך ניט געזעהן, און אומזיסט האָבען זיי זיך אַלע אויסגעצוואָגען די קעפּ, אויסגע־בריהט די פּנים'ער, און אָנגעטאָן זיך קאָלירטע שלייפען אין די נאַסע, גלאַנציגע האָר.

פריידעל האָט אויסגעצויגען איהר לאַנגען האַלז און מיט'ן קאָפּ אין דער הויך האָט זי ווי געשוועבט דורך די גאַסען, ווען די קנאה־בליקען פון די מיידלאַך האָבען איהר נאָכגעפאָלגט פון אַלע זייטען. זי האָט זיך געפיהלט די קעניגין פון שטעדטעל, און איהר הארץ איז געוועזן פול מיט פרייד.

האָט זיך איהר מזל אַ קעהר געטאָן, און דער שעהנער בחור איז אַוועקגעפאָהרען. פלעגט פריידעל ליגען אין די קישענס און וויינען: און די שכנים זיינען געקומען און אָנגעזאָגט איהר בלינדע מאַמען, אַז ס'איז שוין דאָ וואָס צו זעהן... האָט די מאַמע געבראָכען די הענד און געקלאָגט אויף'ן אומגליק.

פריידעל האָט זיך געוואַלגערט אין די קישענס, זיך געבאָדען אין טרערען, ביז ס'איז געבאָרען געוואָרען אַ איינגעלע. האָט מען געשאָלטען זיין טאַטען און איהם געהאָדעוועט מיט צוגעבראָכענע מילך וואָס די בלינדע באָבע פלעגט קאָכען; און דער יונגער מאַמען

האָט די שאַנדע פּאַרטריבען אין אַן אַנדער שטעדטעל, וואו זי האָט געאַרבייט אין אַ פרעמדען הויז און געטראַכט פון איהר קליינעם זאַמאַלען, און פון זיין שעהנעם טאַטען.

אַז זאַמאַלע איז געוואָרען אַ מענשעלע וואָס קען געהן און רייד־דען, האָט איהם די בלינדע באַבע אָנגעטאָן אַ מאַנטעלע אויפ׳ן לינ־קען זייט, מיט׳ן רויטען אונטערשלאַק אַרויף, און ער איז אַרוים אין גאַס זיך באַגעגענען מיט נאָך קינדערלעך. האָבען אַלע קינדער זיך צולאַכט פון׳ם רויטען אונטערשלאַק פון אויבען. און איין קינד האָט באַמערקט: „אַז ער איז דאָך אַ ממזר!“

„ניין, איך בין אַ זאַמאַלע!“ האָט איהם דאָס קינד פאַרריכט.

„זאַמאַלע ממזור!“ האָט נאָך אַ איינגעל אויסגעשריען און זאַמאַלען האָבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגעלעך. איז ער געשטאַנען פון דער ווייטען און געקוקט מיט פאַרדרוס ווי אַלע קינ־דערלעך טאַנצען אין אַ ראָד און איהם נעהמט מען ניט אַריין. איז ער אַריין אַ וויינענדיגער צו דער באַבען און געזאָגט: „איך וויל אויך טאַנצען אין אַ ראָד“.

„וואַרט מיין אַרים שעפעלע, אַז דיין מאַמע וועט איה״ש חתונה האָבען און דו וועסט האָבען ברידערלעך און שוועסטערלעך, וועסטו מיט זיי טאַנצען“, האָט איהם די באַבע געטרייסט.

„באָבע, איך האָבען בידאַלעך און פעסטאַלעך צו טאַנצען?“ האָט זאַמאַלע דערפרעהט געפרעגט.

„יאָ, מיין קינד, אַז גאָט וועט אונז בענשען“.

האָט דאָס קינד זיך אונטערגעטאַנצט פאַר שמחה און אַרומגע־כאַפּט דער באַבען. „באַבע, זאָג, וואָס איז ממזור?“ האָט זיך די באַבע צעוויינט און איהם גאָרנישט געענטפערט. איז ער אַראָפּ פון דער באַבע׳ס שויס און איז אַרוים אין דרויסען. ווי ער האָט נאָר באַגעגענט אַ איינגעל, האָט ער איהם באַלד געפרעגט: „וואָס איז דאָס ממזור?“ האָט זיך דער איינגעל באַצויגען צו איהם מיט גרוים ערענסט און איהם ערקלערט:

„אַ ממזר איז, אַז מען האָט ניט קיין טאַטען“.

„מיין מאמע קומען, זי בענגען א טאטען", האט איהם זאמאלע געענטפערט.

„אבער ברידערלעך מיט שוועסטערלעך דארף מען אויך האָ־בען".

„יא, מאמע ביינגען בידאלעך און פעסטאלעך", האט זאמאלע געזאגט מיט שטאָלץ, און איז פול מיט האפענגונג אריין אין הויז.

אז זאמאלע'ס מאמע איז געקומען, האט זי איהם געבראכט א פייפעלע, א הענדעלע וואס קרייעט, אז מען נעהמט אין מויל, און א נייע היטעלע. האט ער גענומען אלע מתנות, און איז ארוים אין גאס זיך אויספיינען מיט זיי פאר די קינדער. האבען אלע איהם אויפגענומען מיט דרך ארץ און די פייפעלע מיט'ן הענדעלע זיינען איבערגעגאנגען פון איין מויל אין דער אנדערער, נאכדעם האבען אלע אנגעמאסטען דאס היטעלע, און זאמאלע איז געשטאנען א צור־טראגענער פון שמחה.

„אבער דו האסט דאך ניט קיין טאטען!" האט א אינגעל אויסגעשריען פאר קנאה.

„איך האב א שעהנע מאמע, און דו האסט ניט", האט זאמאלע זיך גערייצט מיט איהם. נאכדעם האט ער מיט שטאָלץ צוגענומען פון די קינדער אלע זיינע מתנות און איז אריין אין הויז קוקען אויף זיין מאמען.

זיין מאמע האט איהם זעהר ליב געהאט און האט איהם דער־צעהלט שעהנע מעשה'לעך פון א שעהנעם טאטען מיט שווארצע, קרויזע האר, אין א קורצען רעקעל מיט לאנגע, שמאלע הויזען. יא, אזא טאטען האט ער טאקע געוואלט. ער האט געזעהן אזא בילד אין מאמע'ס טשעמאדאן? פון דאמאלסט אן האט זאמאלע גע־חלומ'ט פון'ם שעהנעם טאטען מיט די קליינע שוועסטער און ברי־דערלעך.

איז די מאמע אוועקגעפאהרען און ער האט א לאנגע צייט גע־ווארט ביז זי איז צוריק געקומען, האט זי איהם געבראכט שעהנע קליידער, איהם אויסגעפוצט און אוועקגענומען מיט זיך אין א נייער וועלט. דארט האט געזאלט זיין די אויסגע'חלום'טע משפחה.

אין צוגעגאנגען צו איהם אן עלטערער איד מיט א לאנגע באָרד, איהם גענומען אין שוים, און איהם געזאָגט, אז ער איז זיין טאטע. האָט זיך דאָס קינד אראָפּגעגליטשט פון דעם אידען'ס שוים, זיך געשטעלט אקעגען איהם און באטראכט די שטיקלעך פים וואָס האָבען ארויסגעשטעקט פון די לאנגע קאפאָטע, נאָכדעם האָט ער איהם פארגליכען צו דעם בילד אין זיין מוח'ל פון דעם שעהנעם טאטען. און ער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אן ענטשיעדענעם ניין.

„דו ניט מיין טאטע, מיין טאטע א שעהנער", האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט. האָט איהם דער איד געגעבען א בייזען קוק און פארדראָסען גערעדט צו זיך, וואָס דאָס קינד האָט ניט פארשטאַנען.

האָט זיך זאמאָלע געווענדט צו דער מאמען, און געמאָנט דעם שעהנעם טאטען.

„דאָס איז דער טאטע", האָט די מאמע מיט פארדרום באפוילען. „דו דארפסט איהם ליב האָבען, ער וועט דיר געבען עסען און אלץ וואָס דו און דיין מאמע וועלען דארפען". איז דעם קינד זעהר אומעדיג געוואָרען, און ער האָט אריינגעשטעלט די פויסטעלעך אין די אויגען. האָט ער זיך מיט אמאָל דערמאָנט אָן די שוועסטער און ברידערלעך, וואָס ער וועט קריגען, און ער האָט אויפגעלויכטען:

„מאמע, זאָג, וואו די בידאלעך און פעסטאלעך?"

„באלד וועלען זיי קומען, מיין קינד."

איז זאמאָלע געווען אין גרוים ערוואַרטונג, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי ער וועט מיט זיי טאנצען אין א ראָד.

באלד איז אריין א גרויסע מיידעל, באלד ווי די מאמע די גרויס, און א בחור אויך א גרויסער. האָט זיך דאָס קינד דערשראָקען פאר זיי און זיך באהאלטען הינטער דער מאמען, האָט די מאמע א שמייכעל געטאָן און איהם געבעטען ער זאָל זיך ניט שעהמען. דאָס איז פאר איהם א שוועסטער מיט א ברודער. האָט זאמאָלע אָנפאנגס גאָר ניט געגלויבט, ביסלעכווייז האָט ער דערפיהלט דעם אמת און אָנגעפאנגען צו וויינען.

„שא, מיין קינד, וויין ניט", האָט די מאמע איהם געבעטען.

„און מיט וועמען צו טאַנצען אין א ראָד איך ניט האָבען ?“ — האָט ער געכליפּעט.

„שאַ, מיין קינד, וויין ניט, אָט, וואַרט ביז איך וועל האָבען א קליין אינגעלע וועסטו טאַנצען מיט איהם אין א ראָד“, האָט איהם די מאַמע געטרייסט.

„און ער זיין דער טאַטע ?“ האָט זאמאלע געפרעגט א וויינענ־דיגער, ווייזענדיג מיט'ן הענטעל אויפ'ן ברוגז'ן אידען.

„יא, מיין זוהן“.

„וויל איך ניט !“ האָט דאָס קינד זיך צושריען מיט אלע כחות. די מאַמע האָט איהם ניט געקענט איינשטילען, און האָט זיך אליין אויך צוּוויינט...

די שכנה.

רחל׳ע איז געווען זעהר געראָטען פאַר איהרע פיער יאָהר, זי האָט געקענט זינגען ליעדלעך, ווען געסט זיינען געקומען, נאָר איין פעהלער האָט זי געהאַט, זי האָט ליעב געהאַט דער שכנה, מיסעס שולער, א שעהנע, יונגע פרוי מיט ווייסע, ווייכע הענט, און אַז זי פלעגט ארומנעהמען רחל׳ען, פלעגט דאָס קינד צומאַכען די אויגען פאַר תענוג.

פלעגט רחל׳ע אַלע מאָל לויפען צו דער שכנה און ניט געוואָלט אָפּטרעטען פון איהר, האָט דאָס דער מאַמען פאַרדראָסען: „געזעהן א מויד זאָל שטענדיג זיין אין פרעמדע הייזער? איכ׳ל איהר שוין געבען!" פלעגט די שווארצע, ברייט־ביינערדיגע מאַמע זיך ביי־זערען און ארייַנשלעפּען דאָס קינד מיט געוואַלד צו זיך אין הויז, און איהר אָנשלאָגען. פלעגט דאָס קינד נאָך מעהר פיינט האָבען דער מאַמען און שטארקער ליעב האָבען דער שכנה. האָט די מאַמע געזעהן אַז זי קען רחל׳ען ניט אָפּרייסען פון דער שעהנער מיסעס שולער, האָט זי איהר פאַר׳מסור׳ט פאַר׳ן פּאַפּאַ.

האָט דער גוט־מוטיגער פּאַפּאַ אויסגעהערט דער בייזער מאַ־מען, און מיטגעפיהלט רחל׳ען; מחמת ער אַליין האָט אויך מעהר חשק געהאַט צו זיין ביי דער שכנה... נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַר דער אויפגערעגטער מאַמען און האָט כלומר׳שט זיך אָנגע־בייזערט אויף רחל׳ען:

„טאַקע, רחל׳ע, וואָס געהסטו אהין? זיי בעסער אין הויז און פאָלג דער מאַמען".

„איך וויל האָבען א שעהנע מאַמע, אזוי ווי מיסעס שולער" — האָט דאָס קינד ארויסגערעדט איהרס א באַהאַלטענעם געפיהל, און דער טאַטע, וואָס האָט אויך געפיהלט דאָס זעלבע, האָט מורא גע־

האט אויפצוהייבען דעם קאפ טאמער באגעגענט ער זיך מיט די שוועבעל און פעך בליקען פון זיין ווייב.

„וואס, די מאמע געפעהלט דיר ניט? דיר מיט'ן טאטען גע־פעהלט ניט די מאמע. וואס, איך וויים עס ניט? געהט צו מיסעס שולער, זאל זי האבען די מציאה, ווער דארף אייך! — האט זיך די מאמע צו־טענה'ט, ווארפענדיג בליקען אמאל אויפ'ן טאטען, אמאל אויף דער טאכטער.

האט רחל'ע קיין קאטאוועס ניט פארשטאנען און האט זיך פלינק א לאז געטאן דורכ'ן טהיר צו דער שכנה.

מיסעס שולער, וועלכע האט קיין קינדער ניט געהאט, האט שטארק ליב געהאט רחל'ען, און זי האט איהר באגעגענט מיט גאר א ליבען שמייכעל.

„וויסטו וואס, מיסעס שולער? דו וועסט זיין מיין מאמע" — האט רחל'ע געמאכט א נייעם פלאן.

האט איהר די נייע מאמע ארומגעכאפט, צוגעדריקט צו זיך און איהר ערקלעהרט, אז איהר מאמע וועט איהר ניט לאזען נעהמען קיין נייע מאמע.

„זי וועט יא לאזען", האט רחל'ע געזאגט. „זי וויל מיך סיי ווי ניט האבען, זי'ט ערשט געזאגט צו מיר און צו מיין פאפא: „געהט, געהט, צו דער שכנה, ווער דארף אייך האבען?" זעהסט? זי דארף אונז ניט!"

האט זיך מיסעס שולער צולאכט, און געזאגט צו רחל'ען:

„געה, נארעלע, זי האט דאס ניט געמיינט, מאמעס זאגען אזוי אז זיי זיינען אין כעס, אבער זיי מיינען דאס ניט."

„מיין מאמע מיינט דאס יא" — איז רחל'ע באשטאנען אויף דאס איהריגע. „זי שרייט אויף מיר און זי שלאגט מיך. זי האט מיך פיינט, און איך וויל, אז דו זאלסט זיין מיין מאמע."

„יא, קינד, איך וועל זיין דיין מאמע, אויב יענע מאמע דיינע וועט דיך אפלאזען" — האט מיסעס שולער איהר צוגעזאגט.

האט זיך רחל'ע שטארק געפרעהט, און גענומען שפאנען אי־בער'ן הויז גאנץ ברייטלעך, ווי דאס הויז וואלט שוין געהערט צו

איהר. נאָר וואָס וועט זיין מיט'ן פּאַפּאַ? האָט זי אַ טראַכט געטאָן. דעם פּאַפּאַ וואָלט זי דאָך אויך געוואָלט האָבען. סיי ווי איז ניט ריכ־טיג, אַז אַ יונגער שעהנער פּאַפּאַ זאָל זיין מיט אַ מיאוס'ע מאַמע. מיסעס שולער פּאַסט זיך בעסער פאַר איהם. און מיסעס שולער'ס מאַן איז אַ גראָבער, ניט קיין שעהנער.

„מיסעס שולער", האָט רחל'ע אויסגעשריען. „דיין מאַן איז ניט קיין שעהנער. מיין פּאַפּאַ איז שעהנער. דו נעהם מיין פּאַפּאַ, און מיין מאַמאַ וועט נעהמען דיין מאַן, יאָ?" און צוליב דעם גר־טען איינפאַל האָט רחל'ע אַ הויבען שפּרונג געטאָן.

האָט זיך מיסעס שולער צולאַכט, און זיך באַלד געצוואונגען צו מאַכען אַ שטרייגגע מינע, כדי רחל'ע זאָל מיינען אַז מען טאָר דאָס ניט זאָגען, כאָטש אליין איז איהר רחל'עס פּלאַן גאַנץ פיין גע־פעלען געווען.

דערווייל האָט רחל'ע גענומען באַטראַכטען אלצדינג אין הויז, און אומגעווארפען אַ לייזענע סטאַטוע, האָט זיך אָפּגעבראָכען אַ שטיקעל שטערען פון איהר, און ס'איז געבליבען אַ ווייסער פלעק. האָט זיך רחל'ע דערשראָקען, טאָמער וועט די נייע שעהנע מאַמע איהר איצטער ניט וועלען.

האָט מיסעס שולער איהר גוטמוטיג אַ מוסר געטאָן, אַז זי זאָל דאָס מעהר ניט טאָן. האָט רחל'ע געזעהן אַז קיין גרויסע סכנה איז דאָ ניט, האָט זי זיך געפיהלט גאַנץ בעקוועם אין דער נייער היים.

מיט אַמאָל האָט זי דערהערט דער מאַמע'ס שטימע, און זי האָט זיך דערשראָקען. באַלד איז די מאַמע אריין ווי אַ שטורם און גענומען שרייען:

„וואו איז זי די מרשעת? שוין זאָלסטו געהן אַ היים! נאָר אין פרעמדע הייזער לויפט דאָס! ווארט, איכ'ל דיר געבען!"

ס'איז ניט קיין פרעמדע הויז, האָט רחל'ע איהר געוואָלט זאָגען, האָט איהר די מאַמע אַ כאַפּ געטאָן פאַר'ן הענטעל און גע־שלעפּט אַ היים.

„איך וויל ניט געהן אַ היים! דאַ איז מיין היים! מיסעס שו־
לער איז מיין מאמע" — האָט רחל'ע געשריען.

„שווייג, מרשעת!" איז די מאַמע אריין אין רציחה.

„דו וועסט מיר שוין אָנזעהן מיסעס שולער ווי דו זעהסט דיין
לינקען אויער!"

איז מיסעס שולער געשטאַנען אַ פארציטערטע אין איהר טיר,
און רחל'עס פּאַפּאַ אין זיין טיר, און ביידע האָבען מורא געהאַט
צו זאָגען אַ וואָרט ווען די צוואווילדעטע מאמע האָט געשלעפּט
רחל'ען איבער'ן קאָרידאָר.

אריינגעשלעפּט רחל'ען אין הויז, און גוט אָנגעשלאָגען, איז
רחל'ע געזעסען אויף דער ערד און געוויינט אזוי לאַנג ביז זי האָט
זיך פאַרטראַכט:

ווארום לאָזט איהר די מאמע ניט אוועק פון זיך, אז זי האָט
איהר פיינט, און שלאָגט איהר?...

חברים.

פייוועלע מיט פישעלען האָבען געוואוינט אין איין הויז, און זייערע טאַטעס זיינען געווען ברידער, ביידע שעהנע, הויכע מענער. האָט פייוועלע זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זיין טאַטענס גרויס־קייט און זיך באַריהמט פאַר פישעלען:

— מיין טאַטע איז א גרויסער.

— מיין טאַטע איז אויך א גרויסער, — איז פישעלע ביי זיך ניט אראָפּגעפאַלען.

— און מיין מאַמע? — האָט פייוועל א פרעג געטאָן מיט שטאָלץ.

דאָ האָט זיך פישעלע אַביסעלע פאַרלוירען, ווייל זיין מאַמע איז געווען א סך קלענער פון פייוועלעס מאַמען. פונדעסטוועגען האָט ער זיך צוזאַמענגענומען ווי א העלד און א זאָג געטאָן:

— מיין מאַמע איז אויך א גרויסע.

— זי איז ניט, — האָט פייוועל געלייקענט.

— זי איז יא! — האָט פישעל אויסגעשריען מיט צאָרן און אויפגעהויבען דאָס הענטעל פאַרטיג צו פאַרטיידיגען זיין שטאַנד־פּונקט. האָט פייוועל ניט געוואַרט און פישלען פריהער א זעץ געטאָן אין פּנים. האָט יענער דערלאַנגט צוריק און די מלחמה האָט זיך צופלאַקערט אויף ביידע פראָנטען. באַלד האָבען זייערע פּנים'לעך אויסגעזעהן ווי צוויי געשטורעמטע פּאָזיציעס.

— וואָס טוט זיך דאָ! — האָט אויסגעשריען איין מאַמע און איז אריינגעלאָפען. באַלד נאָך איהר איז אריינגעלאָפען די צווייטע מאַמע, און יעדע פון זיי האָט אָנגעשלאָגען איהר זוהן, און די מלחמה האָט אויפגעהערט.

האָט זיך געטראָגען א געוויין איבער'ן הויז פון ביידע בחורים'־

לעך און פארטומעלט די מאמעס וועלכע האבען זיך גענומען דינ־גען וועמעס זוהן איז שולדיג אין געשלעג. האבען די מאמעס גע־נומען שרייען נאך העכער און די זיהן האבען זיך דערשראקען, הא־בען זיי זיך גענומען רייסען אויף אלע כלים, ביז וואנען עס איז גע־ווארען א יללה וואס האט זיך געהערט איבער'ן גאנצען טענעמענט הויז.

האט גאט געהאלפען און די טאטעס זיינען אנגעקומען.

— וואס איז דא פאר א טומעל? — האבען זיי זיך געוואונ־דערט. האט זיך אנגעהויבען א סדרה ערקלערונגען פוןביידע ווײ־בער ווער עס איז שולדיג, און עס האט געהאלטען דערביי אז עס זאל ווידער אויסברעכען א קריעג נאך אויף א פיעל גרעסערען און ברייטערען אופן.

האט פייוועלע'ס טאטע געמאכט א פלאן ארויסצומופען פון'ם ברודער. „וואס דען, מ'וועט זיך האלטען אין איין קריגען?"

האט פייוועלע'ס מאמע אויך איינגעשטימט און ס'איז גע־בליבען אז מען זאל מופען.

ביים מופען האט זיך דאס קליינוואַרג מחיה געווען. אלע קאסטענס און אלע שאפעס האבען זיך געעפענט, און אלערליי שעה־נע זאכען, וואס געוועהנליך באהאלט מען פון זיי, זיינען געלעגען פון אויבען־אויף, כאטש פאק אין די קעשענעס ווי פיעל דאס הארץ געלוסט. קעסטעלעך מיט פארשידענע קנעפלעך, קאלירטע בענד־לעך, פארשידענע שפּיצלעך, און אזוי צאצקעס מיט וועלכע נאר די מאמעס שפּיעלען זיך — האבען זיך איצט פאר פייוולען און פיש־לען געוואלגערט פריי און פראנק...

האט פייוועלע אלע מאל ענטדעקט אן אוצר וואס מען האט ארויסגעראמט פון קאמאד, און אויסגעשריען מיט פרייד צו פישע־לען. איז פישעלע באלד געקומען מיט פולע הויפענס פון דער מא־מע'ס צאצקעס און א טיעפען אנטייל גענומען אין פייוועלע'ס פרייד.

דערצו איז נאך געווען אזא לעבעדיגע וועלט פאר די צוויי בחורים: אלץ איז געווען איבערגעקערט, און אין הויז איז געווען

אזא אנגענעהמע אונארדנונג, טאקע אזא ווי זיי האבען ליעב צו מאכען און מען לאזט זיי ניט.

אז די פוהרלייט זיינען געקומען געהמען די זאכען, האבען ביידע געהאלפען טראגען צום וואגען: איינער א הענטעל פון א פרעס־אייזען, און דער צווייטער אן אלטען שוך וואס מ'האט אי־בערגעלאזען אויף ארויסצוווארפען. אזוי האבען די חברה געהאט אן אמת'ען יום־טוב.

אז דער וואגען איז שוין געווען פול, און פייוועלע'ס מאמע האט פייוועלען ארויפגעזעצט גאר אין דער הויך אויפ'ן וואגען, איז ער געווען אויף דער העכסטער שטופע פון גליק. און פישעלע האט ארויפגעקוקט צו איהם פון אונטען מיט קנאה.

אז דער וואגען איז אוועקגעפאהרען, און פישעלע איז געבליבען אין הויז אהן זיין חבר, האט ער ערשט דערפיהלט וואס מען האט איהם דא אפגעטאן, און האט זיך צעוויינט:

— איך וויל אויך אויפ'ן וואגען מופען מיט פייוועלען!

— אז איהר זאלט זיך ווידער קענען שלאגען — האט איהם די מאמע א שטאך געטאן. האט פישעלע איהר אנגעקוקט אומ־פארשטענדליך און ווידערהאלט זיין פארלאנג. האט די מאמע א געשריי געטאן אויף איהם און פאר שרעק איז ער אויף א ווייל שטיל געווארען. נאכדעם האט ער זיך דערמאנט אז ער דארף וויינען, און האט זיך צעוויינט.

האט זיך די מאמע גענומען מיט איהם קריגען, האט ער שוין געוויינט סתם אזוי פון פרינציפ וועגען.

אביסעל שפעטער האט זיך פישעל דערוואוסט אז ער האט ניט מיט וועמען צו שפיעלען זיך, האט ער עסען אויך ניט געוואלט. ער איז שוין געווען צוגעוואוינט צו עסען אין א קאמפעטיציע מיט פייוועלען, ווער עס וועט אויפעסען שנעלער. און אהן דער דאזיגער אמביציע, האט ער אפגעשטופט דאס עסען, און ס'האט ניט געהאל־פען, ניט דער מאמע'ס רייד ניט איהרע קלעפ.

— וואס זאל איך טאן מיט'ן קינד? — איז די מאמע פאר־צווייפעלט געווארען, — זינט פייוועקע איז ניטא האלט עס אין איין

וויינען און פארזוכט ניט עסען, — האָט זי זיך אויסגערעדט דאָס הארץ פאר'ן מאַן.

— האָסטו זיך ניט געזאָלט קריגען מיט דער שווענערין, אַז זי זאָל דארפען ארויסמופען, — האָט ער איהר פאָרגעוואָרפען, ווייל איהם האָט אויך פארדראָסען וואָס דער ברודער האָט ארויסגעמופט.

האָט דער טאטע געהאָלפען דעם זוהן בענקען, אוןביידע האָבען געפיהלט אַז עפּעס פעהלט אין יעדען ווינקעל.

אַז פּייוועלע האָט ארויסגעלאָזט זיין בענקשאַפט אין אַ געוויין: „איך וויל צו פּישעלען!", האָט זיין טאטע איהם גענומען צו פּישעלען צו גאסט. און אַז פּישעלע האָט דערזעהען פּייוועלען, האָבען זיי זיך אָנגעקוקט מיט אַ געשמאַקען שמייכעל. האָט פּייוועלע באַלד באַמערקט אַז זיין חבר האָט נייע בלאַנקע קנעפּלעך אין זיין רעקעל.

„ס'איז אמת'דיגע גאָלד?" — האָט ער געפרעגט מיט באוואונדערונג.

— אוודאי! — האָט פּישעלע געענטפערט מיט שטאָלץ, און איהם באַלד דערציילט, אַז מען האָט געקויפט אַ נייעם טשייניק, און אַז זיין רויטער באַל איז אריינגעפאלען אין קעלער.

האָט פּייוועלע געמאַכט אַ מינע פון מיטגעפיהל. האָט פּישעלע באַלד געביטען דעם טאָן און איהם דערציילט אַז דער פּאַפּאַ וועט איהם קויפען אַ נייעם באַל. האָט איהם פּייוועלע דערציילט, אַז איהם וועט מען קויפען אַ וועגעלע.

— מיר וועט מען קויפען אַן אָטאָמאָביל, — האָט פּישעל געזוכט איהם אריבערצושטייגען.

— אַן אָטאָמאָביל איז ניט גוט, — האָט פּייוועל איהם אראָפּגעוואָרפען.

— אַן אָטאָמאָביל איז יאָ גוט, — האָט זיך פּישעל געהאַלטען ביי דאָס זייניגע און דערפיהלט דעם אמאָליגען פּייוועל וואָס פארגינט איהם ניט דאָס לעבען. „דו ביזט אליין ניט גוט!" האָט ער אַ געשריי געטאָן, און אריינגעבראַכט דעם חבר אין גרימצאָרן.

— כ'האָב דיך פיינט! — איז געווען פייוועל'ס אַרגומענט.

האָט פישעל אויפגעהויבען דאָס הענטיל און עס געוואָרפען פייוולען אין פּנים. האָט פייוועל דערלאַנגט צוריק, איז געוואָרען איינער פון די אַמאָליגע געשלעגען. און די חברים האָבען זיך דערפיהלט ווי אין די גוטע אַלטע צייטען...



די גרויסע און די קליינע.

ראש השנה האָט דער פיעריאָהריגער מאָטעלע געמוזט זי־צען מיט דער מאַמען אין שוהל, און עס האָט איהם פארדראָסען פאר וואָס ער, א מאַנסביל, וואָס טראָגט א רעקעל מיט קעשענעס און אַן ארבע כנפות ווי דער טאַטע, זאל זיין אראפּגעזעצט צו דער נידעריגער מדרגה פון זיצען אין דער ווייבערשער שוהל. האָט ער מיט בענקשאַפט ארונטערגעקוקט דורך די פענסטערלעך צו דער מענערשער שוהל און אלע ווייל געמאָנט ביי דער מאַמען: „מאַמע, איך וויל צום טאַטען!"

האָט די מאַמע ניט געטאָרט מפסיק זיין און ער איז געבלי־בען ביי זיין מאָנען.

אז אלע מאַמעס זיינען אריין טיעף אין דאַוונען, און האָבען זיך צוכליפּעט מיט מאָדנע קולות, האָט מאָטעלע פארגעסען וואָס ער וויל און זיך צוגעהערט צום געוויין פון די מאַמעס.

איין מאַמע וויינט קוויצענדיג, די אנדערע פארגעהט זיך אין א שלוכצען, א דריטע וויינט עפּעס מיט א מאָדנעם נגון. איז דאָס איהם געפעלען געוואָרען.

מאָטעלע האָט געהאַלטען, אז וויינען איז א קונסט.

אז א פרעמדער מענש, צום ביישפּיעל, פלעגט זיין אין הויז, פלעגט ער וויינען גאר אנדערש ווי געוועהנליך: מיט אלערליי קונצען. און אז די מאַמעס זאָלען קענען וויינען מיט מעהר קונ־צען ווי ער, איז ביי איהם געווען א נייעס. און פאר וואָס וויינען זיי? האָט ער זיך געוואונדערט. דאכט זיך קיינער שלאָגט זיי ניט. און צוואָגען צוואָגט מען זיי אויך ניט. ווען ע ר וואָלט זיך צואוויינט פאר גאר נישט, וואלט איהם די מאַמע געשוויגען

דערפאַר ?... אפילו אַז זי וואַשט איהם דעם קאָפּ טאָר ער ניט וויינען. נאָר דאַן הערט ער איהר ניט. ער צולאָזט זיך מיט אַזאַ געוואַלד, אַז די מאַמע ווערט פאַרטויבט. און טאָמער איז איהר דאָס ווייניג, הויבט ער זיך אָן וואַרפען און צאַפּלען מי די פיס אַזוי שטאַרק, אַז ביז די מאַמע וואַשט איהם אויס דעם קאָפּ איז זי אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז זי קען שוין ניט שטעהן אויף די פיס.

פונדעסטוועגען קוקט דאַן מאָטעלע אויף זיך ווי אויף אַ מאַר־טירער, מחמת אויסגעפיהרט האָט די מאַמע. אמת, זי איז טאַקע זעהר מיעד, אבער ער איז פאַרט געבליבען מיט אַן אויסגעוואַשענעם קאָפּ. מעג ער דאָך וויינען. אבער פאַר וואָס די מאַמעס וויינען פאַר גאַר נישט און קיינער שרייט ניט אויף זיי, האָט ער ניט געקענט פאַרשטעהן.

אַז ער האָט זיך גוט אָנגעהערט ווי די מאַמעס וויינען, איז איהם לאַנגווייליג געוואָרען, און ער האָט ווידער גענומען בענקען צום טאַטען אין דער מענערשער שוהל. איז זיך זיין מאַמע אַלע מאָל פאַרגאַנגען אין אַ נייעם געוויין, און ער האָט געזעהן, אַז מיט איהר וועט ער גאַר ניט מאַכען, זי וועט איהם צום טאַטען ניט פיהרען, איז ער זיך אַליין אַוועק צום טאַטען.

אין דער מענערשער שוהל האָט מאָטעלע אין זיך דער־פיהלט דעם אמת'ען מאַנסביל. איז ער מיט גרויס ווירדע צוגעגאַנגען צום טאַט'ן און געוואָלט פאַרפיהרען מיט איהם אַ געשפּרעך וועגען די מאַמעס וואָס וויינען. נאָר דער טאַטע איז געשטאַנען איינגעהילט אין טלית, זיך געשאָקעלט און זיך ניט אומגעקוקט אויף איהם. איז מאָטעלע אַ ווײַלע געשטאַנען, גע־קוקט ווי די טאַטעס שאָקלען זיך, און געטראַכט: ווען עס וואָלטען ניט געווען אַזוי פיעל אותיות אין סדור, וואָלט ער אויך געקאָנט דאַווענען. ווייל אַן „א" און „ש" קען ער שוין. נאָר אַז ער קען ניט דאַווענען, טאָ וואָס וועט ער דאָ טאָן ? איז ער אַרוים אָפּזוכען זיינס גלייכען.

אין שוהל הויז זיינען געשטאַנען עטליכע איינגעלעך פאַרטאָן אין אַ געשפּרעך וועגען גאָט און ווי אַזוי ער שרייבט היינט אָן די

צעטלען פאר'ן נייעם יאהר, אז מען טאָר אום ראש השנה ניט שרייבען.

„ער האָט מסתמא א שבת גוי וואס שרייבט פאר איהם" — האָט מאָטעלע די קשיה פארענטפערט.

„א גוי קען דאָך אבער ניט שרייבען קיין לשון קודש" — האָט א אינגעל גע'טענה'ט.

„מען מוז דען שרייבען אין לשון קודש?" — האָט מאָטעלע ארגומענטירט.

„אודאי", ווי דען? גאָט וועט דען הייסען שרייבען אין אן אנדער שפראך?" — האָט יענער געענטפערט.

„טאָ ווי אזוי שרייבט מען פארט ראש השנה די קוויטע־לעך?" — האָט נאָך א אינגעל געפאָרערט אן ענטפער.

זיינען אלע אינגלעך געבליבען שטעהן מיט אראפגעלאָזטע קעפּ, געטראכט און געטראכט, און גאר נישט געקענט אויסטראכ־טען.

„לאָמיר זיך גאר שפּיעלען אין א שוהל," — האָט מאָטעלע פארגעשלאגען. זיינען אלע אינגלעך אויפגעשפּרונגען צופרידענע און האָבען אונטערשטיצט מאָטעלע'ס פארשלאג.

„מען דארף אבער האָבען טליתים צו דאווענען" — האָט זיך א אינגעלע אפּגערופען.

האָט מאָטעלע שנעל א טראכט געטאָן און איז געפאלען אויף א פּלאַן:

„מיר'ן זיך איינוויקלען אין טישטוכער."

„וואו'ט מען אבער נעהמען טישטוכער?" — האָט א צווייי־טער אינגעל געוואלט וויסען.

„ביי אונז איז דאָ א גרויסער טישטוך אויפ'ן טיש, וועלען מיר איהם אראפּנעהמען, צורייסען אויף שטיקלעך, וועט זיך יע־דער נעהמען א שטיקעל" — האָט מאָטעלע אויסגעפּלאנעוועט.

האָבען אלע אינגלעך איינשטימיג צוגעשאקעלט מיט די קעפּ, און מאָטעלע האָט זיי געפיהרט צו זיך אהיים.

אראפּגעשלעפּט דעם טישטוך פון טיש, האָט זיך איין אינ־

געל געכאפּט אז מ׳טאָר ניט רייסען אום יום טוב; איז מען ארויס אין גאס, אויפגעזוכט א שייגעצעל, איהם געבעטען צורייסען דעם טישטוך, האָט ער עס געטאָן, און אלע אינגלעך האָבען געהאט טליתים אין וואס צו דאוונען.

אז זיי האָבען זיך איינגעוויקעלט אין די „טליתים" און שוין געוואלט אָנהויבען דאוונען, האָט זיך אייגער געכאפּט, אז מ׳וועט דארפען בלאָזען שופר און ס׳איז קיין שופר ניטאָ.

האָט זיך מאָטעלע ארייגגעכאפּט אין זיין מאַמעס הויז, און אויסגעזוכט א וואלגערהאָלץ. איז שוין געווען א שופר אויך. סדורים האָבען זיי ניט געדארפט, זיי האָבען געקענט דאוונען אויס־ווייניג... האָט זיך באלד אָנגעפאנגען דאָס דאוונען אין פולען גאנג.

אז מאָטעלע׳ס מאַמע האָט געזעהן, אז איהר בחור׳ל איז ני־טאָ, און ביים טאַטען איז ער אויך ניטאָ, איז איהר שוין דאָס הארץ ניט געווען ביים דאוונען. זי האָט קוים אפּגעווארט ביז לייענען, און איז ארויס זוכען איהר זוהן.

אין שוהל הויף האָט זי איהם ניט געפונען, איז זי אוועק אהיים, אפשר איז ער דארט.

אז זי איז אריין אין הויז, האָט זי זיך אזש דערשראָקען: דער טיש איז הויל, די לייכטער ליגען אויף דער ערד ווי געפאַ־לענע העלדען, דער געשיר־אלמער שטעהט אפען, און די טעפּלעך ליגען איבערגעדרעהטע.

„ווער האָט דאָס צואקערט דאָס הויז?" — האָט זיך די מוטער געוואונדערט. און דער טישטוך איז ניטאָ, פעהלען איהר שוין צוויי זאכען, אי דער זוהן, אי דער טישטוך.

איז זי ארויס אין גארטען און דערזעהן א חברה אינגלעך איינ־געוויקעלט אין ווייסען אן זיך שטארק שאָקלענדיג. האָט זי דארט דערקענט איהר מאָטעלען, און איהר צוריסענעם טישטוך.

„ווער האָט דאָס מיר גע׳פּטר׳ט דעם טישטוך?" — האָט זי אויסגעשריען. האָבען זיך די אינגלעך געבויגען און געמורמעלט, און קיינער האָט ניט געענטפערט.

„איך רעד דאָך צו דיר!" — האָט די מאמע א געשריי גע־טאָן אויף מאָטעלען.

„הם" — האָט מאָטעלע געגעבען א ברום ווי דער טאַטע אז ער טאָר ניט מפסיק זיין, און ווידער געדאווענט.

האָט די מאמע ניט געוואלט אנערקענען די הייליגקייט פון זיין דאוונען און איהם א ריס געטאָן ביים הענטעל מיט א גע־שריי:

„ענטפער מיר, דו קלייגער שד!"

„הם" — האָט זיך מאָטעלע ניט אונטערגעגעבען.

„דו הערסט? אז ניט פּלעט איך דיר דעם מח!"

האָט זיך מאָטעלע א צאַפּעל געטאָן פאר שרעק און געענט־פערט אז ער האלט אין מיטען דאווגען און ער טאָר ניט מפסיק זיין.

„ווארט, איכ'ל דיר געבען א מפסיק זיין, קום גאָר אהיים!" — האָט זי איהם געסטראשעט, אראפּרייסענדיג די טלתים פון אלע אינגלעך.

„מיר דארפען נאָך בלאָזען שופר" — האָט מאָטעלע גע־טענה'ט צולייגענדיג דעם לאנגען וואלגערהאָלץ צום מויל. — „ווארט א ווייל מאמע, וועלען מיר אפּבלאָזען שופר און געהן אהיים."

האָט די מאמע ניט געווארט, ארויסגעריסען דעם וואלגער־האָלץ פון מאָטעלען, אנגענומען איהם ביים הענטעל, און געפיהרט אהיים.

האָט מאָטעלע געטראכט:

פאר וואס מעגען טאַטעס און מאַמעס אלצדינג טאָן, און אינגלעך טאָרען ניט?...

פיוועלע'ס פּאָליטיק.

פיוועלע איז ניט געווען דער מענש וואס זאל זיך איינהערען וואס מען רעדט צו איהם: די מאמע האָט זיך גערעדט דאָס איהריגע, האָט ער זיך גערעדט דאָס זייניגע. האָט די מאמע געזאָגט: „געה ניט אין דרויסען, דו וועסט זיך פארקיהלען!" האָט ער געזאָגט: „איך וויל אין דרויסען."

נאָר אויסגעפיהרט האָט די מאמע; זי האָט צוגעשלאָסען די טיר און ער האָט געמוזט זיין אין הויז.

— טא, זיץ לעבען מיר, מאמע, און דערצעהל מיר מעשיות — האָט ער געפּאָדערט.

— לאָז מיך אָפּ, איך האָב קיין צייט ניט, כ'האָב נאָך אזוי פיעל ארבייט צו טאָן!

— איך וויל מעשיות! — האָט ער געמאָנט.

— איך האָב קיין צייט ניט, זאָג איך דיר!

— אָבער מיר איז אומעדיג, דערצעהל מיר עפּעס מאמע.

האָבען זיי זיך לאנג געדונגען, ביז די מאמע האָט איהם אי־בערגעלאָזט מיט זייגע טענות און איז אוועק אין קיך טאָן איהר אר־בייט.

דאָס האָט פיוועלען זעהר באליידיגט, און ער האָט גענומען אריינטראכטען זיך אין זיין לאגע: אין דרויסען זיך שפּיעלען לאָזט איהם די מאמע ניט. אליין איז זי אלע מאָל פארנומען. ביי טאג טוט זי ארבייט, און אין אוונד לייגט זי איהם שלאָפען און געהט אוועק. זי מיינט, ער ווייס ניט, אז זי געהט אין מוא־ווינג פּיקטשורס, כאָטש זי זאגט איהם, אז זי געהט אין האָספּי־טאל, וואו ער האָט מורא צו געהן. אויף מאָרגען צום „סאפּער" דערצעהלט זי דעם פּאפּא וואס זי האָט געזעהן אין מואווינג פּיק־טשורס, און זי מיינט אז ער הערט ניט.

ער ווייס פון אלץ. ער ווייס אפילו אז די מאמע האָט אויס־געפּרעגעלט איינגעמאכץ. ער האָט געפונען דעם לעפעל מיט וואס זי האָט געמישט, און זאָל זי ניט מיינען אז איהם וועט זי נארען. זי וועט איהם נאָך היינט מוזען געבען א טעלערעל איינגעמאכץ. אז ניט וועט ער — יא, וואָס זאָל ער אזוינס טאָן, אז ניט? ווייַנען העלפט ניט. ניט עסען איז אויך קיין פּלאַן ניט: די מאמע קאָכט אזעלכע געשמאקע זאכען! טאָ וואס זאָל ער טאָן?

האָט פייוועלע זיך אוועקגעזעצט מיט אויפגעשטעלטע קניהען, און גענומען טראכטען:

— פייוועלע, וועסט עסען אן אייעלע? — האָט די מאמע געפרעגט פון קיך.

— ניין! — האָט ער געענטפערט.

— פאר וואס?

— דער קאָפּ טוט מיר וועה!

דאָס ארויסגעזאָגט איז ער געוועזן זעהר צופרידען. איצט וועט ער זיך מאכען קראנק, און די מאמע וועט שוין מוזען זיצען לע־בען איהם, און איינגעמאכץ וועט זי איהם אויך מוזען געבען, ווייל אז ער איז קראנק איז ער דאָך א גרויסער יחסן, וועט איהם זיין וואויל.

האָט ער זיך אריינגעלעגט אין בעט מיט א הילפלאָזע מינע, און געוואַרט, די מאמע זאָל קומען און זעהן ווי קראנק ער איז.

באלד איז אריינגעלאפען די מאמע א דערשראקענע:

— וואס איז דיר, מיין קינד?

— איך ווייס ניט, — האָט ער געענטפערט גלייכגילטיג, ווי איינער רעדט: דאָס איז דיין געשעפט, ניט מיינס.

האָט די מאמע צוגעלעגט איהר קאלטע האנט צו זיין קע־פעל, און ס'האָט זיך איהר אויסגעדוכט אז ער האָט טאקע ווארימ־קייט. מעהר פעהלט איהר ניט, דאָס קינד זאָל איהר נאָך קראנק ווערען! זי וועט אפשר פון זינען אראפ, האָט זי געטראכט, און איז געבליבען שטעהן א צוטומעלטע.

קודם כל וועט זי אפרופען דעם דאקטאר, וועט זי דאָך גלייך

ווייסען וואס עס טוט זיך מיט'ן קינד, און טאָמיר, חלילה, שלעכט, וועט זי טעלעפאָנירען נאָכ'ן מאן.

פייוועלע איז דערווייל געלעגען אין בעט און הנאה געהאט וואס די מאמע איז אזוי צוטראגען וועגען איהם. גוט, זאל זי ווי־סען, ווי איהם איבערלאזען אלע אוועגט אליין! לעבען איהם זיצט זי ניט, און וואס ער וויל עסען גיט זי איהם ניט. איצט, אז ער וועט זאגען: מאמע, זיץ לעבען מיר, וועט זי שוין זיצען; און מעשיות וועט זי איהם דערצעהלען וויפיעל ער וועט נאָר אליין וועלען. נאָר דאָס ערשטע וועט ער זיך הייסען געבען א טעלערעל איינגעמאכץ.

— מארקעט 5140! — האָט פייוועלע דערהערט זיין מאַמע'ס שטימע ביים טעלעפאן.

— וואס איז דאָס? — האָט ער זיך דערשראקען, — זי רופט דאָך גאר דעם דאקטאר!... שלעכט!.... אויף דעם האָט ער זיך גאר פארגעסען. וואס טוט מען? דעם דאקטאר האָט ער שרעקליך פיינט.

— מאמע! מאמע! — האָט ער גענומען שרייען, — רוף ניט דעם דאקטאר, איך בין שוין געזונד!

נאָר די מאמע איז געווען גערעטען אין זוהן און האָט זיך אויך ניט צוגעהערט וואס מען האָט גערעדט צו איהר. האָט ער געשריען און געשריען זי זאל נ י ש ט רופען דעם דאָקטאָר, און זי האָט איהם יא גערופען.

פייוועלע האָט דערזעהן אז ער האָט זיך ארייגגעדרעהט אין א צרה, האָט ער זיך געוואלט ארויסדרעהען. נאָר א מזל האָט ער געהאט, אז וואס ער האָט קאליע געמאכט האָט ער שוין ניט געקענט פאררריכטען. אז ער האָט צובראכען די וואזע פונ'ם נייען סעט, איז זי שוין געבליבען א צובראכענע, כאָטש די מאמע האָט איהם געשלאָגען דערפאר, און איהם האָט אויך פאַרדראסען... און איצט אז ער האָט ארויסגעזאגט דאָס ווארט אז דער קאָפ טוט איהם וועה, מוז ער שוין זיין קראַנק. אמת, ער קען אויספיהרען

אז די מאמע זאל זיצען לעבען איהם, נאר קיין מעשיות וועט זי ניט דערצעהלען. זי איז אזוי צוטומעלט. נאר די איינגעמאכץ...

— מאמע, גיב מיר א טעלערעל איינגעמאכץ! — האט ער א זאג געטאן, און די אויגעלעך האבען ביי איהם אויפגעלויכטען.

— וואס דרעהסטו א מח? ווער האט איינגעמאכץ? — האט די מאמע פרובירט אפלייקענען.

— דו האסט געקאכט, — האט פייוועלע געענטפערט מיט זי־כערקייט.

— אלצדינג ווייסט דאס! — האט זיך די מאמע געוואונ־דערט, — דו קענסט, מיין זוהן, קיין איינגעמאכץ איצט ניט קרי־גען. עס וועט דיר פארשאטען, דו ביזט דאך קראנק.

אט האסטו דיר, האט ער זיך געטראכט. איז גאר קראנק זיין א חסרון צו קריגען איינגעמאכץ! כאטש דאס איז געווען זיין איינציגע האפנונג. און ער האט גענומען פראטעסטירען געגען זיין מאמע'ס רעזשים.

— אז איך בין געזונד, גיסט מיר ניט קיין איינגעמאכטס, און אז איך בין קראנק, גיסטו מיר אויך ניט, טא ווען וועסטו עס מיר געבען?

— דו עסט זיך געננג אן מיט זיסע זאכען, מיין זוהן, איינ־געמאכטס טויג ניט פאר דיר, זאג מיר בעסער, וואס האסטו גע־נאשט? איכ'ל דיר דארפען געבען אן אפפיהרונג.

— ניין, ניין! — האט ער זיך דערשראקען. — איך וויל ניט קיין מעדיצין. כ'האב גאר נישט גענאשט, כ'האב בלויז אפגע־לעקט דעם לעפעל פון די קארשען זאפט, מעהר גאר נישט.

פון איינגעמאכץ איז שוין געווען אפגערעדט. באלד איז טאקע געקומען דער דאקטאר, און ס'האט ניט געהאלפען וואס פיי־וועלע האט גע'טענה'ט אז ער איז געזונד. דער דאקטאר האט זיך געטאן דאס זייניגע: געהייסען ווייזען זיין צונג, געקוקט אין האלז, געקלאפט אין רוקען, איהם געדרעהט אהין און אהער, און

די מאמע איז געשטאַנען א פּארציטערטע און געוואַרט אויף דעם דאָקטאָר׳ס ענטפער.

— ס׳איז גאָר נישט, — האָט דער דאָקטאָר איהר בארוהיגט,
— קיין היץ האָט ער ניט, דער פּולס איז נאָרמאַל, גיט איהם אַן אָפּפיהרונג און זאָל ער זיין א פּאָר טעג אין בעט, וועט ער זיין אַל רייט.

דערצו האָט ער נאָך אָנגעשריבען א רעצעפּט.

— איך דאַרף ניט קיין אָפּפיהרונג און קיין מעדיצין! איך בין געזונד! — האָט דער קליינער פּראָטעסטירט. אבער קיינער האָט איהם ניט געגלויבט.

און פּייוועלע האָט פּאַרשטאַנען, אז ער איז דאָ זעהר מיאוס אריינגעפאַלען.

צוויי טעג האָט ער געמוזט ליגען אין בעט. אַן אָפּפיהרונג האָט איהם די מאמע אריינגעגאָסען מיט גוואַלד, כאָטש ער האָט געצאַפּעלט מיט די פיס און געשריען וויפיעל כח ער האָט געהאַט. און מעדיצין האָט ער אויך געמוזט נעהמען, זיך נישט געקענט העלפען: דער טאַטע האָט איהם צוגעהאַלטען דעם קאָפּ, און די מאמע האָט איהם אויפגעריסען ס׳מויל...

ז י י, די ג ר ו י ס ע, האָבען אויסגעפיהרט דאָס זייעריגע. און קיין עסען האָט מען איהם אויך ניט געגעבען. דער טאַטע און די מאמע האָבען זיך אריינגעגאַסען צו דריי לעפעל קאַרשען זאַפט אין די טהע, און איהם האָט מען אפילו ניט געגעבען אָפּלעקען דעם לעפעל!....

אז פּייוועלע האָט דאָס אַלץ באַטראַכט, האָט ער זיך ביטער צעוויינט אויף זיין מזל וואס ער איז א קליינער און די גרויסע קאָנען טאָן מיט איהם וואס זיי ווילען. וואס פאַר פּלענער ער מאַכט זיי צו באַזיגען, העלפט איהם ניט: אדרבה, ער פאַלט נאָך מעהר אריין.

און פּייוועלע האָט געטראַכט: פאַר וואס מאַכט ניט גאָט אז קינדער זאָלען זיין גרויסע?...

ביי דער שוועסטער צו גאַסט.

אפריהער פלעגט דער שעהנער אהרן קומען צו ריוועלע׳ס שוועסטער מיט בלומען און מיט טשאָקאָלאַד; נאָכדעם איז די שוועסטער געוואָרען זיין מאַמע, און זיי האָבען אוועקגעמופט פון בראָנזוויל אין די בראָנקס.

איז ריוועלע געווען זעהר נייגיעריג צו זעהן, ווי אַזוי איהר שוועסטער אדעלאַ איז שוין אַ מאַמע און ווי זי זעהט אויס אין איהר הויז. האָט זי געמוזט צוזאָגען, אַז זי וועט דאָרט ניט וויי־נען, און אדעלאַ האָט איהר מיטגענומען צו זיך אַהיים.

מיט קאַרס און מיט טריינס איז די קליינע געפאָהרען און זיך געפיהלט אין דער ראָלע פון אַ גרויסען מענשען. האָט זי געקוקט אויף די שענע אַדווערטייזמענטס אין דער טריין, פאַרנאַנדערגע־פרעגט אַדעלאַ׳ן, וואָס איז דאָס און וואָס איז דאָס, און אויך ניט פאַרגעסען צו באַריהמען זיך, אַז איהר קלענערע שוועסטעריל וואָלט ניט געקענט פאָהרען אין דער טריין אַזוי ווי זי. האָט זיך אַדעלאַ שטאַרק געוואונדערט אויף איהר בריה׳שאַפט און איהר צוגעזאָגט אַ פולען טעלער קרעמבעררי סאָוס, וואָס זי האָט זעהר ליב.

דערווייל האָט זיך ריוועלע פאַרנאַנדערגעפרעגט, צי אַדעלאַ וועט קויפען קינדערלעך אויך, און אויב יאָ, וואָס וועט זי קויפען— אַ אינגעלע צי אַ מיידעלע?

האָט אַדעלאַ געזאָגט: אַ אינגעלע.

איז ריוועלע ניט געווען איינשטימיג: בעסער אַ מיידעלע, האָט זי איהר געהאַטען, ווייל טאַנטע מערי האָט אַ אינגעלע און ער איז ניט קיין שענער.

האָט זיך די שוועסטער לאַנג ניט גערונגען מיט איהר און איז איינגעגאַנגען אויף אַ מיידעלע.

„איך וועל איהר אַוועקגעבען מיין בעסטע דאָל", האָט ריוועלע צוגעזאָגט מיט פרייד, אוןביידע שוועסטער זענען געפאָהרען מיט פרעהליכע געדאַנקען.

אַז ריוועלע איז געקומען אין די בראָנקס צו דער שוועסטער'ס הויז און איז געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט די ווייסע מאַרמאָרנע טרעפּען פון ביידע זייטען מיט גאָלדענע פאַרענטשעס, איז איהר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען.

דאָס ערשטע האָט זי אָנגערירט מיט די הענט די פאַרענטשעס און אַ פרעג געטאָן:

„ס'איז טאַקע אמת'דיגע גאָלד?"

האָט די שוועסטער איהר געענטפערט גאַנץ גלייכגילטיג:

„ס'איז ניט קיין גאָלד, ס'איז בלויז מעש".

נאָר ריוועלע האָט ניט געגלויבט, ווייל איהר מאַמע'ס גאָלדענער אָרעם־באַנד זעהט אויס פּונקט אַזוי, טאָ ווי קען דאָס זיין עפּעס אַנדערש ווי גאָלד?

איז זי געגאַנגען לאַנגזאַם אויף די שטיגען און זיך צוגעקוקט מיט הנאה צו די גאָלדענע פאַרענטשעס.

ביי דער שוועסטער אין הויז איז אַלץ געווען ניי און שעהן. דאָס בעט געהאַט האָט אויף זיך אַזעלכע אויסגעשניצטע צאַצקעס. האָט ריוועלע געפרעגט:

„אַז די בעט וועט צובראָכען ווערען וועסטו מיר געבען די צאַצקעס?"

„יאָ", האָט איהר אַדעלאַ צוגעזאָגט, און די קליינע איז זיך אַרומגעגאַנגען איבער'ן הויז, אַלצדינג בעטראַכט מיט גרויס מבינות און שווער אָפּגעאָטעמט פון גרויס הנאה.

אַז אַדעלאַ האָט זיך גענומען צוגרייטען עסען, האָט שוין ריוועלע געהאַט אַלץ בעטראַכט און איז געבליבען אָהן אַ שטאָך אַרבייט. קיין קינדערלעך מיט וועמען צו שפּיעלען איז ביי דער

שוועסטער ניט געווען, אַרום און אַרום איז געווען שטיל, איז אויף דער קליינער אָנגעפאַלען אַן אומעט.

„אַדעלאַ, איך וויל אַהיים!" האָט זי געלאָזט וויסן דער שוועסטער.

„וואָס הייסט, דו ווילסט אַהיים?" האָט אַדעלאַ גאָרניט געקענט פאַרשטעהן. „ביזט דאָך ערשט געקומען! וואָס איילסטו זיך? וועסט דאָרט עפּעס פאַרזאַמען?"

„איך וויל צו מיין מאַמען!" האָט די קליינע געפּאָדערט.

האָט דאָס שוין אַדעלאַ'ן פאַרדראָסען. ערשט געקומען, און זי וויל שוין צוריק. האָט זי שטרענג אַ זאָג געטאָן:

„וואָס מיינסטו, איך וועל דיך איצט געהן פיהרען אין בראָנזוויל? קיין אַנדער אַרבייט האָב איך ניט? נעם זוך זיך דאָרט אויס צאַצקעס און שפּיעל זיך. מאָרגען אין דער פריה וועל איך דיך אַהיים פיהרען. געה, זיי אַ גוטע מיידעל".

אַז ריוועלע האָט דערהערט ערשט מאָרגען אין דער פריה וועט מען איהר אַהיים פיהרען, האָט זיך איהר אויסגעדוכט, אַז דער מאָרגען אין דער פריה איז אַזוי ווייט, אַז מען קען גאָר ניט טראַכטען דערפון, און איהרע אויגעלעך האָבען גענומען גלאַנצען מיט טרערען.

אי, ביטער, האָט אַדעלאַ געטראַכט, אַז די קליינע וויינט שוין, וואָס וועט זי שפּעטער טאָן? האָט זי אָוועקגעלעגט די אַרבייט און זיך גענומען איינ'טענה'ן מיט ריוועלען, אַז זי וועט איהר קויפען גוטע זאַכען, און אַט קאָכט זיך זעהר אַ געשמאַקער סאַפּער, אהרן וועט באַלד קומען און זיי וועלען אַלע עסען, נאָך דעם וועלען זיי אַלע געהן אין גאַס, וועט מען איהר קויפען אַ פּאָר רויטע הענטשקעלעך צו איהר רויטען סוועטער, דאָס וועט איהר זעהר פּאַסען, און אַלץ וועט זיין גוט און וואויל.

האָט ריוועלע דאָס אַלץ אויסגעהערט און געענטפערט: „איך וויל אַהיים!"

„וואָס טוט מען מיט דער מיידעל?" האָט אַדעלאַ געטראַכט,

און איידער זי האָט זיך אומגעקוקט איז שוין ריוועלע געשטאַנען מיט ביידע פויסטען אין די אויגען און געוויינט אויפ'ן קול.

„דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו וועסט ניט וויינען?" האָט אַדעלאַ געפאָדערט גערעכטיגקייט ביי דער קליינער.

„איך וויל צו מיין מאַמען אהיים!" האָט ריוועלע אַרויסגעשלוכצט.

האָט אַדעלאַ גענומען דאָס קינד פאַר אַ הענטעל, איהר געפיהרט אין אַלע צימערען און געוויזען שענע זאַכען. נאָך דעם האָט זי אָפגעעפענט איהרע שופלאָדען און עס האָבען אַרויסגעבלאַנקט צאַצקעס און בענדלעך פון אַלערליי קאָלירען. איז אין דעם שפּיעל פון פאַרבען געווען אַזאַ כּישוף, אַז עס האָט אַרומגעכאַפּט דער קליינער און איהר פּעראַינטערעסירט:

„דאָס וועסטו מיר געבען?" האָט זי געפרעגט, אויסקלייבענדיג אַ רויט בענדעל.

„יאָ".

„און דאָס?"

„אויך, אַלצדינגג, אַבי דוס'ט זיין אַ גוטע מיידעל און ניט וועלען אַהיים".

האָט ריוועלע זיך אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט רויטע און ראָזע בענדלעך און אַ ווייַלע הנאה געהאַט דערפון. נאָר אַז אַדעלאַ האָט זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט, האָט די שטילקייט איהר אַ נעם געטאָן ביים הערצעל און זי האָט דערזעהן איהר היים מיט איהר מאַמען, שוועבענדיג ערגעץ ווייט, און דער מאָרגען אין דער פריה שטעהט און לאָזט איהר ניט צו צו זיי.

„איך וויל אהיים צו מיין מאַמען!" האָט אַדעלאַ דערהערט ריוועלע'ס געשריי פול מיט בענקשאַפט, אַז עס האָט איהר אַליין אַזש אַ נעם געטאָן ביים האַרץ און פאַר נערוועזיטעט איז איהר אַרויסגעפאַלען די קאַרטאָפעל פון האַנט, וואָס זי האָט געהאַלטען אין שיילען.

ניט גוט, איך וועל איהר מוזען אהיים פיהרען, האָט אַדעלאַ

געטראַכט, און דערזעהן פאַר זיך די געפּאַקטע באַהן וואָס שלעפּט זיך פאַר שטונדען, אַז מען קען פערנודיעט ווערען.

„ווייסטו וואָס?״ האָט זי זיך געווענדעט צו דער קליינער, „אהרן וועט קומען, וועט ער דיר אַהיים פיהרען באַלד״.

האָט אָבער ריוועלע געהאַט אַ בעז האַרץ אויף דעם וואָרט באַלד, ווייל אַז איהר מאַמע האָט איהר געזאָגט באַלד וועל איך דיר געבען עסען, האָט גענומען זעהר לאַנג ביז זי האָט עס געקראָגען. האָט זי פאַר שנאה צום באַלד אָנגעהויבען פון דאָס ניי צו וויינען:

„איך וויל ניט באַלד, איך וויל שוין אַהיים געהן!״

שוין איז ביטער, האָט אדעלע געטראַכט, און זיך ניט גע־קענט קיין עצה געבען מיט דער קליינער.

אַז אהרן איז אַהיים געקומען, האָט ער געטראָפען ריוועלע׳ן וויינענדיג אין פולען גאַנג.

„וואָס איז דאָס?״ האָט ער זיך געוואונדערט.

האָט אדעלא גענומען אויסריידען דאָס האַרץ פאַר איהם, אַז עס האָט איהר געפעהלט צרות, האָט זי מיטגענומען מיט זיך רי־וועלע׳ן, און איצט בענקט זי אַהיים, אַז ס׳איז ניט אויסצוהאַלטען.

„אפשר וואָלסטו איהר טאַקע אַהיים געפיהרט נאָך סאַפּער?״ האָט זי איהם געפרעגט.

„אודאי, מעהר פעהלט מיר ניט. ווענינ זיך אָנגעמוטשעט אין די טריינס, וועל איך זיך ווידער געהן ארומשלעפּען אין זיי״, האָט אהרן געענטפערט. און אדעלא האָט געזעהן, אַז ס׳איז ניטאָ ווער עס זאָל אַהיים פיהרען ריוועלע׳ן, האָט זי גענומען פּראָבירען פער־שידענע „סקימס״, ווי דאָס קינד צו בערוהיגען ביז מאָרגען.

צוזאַמען מיט אהרן׳ען האָט זי גענומען איינ׳טענה׳ען מיט דער קליינער וועגען שענע זאַכען, וואָס מען וועט איהר קויפען, און סאַפּער האָט זי אויך געגעבען, וואָס איז געווען זעהר געשמאַק, האָט עס ריוועלע׳ן אַביסעל בערוהיגט.

נאָכ׳ן עסען האָט זיך ביי דער קליינער געביטען די שטימונג,

און אדעלאַ מיט אהרן׳ען האָבען געהאַט גרויס נחת פון איהר, מחמת זי איז געגאַנגען מיט זיי שפּאַצירען אין דרויסען און זיך געלאָזט קויפען טשאָקאָלאַד און רויטע הענטשקעלעך. צו די פיינע רייד פון אהרן׳ען האָט זי זיך אויך צוגעהערט, און די גוטע מיידעל האָט ארויסגעקוקט פון איהר אין פולען גלאַנץ, זי האָט אפילו אליין אָפּגעליינט דאָס אהיים פאָהרען אויף מאָרגען.

דערפאַר אז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף מאָרגען אין דער פריה און דערזעהן די פרעמדע, שטילע הויז, האָט זי געמאַכט אַזעלכע געוואַלדען, אז אדעלא האָט איהר שוין געמוזט אהיים פיהרען.

די היים האָט זיך פאַר ריוועלע׳ן איבערגעביטען, אז זי האָט זי דערזעהן, גאָר ניט די אַלטע היים.

די מאַמע איז אַזוי ליעב געוואָרען, דאָס קליינע שוועסטעריל אזוי שען, און אַ בעט האָבען זיי אויך, און דוקא מיט גאָלדענע צאַצקעס פון אויבען. דאַכט זיך די זעלבע בעט וואָס איז אַלע מאָל געשטאַנען ביי איהר מאַמען אין שלאָפצימער און זי האָט עס גאָר ניט געזעהן ביז איצט. אויף די ווענט האָבען זיי אַזעלכע שענע בילדער, איהר טאַטע מיט דער מאַמען מיט רויטע באַקען און רויטע ליפּען. „אוי ווי שען!“ אויפ׳ן „מענטעל פּיעס“ שטעהט אַ זייגער מיט אַ מלאך׳ל פון אויבען. „אוי, ס׳רא שענ־קייט!“

איז ריוועלע געלאָפען פון איין צימער אין אנדערען, דער־זעהן אַלצדינג, וואָס דאָרט געפינט זיך און עס בעטראַכט מיט ליבשאַפט.

„אוי, ווי שען! אוי, ווי גוט!“ האָט זי אויסגעשריען און פאַר גרויס בעגייסטערונג פערגעסען צו בעריהמען זיך, אז זי איז גע־פאָהרען אין טריין ווי אַ גרויסע...

גערוואָרט אויפ'ן טויט.

די מאמע האָט אָפּגעשניטען א מוציא חלה, בעשמירט מיט פּוטער און דערלאנג חנה'לען. האָט זי עס א כאַפּ געטהאָן, געגעבען א שפּרונג און איז ארויס אין דרויסען. בייסענדיג די חלה, האָט זי זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, צי עס זיינען ניטאָ קיין חבר'טעס. און אז זי האָט קיינעם ניט געזעהן, האָט זי זיך געלאָזט איבערן וועג, צום טויער פון גינזבורג'ס הויף.

די גינזבורגס האָבען געוואוינט אין א געל, צוויי־גאָרענדיג הויז, מיט גרינע לאָדענס. דער הויף איז געווען פול מיט קאַסטענס, ברעטער, אַלטע שטיקער מעבעל און מולטער מיט רעגען־וואַער. איז דאָרט געווען זעהר גוט זיך צו שפּיעלען. אויפ'ן בוידעם איז געלעגען פרישע, שמעקענדיגע היי, האָט מען דאָרט געקענט ליעגען און דערצעהלען מעשות. און א הוידעלקע צו פליהען אין דער לופטען איז אין הויף אויך געווען. און איבער דעם גאנצען הויף האָבען געוועלטיגט רייזעלע מיט העניעלען. פון דעסטוועגען האָבען זיי זיך ניט גרוים געהאלטען. אפילו ניט דערפאר, וואָס זייער פעטער איז געווען דער רב פון שטעדטעל. זיי האָבען זיך גערען געשפּיעלט מיט חנה'לען, כאָטש איהר טאטע איז געפאָהרען אין דאָרף און פאַר־קויפט צו גוים ליין־זאָמען. און געוואוינט האָט ער אין א קליין אַלט שטיבעל, וואָס אנשטאט א גאניק איז דאָרט געלעגען א גרויסער פלאטשיגער שטיין.

אָן דער וואנד פון יחוס האָט זיך נאָך חנה'לע ניט אָנגעשטויסען. האָט זי געמיינט, אז עס דארף אזוי זיין. די גינזבורג'ס קינדער דארפען זיך שפּיעלען מיט איהר, אזוי ווי זי דארף זיך שפּיעלען מיט שרה'לע דעם שוסטערס. האָט זי דרייסט געעפענט דעם טויער און איז אריין אין הויף, און דערזעהען רייזעלע'ן מיט העניעלע'ן. זיי זיינעןביידע געזעסען ביי א שיסעל וואסער און זיך געוואשען די

פיס. דערזעהן חנה׳לען, האָבען זיי גענומען איהר דערצעהלען, אז א פוס־וואנע איז זעהר געזונד. אָנקעל סאשע האָט אליין געזאָגט, ער איז דאָך געקומען פון ריגא, וויס ער אלץ. האָבען זיי איינגעלאדען חנה׳לען אין שיסעל וואסער.

האָט חנה׳לע אוועקגעלייגט די חלה מיט פוטער אויף דער ערד, זיך אויסגעטהאָן די שיכעלעך, און אריין מיט די בלאָטיגע פיסלעך אין שיסעל. האָט זי גענומען פיהלען דעם געזונטען טעם פון א פוס־וואנע, כאפּענדיג אלע ווייל א ביס פון די חלה.

„מיין מאמע׳ס חלה איז אזוי געראָטען", — האָט זי זיך באַריהמט, קיינדיג.

רייזעלע האָט ארויסגענומען די פיס פון שיסעל און געקוקט ווי חנה׳לע עסט. האָט איהר חנה׳לע געגעבען צו פארזוכען די חלה. דערנאָכדעם האָט הענעלע אויך פארזוכט, ביז זיי האָבען זי בשותפות אויפגעגעסען.

„אונזער בלומקע באַקט חלה מיט ראָזינקעס", — האָט רייזעלע דערצעהלט.

„אזוי? מיט ראָזינקעס!" — האָט זיך חנה׳לע געוואונדערט.

„אָט וועל איך דיר ווייזען", — האָט רייזעלע געזאָגט, אָפּשאָקלענדיג די ברעקלעך פון איהר קלייד. זי איז באלד אריין אין הויז און איז ארויסגעקומען מיט א שטיק חלה. האָבען זיך אלע צוגעכאפּט דערצו, און גענומען עסען, זיך פּאטשענדיג די נאסע קניה פאר גרויס הנאה.

פון דרויסען האָט זיך געהערט א טומעל פון קינדער, וואָס זיינען אלע מאָל נעהענטער צוגעקומען צום הויף. דער טויער האָט זיך געעפענט, און עטעלע דעם זייגערמאכער׳ס איז אריין. הינטער איהר זיינען נאָכגעגאנגען הינדעלע, רבקה׳לע און אסתר׳ל.

„גוט יום־טוב!" — האָט עטעלע אויסגערופען, געהענדיג פאראויס.

רייזעלע מיט הענעלע׳ן האָבען זיך דערפרעהט און זיינען זיי אנטקעגען געלאָפען. רייזעלע האָט גענומען באטראכטען די רויטע

זיידענע באַנד און עטעלע'ס לאַנגע, צולאָזענע האָר, און הענעלע האָט אָנגעריהרט איהר קלייד.

"ס'איז פון זייד?", — האָט זי געפרעגט.

„אודאי איז עס פון זייד. מ'האָט דאָס געבראַכט פון ריגא", — האָט עטעלע געזאָגט מיט שטאָלץ.

חנה'לע האָט געקליבען די ברעקלעך, וואָס זיינען געבליבען אין די פאַלדען פון איהר קלייד, און האָט זיך געשעהמט צוצוגעהן צו עטעלע'ן. רבקה'לע מיט הינדעלען האָבען אריינגעקוקט אין די קאַס־טענס, געזוכט צאַצקעס, און אסתר'ל האָט זיך פּרובירט זעצען אויף דער הוידעלקע.

„איך האָב א סך אזעלכע בענדער", — האָט עטעלע געזאָגט צו רייזעלע'ן. — „אַז דו ווילסט, וועל איך דיר שענקען איינע".

„טאַקע?", — האָט רייזעלע אויסגעשריען, און האָט פאַר פרייד איבערגעקעהרט די שיסעל וואַסער. האָט מען גענומען פּלאַנעווען א שפּיעל. אסתר'ל האָט געזאָגט, מען זאָל אַרויף אויפ'ן בוידעם און זינגען ליעדער, און עטעלע האָט געזאָגט, מען זאָל זיך גליטשען אויף א ברעט.

האָט מען באַלד אָנגעשפּאַרט א גלאַט געהובעלטע ברעט אויף א קאַסטען און מען האָט זיך גענומען גליטשען. האָבען זיך די מיידלעך אריינגעלעבט אין די שפּיעל מיט זייער גאַנצע קינדערשע נשמה. און דער פרעהליכער טומעל איז געוואָרען וואָס אַמאָל גרעסער. ביז עס איז געקומען צו חנה'לעס רייה זיך אַראָפּ צו גליטשען, האָט זיך עטעלע אָוועקגעשטעלט אַן אָנגע'ברוגז'טע, בייסענדיג א לאָק האָר און געזאָגט אז זי וויל זיך מעהר ניט שפּיעלען.

„פאַר וואָס?" — האָט איהר רייזעלע געפרעגט.

„אזוי, דערפאַר וואָס מען שפּיעלט זיך מיט חנה'לען. עס פּאַסט ניט.

חנה'לע איז אַראָפּ פון ברעט און איז געבליבען שטעהן מיט א פינגערעל אין מויל.

„פאַר וואָס פּאַסט עס ניט?" — האָט זיך רייזעלע געוואונ־דערט. — „מיין מאַמע מיט חנה'לעס מאַמע זיינען אויך חבר'טעס"

„אָבער חנה׳לע שפּיעלט זיך מיט שרה׳לע דעם שוסטער׳ס", — האָט עטעלע ערקלערט, איינבויגענדיג דעם קאָפּ אויף איין זייט.

„זי וועט זיך שוין מעהר ניט שפּיעלען. א יאָ, חנה׳לע? זאָג יאָ, ווילען מיר זיך שפּיעלען מיט דיר", — האָט רייזעלע געבעטען.

חנה׳לע איז געשטאַנען א צוטומעלטע און געקראַצט די ברעט מיט איין פינגערעל, און עטעלע האָט געזאָגט, אז מען זאָל חנה׳לען ארויסטרייבען. אז ניט, געהט זי אהיים.

„זאָג, אז דו וועסט זיך ניט שפּיעלען מיט שרה׳לען", — האָט האָט הענעלע געבעטען, גלעטענדיג חנה׳לען איבער׳ן האַנד.

"כ׳וועל זיך ניט שפּיעלען", — האָט חנה׳לע איהר צוליעב געטהאָן.

„און רעדען זאָלסטו אויך ניט מיט איהר", — האָט עטעלע באַפוילען.

„כ׳וועל ניט רעדען.

„שווער זיך".

„איך וויים ניט ווי".

איז די זאַך גאַנץ ערנסט געוואָרען. אַלע מיידעלעך האָבען ארומגערינגעלט חנה׳לען און געקוקט אויף איהרמיט גרויס דרך ארץ, וואָס זי וועט באַלד טאָן אזא געפעהרליכע זאַך, ווי שווערען.

„זאָג, איך זאָל אזוי לעבען", — האָט איהר עטעלע דיקטירט.— "און אז דו וועסט ניט האלטען די שבועה, וועסטו שטאַרבען".

„איך זאָל אזוי לעבען", — האָט חנה׳לע נאָכגעזאָגט, א בלאַסע מיט ציטערנדע ליפּעלעך.

עטעלע האָט זיך געפּיהלט ווי א זיגערין. די איבריגע מיידע־לעך זיינען געבליבען שטעהן ווי פארגליווערטע. רייזעלע האָט ארויסגעלאָזט א זיפץ און האָט זיך געווענדעט צו דבורה׳לען:

„מען שטאַרבט טאַקע, אז מען האלט ניט קיין שבועה?"

„אודאי", — האָט דבורה׳לע געענטפערט, און די איבריגע מיידעלעך האָבען איינשטימיג צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

עטעלע האָט זיך גענומען גליטשען פון ברעט. האט דאָס באַלד געענדערט די שווערע שטימונג. אַלע האָבען זיך גענומען גליטשען.

איז דער שפּיעל געוואָרען אַ פרעהליכער און ס'האָבען ווידער גע־קלונגען די קינדערשע שטימען איבער'ן הויף.

חנה'לע האָט זיך געשפּיעלט, אָן אומעדיגע, מיט אַ שווערען געוויסען. די שבועה איז איהר ניט ארויס פון זינען.

אַז מען האָט זיך אָפּגעשפּיעלט, איז חנה'לע אהיים געגאַנגען, מיט אַן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ. זי טאָר זיך איצט ניט שפּיעלען מיט שרה'לען, האָט זי געטראַכט, אַז ניט וועט זי שטאַרבען.

שרה'לע האָט שוין געוואָרט אויף איהר אין דערהיים.

„וואו ביזטו געווען די גאַנצע צייט?“, — האָט זי געפרעגט חנה'לען.

ענטפערן האָט חנה'לע ניט געקענט. האָט זי זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. שרה'לע איז איהר נאָכגעגאַנגען יעדען טריט, פאַר־דערנדיג אַן ענטפער. האָט זיך חנה'לע געפּיהלט געפּייניגט. זאָגען איהר זי זאָל אוועק ,קען זי ניט. ערשטענס טאָר זי דאָך ניט רעדען; צווייטענס, וועט זי איהר פארשעהמען. ס'איז דאָך אַזאַ עבירה אַז מען פארשעהמט אימיצען. און זי איז דאָך ניט קיין שלעכטע, וואָס קען אזוי פארשעהמען אָרעמע מיידעלעך. אָבער שטאַרבען האָט חנה'לע אויך ניט געוואָלט. האָט זי געפּיהלט פּונקט, ווי ווען עס צינט זיך אָן שבת דער טישטוך: אויסלעשען טאָר מען ניט און לאָזען ברענען קען מען אויך ניט.

שרה'לע איז אַ פארוואונדערטע נאָכגעגאַנגען חנה'לען, ביז חנה'לע האָט באַשלאָסען צו שטאַרבען. בעסער שטאַרבען, איידער מביש צו זיין אַן אָרעמע מיידעלע. זי האָט גענומען ריידען צו איהר.

נאָך דעם האָט חנה'לע אַ גאַנצען טאָג געוואַרט אויפ'ן טויט, און ער איז ניט געקומען...

צווי יאָהר עלטער.

1.

טויבעלע האָט ארויפגעקוקט מיט עהרפורכט צו איהר חברבר'טע קריינדעלע, וועלכע איז געווען מיט צווי יאָהר עלטער פון איהר; און זי האָט אלץ מורא געהאַט, זי זאָל זי ניט פארלירען איבער די דאָזיגע צווי יאָהר. האָט זיך קריינדעל גרויס געהאַלטען מיט איהר עלטער, און פונדעסטוועגען זיך געשפּיעלט מיט טויבעלען: ביז עס איז געוואָרען א פּישביין־פאַבריק אין שטעדטעל און א סך מיידלעך זיינען אוועק ארבייטען.

קריינדעל איז דאַן אלט געווען עלף יאָהר און הויך געוואקסען; האָט זי געזאָגט, אז זי איז פופצעהן, און מען האָט זי אריינגענו־מען אין פאַבריק.

דאַן האָט זי ערשט ריכטיג דערפיהלט איהר גרויס, און שטע־הענדיג לעבען פאַבריק צוזאמען מיט צוואנציג יאָהריגע מוידען, האָט זי אין גאַנצען פארגעסען אָן דער ניין־יעהריגער טויבעלע.

האָט טויבעלע שטאַרק געבענקט נאָך דער חבר'טע און ס'איז איהר גאָרנישט איינגעגאַנגען. אז דער טאַטע האָט איהר געמאַכט א הוידעלקע אויפ'ן הויף, האָט זי אָהן דער גרויסער חבר'טע פאַר־לוירען די אמביציע צו וויגען זיך הויך... איז זי געשטאַנען א פאַר־בענקטע און אפילו זיך ניט אומגעקוקט אויף דעם נחת, וואָס א האַלב שטעדטעל מיט קינדער הוידען זיך אויף איהר הוידעלקע.

האָט די מאַמע געמיינט, אז טויבעלע איז קראַנק, און געפרעגט זי, צו דאָס קעפּעלע טוט איהר וועה, האָט זי א שאָקעל געטאָן מיט'ן קעפּעלע אויף ניין. האָט איהר די מאַמע אָנגעבאָטען: אפשר וויל זי אביסעל פון דעם נייעם קארשען־זאַפט, האָט זי געענט־פערט: ניין, זי וויל געהן אין פאַבריק אַרבייטען אזוי ווי קריינדעל.

„אין פאַבריק ארבייטען?" האָט זיך די מאמע געוואונדערט. „ביזט דאָך נאָך א קליינע". האָט זי איהר א שאָט געטאָן זאַלץ אויף איהר וואונד.

„איך וויל ניט זיין קיין קליינע", האָט זיך טויבעלע קאַפּריזנע צעוויינט, „פאַר וואָס איז קריינדעל א גרויסע?"

„קריינדעל איז פריהער געבוירען געוואָרען", האָט איהר די מאמע ערקלערט.

„טאָ פאַר וואָס האָסטו מיך פריהער ניט געהאַט?" איז טויבעלע אַרוים מיט איהר פּרעטענזיע, און פאַר כעס גענומען רייסען די פראַנזען פון טישטוך.

„פע, ניט שעהן", האָט זי די מאמע גע'מוסר'ט.

„דער קליינער וועלוועלע רייסט אויך דאָס טישטוך."

דאָס האָט באַלד געווירקט אויף טויבעלען, און זי האָט אָפּגעלאָזט די פראַנזען.

„טאָ זאָג, מאמע, ווי ווערט מען אזוי גרויס ווי קריינדעל?"

„אין צוויי יאָהר אַרום וועסטו זיין אזוי גרויס ווי זי."

„וועט זי דאָך זיין נאָך גרעסער!"

„אודאי, וואָס איז?" האָט די מאמע געפרעגט, און ניט פאַרשטאַנען איהר טאָכטער'ס וועהטאָג, וואָס די צוויי יאָהר שטעהען צווישען איהר און דער חבר'טע.

אז טויבעלע האָט דערזעהן קריינדלען דורכ'ן פענסטער, איז זי איהר אַנטקעגען געלאָפען מיט פרייד, זי אָנגעכאַפּט פאַר'ן אַרבעל, און גענומען דערצעהלען וועגען דער הוידעלקע, וואָס דער טאַטע האָט געמאכט אויפ'ן הויף. האָט קריינדעל פאַרגעסען, אז זי איז א גרויסע, און זיך אַרויפגעכאַפּט מיט טויבעלען אויף דער הוידעלקע. האָבען זיך ביידע געהוידעט מיט גרויס הנאה. און טויבעלע האָט זיך געפיהלט ערהויבען צו דער חבר'טע...

קריינדעל איז געוואָרען א מענש, וואָס פאַרדיענט געלד, האָט איהר איהר מאמע געקויפט א וואָלען קלייד, א פּאָר שיך מיט קאַלאָשען ,און א הוט מיט רויטע בענדער, וועלכע הענגען אַראָפּ פון

הינטען. האָט זי טויבעלען געלאָזט זעהן, ווי זי פוצט זיך אויס, און איז אוועק מיט גאָר א גרויסער מיידעל, וועלכע איז טאַקע גע־ווען פופצעהן יאָהר אַלט. איז טויבעלע געקומען צו דער מאַמען מיט גרויס געוויין.

„וואָס איז שוין ווידער?"

„איך וויל אויך א הוט מיט רויטע בענדער!"

די מאַמע האָט איהר צוגעזאָגט צו קויפען א הוט אבי זי זאָל אויפהערען צו וויינען. האָט זי געכליפּעט ביי דער מאַמען אין שוים ביז זי האָט דערזעהן דאָס בילד; ווי זי געהט אין גאַס מיט דעם ראָזיגען הוט, און די רויטע בענדער הענגען אראָפּ פון הינטען. האָט זי א שמייכעל געטאָן, און איהר פּנים'על האָט אויסגעזעהן ווי דער דרויסען, ווען די זון גיט א שיין נאָכ'ן רעגען.

אז טויבעלע האָט שוין געהאַט דעם הוט מיט די רויטע בענ־דער, האָט קריינדעל זי מיטגענומען אין וואַלד, האָט זי געזעהן, ווי פון הינטער א בוים איז ארויס מאיר'ל דעם חזן'ס און האָט זיך צוגעשלייכט צו קריינדלען.

„ס'איז אמת'דיגע זייד?" האָט ער געפרעגט, קוקענדיג פאַר־גאַפט אויף די רויטע בענדער פון קריינדעל'ס הוט.

„אמת'דיגע, נאַ זעה", האָט איהם קריינדעל אָנגעבאָטען. האָט ער אָנגענומען אין האַנד א ברעג פון א באַנד, און געמאַכט א מינע פון גרויס באַוואונדערונג.

„מיינע איז אויך אמת'דיגע זייד", האָט זיך טויבעלע אריינ־געמישט. נאָר ער האָט זיך אויף איהר ניט אומגעקוקט.

„איך האָב זיך אויסגעמאַכט א פידעלע", האָט זיך מאיר'ל באַריהמט.

„און אמת'דיגע?" האָט קריינדעל געפרעגט מיט באַוואונ־דערונג.

„יאָ, אז דו ווילסט, קום מיט מיר, וועל איך דיר ווייזען. איך האָב א פייגעלע אויך."

האָט איהם קריינדעל געגלויבט אויפ'ן וואָרט, פונדעסטוועגען איז זי געגאַנגען מיט איהם זיך איבערצייגען. און טויבעלע איז

געבליבען אליין, איז זיגעקומען אהיים, אויסגעטאָן דעם נייעם הוט און א שמיץ געטאָן אָן דער ערד.

„די מויד איז משוגע געוואָרען", האָט די מאמע געזאָגט, און פארשלאָסען דעם הוט אין שאפע.

האָט טויבעלע מעהר דעם הוט ניט געקראָגען, סיידען מען האָט געדארפט געהן אויף א חתונה אָדער אויף א ברית. אָהן דעם הוט האָט קריינדעל זי אין ערגעץ ניט מיטגענומען, און זיי זיינען גע־וואָרען אויס חבר'טעס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אז א סך שבתים און יום־טובים זיינען אריבערגעגאנגען, און טויבעלע איז שוין אליין געוואָרען עלף יאָהר אלט, איז זי אריין צו קריינדלען פרעגען, צו זי וועט זי מיטנעהמען אין פאבריק. האָט קריינדעל זי אָפּגעמאָסטען מיט א קריטישען בליק: „אז דו ביזט דאָך נאָך גאָר א פּיצעל! דו זעהסט דאָך אויס אכט יאָהר אלט", האָט זי קאלטבלוטיג א זאָג געטאָן.

„און דו?" האָט טויבעלע גלאט אזוי א פרעג געטאָן.

„איך זעה אויס ווי אכטצעהן יאָהר". האָט קריינדעל ארויס־גערעדט מיט שטאָלץ; און טויבעלע האָט דערפיהלט, אז צעהן יאָהר טיילט זיי ביידען פארנאנדער.

ביסלעכווייז איז אריין די מאָדע פון פאָהרען אין אמע־ריקא, און טויבעלעס טאטע איז אוועקגעפאָהרען. נאָכדעם האָט זיך די צייט לאנגזאם אוועקגערוקט און טויבעלע האָט זיך געגרייט צום פאָהרען. איז טויבעלע געוועזען זעהר שטאָלץ ביי זיך און גע־קוקט מיט גרויס נצחון אויף קריינדלען, וואָס זי, טויבעלע, כאָטש זי איז א קליינע פאָהרט אין אמעריקא, און קריינדעל די גרויסע פאָהרט ניט.

„איך וועל נאָך דאָרטען געהן אין קלאַס", האָט זיך די קליינע טויבעלע באריהמט פאר דער גרויסער קריינדלען ביים געזעגענען זיך. און קריינדלען האָט דאָס טאַקע פאַרדראָסען. ס'איז אזוי שעהן, אז מען געהט אין קלאַס, און זי האָט שטאַרק פיינט געקראָ־גען די פאַבריק.

„איך וועל אויך קומען אין אמעריקא", האָט די גרויסע ארויסגערעדט איהר חלום.

„וועלען מיר זיך דאָרטען טרעפען", האָט זיך טויבעלע גע־פרעהט, און געקוקט אויף זיך ווי אויף אן ערוואקסענעם מענשען, וואָס זי איז ראוי צו אזא זאך ווי פאָהרען קיין אמעריקא.

קריינדעל האָט נאָכגעקוקט די פוהר, וואָס האָט אוועקגעפיהרט טויבעלען, און טרערען האָבען זיך באוויזען אין איהרע אויגען...

.2

די יאָהרען־רעדער פון'ם צייט־וואָגען האָבען זיך איבערגע־דרעהט צעהן מאָל; און קריינדעל איז געזעסען אין א ניו יאָרקער שאפ ביי א מאשין, א בלאסע, אן איינגעהויקערטע. זי האָט זיך געאיילט פארטיג צו מאכען „באָנדעלס" און איז געווען פארטאָן אין דער ארבייט. איז צוגעקומען צו איהר א יונג, פלינק מיידעלע און מיט א קלינגענדער שטימע א פרעג געטאָן:

„ענטשולדיגט, פריילין, קומט איהר פון שטאָקמאנהאָף?"

האָט קריינדעלען א קלאפ געטאָן אין הארצען, און זי האָט א געשריי געטאָן:

„טויבעלע!"

האָבען זיי זיך ביידע ארומגעכאפט און אלע אין „שאפ" האָ־בען געשטוינט.

ווי, וואָס, ווען, ווי אזוי — האָט זיך אָנגעפאנגען א דערצעה־לען, ביז די „פאָרליידי" האָט געגעבען צו פארשטעהן, אז דאָ איז ניט דער פלאץ פאר אזעלכע זאכען. האָט טויבעלע געמוזט געהן צוריק אין „אָפיס" און קריינדעל האָט זיך געמוזט זעצען צוריק ביי דער מאשין.

קוים דערלעבט אהיים צו געהן, האָט טויבעלע גענומען קריינד־לען צו זיך אהיים, און דאָרט האָבען זיך ביידע פארגליכען און גע־זעהן, אז, קריינדעל איז אן אויסגעמאטערטע עלטערע מיידעל, און טויבעלע האָט זיך ערשט פארנאנדערגעבליהט.

„דאכט זיך, איך בין בלויז מיט צוויי יאָהר עלטער פון דיר?"
האָט קריינדעל געוואָלט אויסגעפינען די אורזאך פון דעם אונטער־שייד צווישען זיי.

„יאָ, בלויז צוויי יאָהר", האָט טויבעלע צוגעגעבען און אין געדאַנק זיך געוואונדערט, ווארום קריינדעל זעהט אויס אזוי אַלט.

„איך האָב אָנגעהויבען צו פריה צו לעבען", האָט די עלטערע געזאָגט, ווי זי וואָלט געטראָפען וואָס די אינגערע טראַכט.

האָט טויבעלע זי געטרייסט, אַז זי איז נאָך יונג, און זי דאַרף זעהן אָפּצוהיטען איהר שעהנקייט. זי זאָל ניט ארבייטען שווער, זי זאָל פאָהרען אין „קאונטרי" און איבערהויפּט זאָל זי ניט זאָר־גען.

„ס'איז דיר גוט צו זאָגען ניט זאָרגען", האָט קריינדעל גע־זאָגט מיט א ביטערען שמייכעל. „אַז דו וואָלסט געוואוסט, וואָס ביי מיר אין הארצען טוט זיך, וואָלסטו דאָס ניט געזאָגט."

„וואָס אזוינס?" האָט זיך טויבעלע געוואונדערט.

„עט!" האָט קריינדעל א מאַך געטאָן מיט דער האַנד.

„ער האָט מיך אריבערגענומען אהער, מיך גאַנץ גוט אָנגעפּיי־ניגט און איבערגעלאָזט אויף הפקר."

„ווער?" האָט טויבעלע זיך פאראינטערעסירט.

„מיין קאָזין, ער האָט זיך פארליעבט אין אַן אַנדערע."

„אזוי, נו קריגט מען זיך אַן אנדער בחור און מען פאַנגט אָן אויפדאָס ניי". האָט איהר טויבעלע אַן עצה געגעבען.

„יאָ, מיט דיין פנים וואָלט איך עס געקראָגען", האָט קריינ־דעל מיט באהאַלטענער קנאה געזאָגט. און טויבעלע האָט זיך דער־פיהלט ענג פון דער עלטערער'ס קנאה־בליקען.

נאָכדעם איז קריינדעל געגאַנגען א היים מיט א גייער פרייד, וואָס זי וועט האָבען אזא שעהנע אינטעליגענטנע חבר'טע. אָך, די מיידלאָך פון „שאָפּ" וועלען איהר מקנא זיין, ווען זי וועט נאָך דער ארבייט זיך באַגעגענען מיט טויבעלען, ווען יענע וועט ארויסגעהן פון „אָפיס". זי וועט נעהמען איהר ארעם, און זיי וועלען ביידע

אוועקשפאנען. דערביי האָט זי זיך אויסגעגלייכט און מארשירט מיט שטאָלץ.

אויף מאָרגען אז קריינדעל איז אריין צו טויבעלען אין „אָפּיס”, האָט זי דאָרט געטראָפען א שעהן־פארפוצטען בחור, וועלכער האָט זעהר מאַניערליך אָנגעטאָן טויבעלען איהר מאַנטעל און זי האָט זיך דערפיהלט איבעריג. האָט זי געזאָגט א גוטע נאכט, און איז ארויס פון „אָפּיס”.

שטעהענדיג אין דרויסען ביי דער טהיר, האָט זי געזעהן, ווי טויבעלע האָט שטאָלץ אוועקגעשפּאַנט צוזאמען מיט'ן בחור.

„וואָס דען? מיט מיר וועט זי זיך ארומפיהרען?” האָט זי געטראַכט און ביטער געלאַכט פון זיך, וואָס זי האָט געמיינט, אז טויבעלע איז איהר חבר'טע. ווי קומט זי צו טויבעלען? יענע איז דאָך יונג און שעהן. מיט צוויי יאָהר אינגער, און די דאָזיגע צוויי יאָהר זיינען געווען און געבליבען ווי א וואנד צווישען די צוויי חבר'טעס.

דער שלעכטער טאַטע.

אז שרה'לע פלעגט נאָך ליגען אין וויגעלע מיט די הענטעלעך אין מויל און שרייען, פלעגט איהר טאטע ניט צוגעהן איהר נעהמען. ער האָט געטראָגען א שנאה אויף איהר ווייל ער האָט געוואָלט א אינגעל, און זי איז געבאָרען געוואָרען א מיידעל.

נאָר זי אליין האָט ניט געוואוסט פון איהר חטא און האָט אָנגענומען דעם טאַטענס כעס אַלס א נאַטירליכע זאַך. פון וואַנען זאָל זי וויסען אז א טאַטע דאַרף זיין א גוטער?

איז זי אזוי געוואַקסען מיט דעם איינדרוק אז טאַטעס זיינען שלעכטע, מען דאַרף זיי אויסמיידען, און קיין מאָל האָבען זיך איהרע הענטעלעך ניט געצויגען צו דעם באַבאָרדיגטען אידען וואָס איז געווען איהר ט א ט ע.

אז שרה'לע איז אויסגעוואַקסען גרעסער און האָט געהאַט חבר'טעס, האָט זי זעגעהן ווי איהרע א חבר'טע זיצט ביים טאַטען אויפ'ן שוים, פונקט ווי ביי א מאַמען. האָט זי זיך געוואונדערט: ווי אזוי קען מען דאָס זיצען ביי א טאַטען אויפ'ן שוים? ס'מוז אודאי זיין אַן אָנקעל. ווייל א טאַטען קען מען דאָך ניט ליעב האָבען. און אז זי האָט געזעהן אז אלע איהרע חבר'טעס האָבען ליעב זייערע טאַטעס, איז איהר דאָס קשה געוואָרען.

האָט זי איינמאָל פאַרפיהרט א געשפּרעך מיט נאָך א מיידעלע:

— עטעלע, זאָג, דיין טאַטע איז אַן אמת'ער טאַטע?

— יאָ, אַן אמת'ער — האָט עטעלע געענטפערט.

— טאָ ווי אַזוי האָסטו איהם ליעב? — מען קען דען ליעב האָבען א טאַטען?

— אודאי קאָן מען.

— ניין, מ'קאָן ניט, ווייל א טאַטע איז דאָך א שלעכטער, ער

שרייט אַלע מאָל אויף דער מאמען, און מיידעלעך האָט ער פיינט — האָט שרה׳לע ארגומענטירט.

— מיין טאטע איז א גוטער — האָט איהר עטעלע צוטומעלט.

— ס׳איז דען דאָ גוטע טאטעס?

— אודאי איז דאָ.

— טאָ וואו נעהמט מען זיי?

— איך וויים ניט, די מאַמעס קריגען די טאטעס.

איז שרה׳לען איינגעפאלען צו בעטען דער מאמען זי זאָל קריי־גען א גוטען טאטען. און אז זי האָט געבעטען דער מאמען, האָט די מאמע גאָר אָנגעהויבען צו וויינען, און האָט געזאָגט אז קיין אנדער טאטען קען מען ניט קריגען, מען דארף ליעב האָבען דעם.

— אָבער מען קען דאָך ניט — האָט דאָס קינד גע׳טענה׳ט.

— מען מוז! — האָט די מאמע באפוילען.

— טאָ פארוואס האָסטו איהם ניט ליעב, מאמע?

— ווייל — אי, לאָמיך צורוה! — האָט די מאמע קיין ענטפער ניט געהאט.

איז ביי שרה׳לען געבליבען א פּראָבלעם, ווי אזוי ליעב צו האָ־בען איהר טאטען. האָט זי זיך שטארק באמיהט און האָט איהם אביסעל ליעב געהאט ווען ער איז אוועקגעפאָהרען, נאָר אז ער איז צוריקגעקומען און זי האָט איהם דערזעהן, איז איהר אן אימה באַ־פאַלען, און זי האָט איהם ווידער פיינט געקראָגען.

איז זי געגאנגען צו עטעלען פרעגען צי מען מוז האָבען א טאטען.

— אודאי! — האָט עטעלע געענטפערט מיט גרויס ערנסט.

— און אז מען האָט ניט קיין טאטען?

— מען מוז האָבען א טאטען, ווייל אז מען האָט ניט, איז ניטאָ ווער עס זאָל מאכען קידוש אַלע שבת.

— מיין מאמע קען אליין מאכען קידוש — האָט זיך שרה׳לע דערפרעהט — און איך דארף ניט קיין טאטען.

— מען טאָר דאָס ניט זאָגען! — האָט איהר עטעלע פארריכט.

איז די זאַך געוואָרען נאָך אונפאַרשטענדליכער פאַר שרה'לען, און זי איז אַהיים געקומען אַן אונרוהיגע.

איין מאָל איז זי געגאַנגען אין גאַס מיט דער מאַמען. האָט זי דורך אַ פענסטער דערהערט שרעקליכע קולות. אַ מיידעל האָט געשריען: „אוי, טאַטעניו! אוי, טאַטעניו!" האָט זיך שרה'לע דערשראָקען און געפרעגט דער מאַמען:

— פאַרוואָס שרייט אַזוי די מיידעל?

האָט די מאַמע אַ שווערען זיפץ געטאָן, וואָס האָט שרה'לען נאָך מעהר דערשראָקען, און האָט געזאָגט:

—איהר טאַטע האַלט ביים שטאַרבען.

האָט דאָס קינד עפּעס דערפיהלט, און ס'האָט איהר אַ קלאַפּ געטאָן אין הערצעל. האָט זי באַשלאָסען ליעב צו האָבען איהר טאַטען פונקט ווי אַלע מיידעלעך. אַז ניט — אַז ניט — קען ער נאָך שטאַרבען.

איז זי אַהיים געקומען, און האָט באַלד אָפּגעפּוצט דעם טאַטענס שיך. און אַז ער האָט אויף מאָרגען אָנגעטאָן די בלאַנקע שיך, האָט זיך שרה'לע באַהאַלטען אין אַ ווינקעלע מיט גרויס ערוואַרטונג צו זעהן וואָס פאַר אַ מינע דער טאַטע וועט מאַכען, און וואָס ער וועט זאָגען ויען ער וועט מיט אַ מאָל געפינען אָפּגעפּוצטע שיך. נאָר ער האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט און ניט געפרעגט ווער דאָס האָט געטאָן. ער האָט אָנגעטאָן די שיך און איז אַוועק.

האָט דאָס שרה'לען פאַרדראָסען. זי האָט אַזוי געהאָרעוועט אויף זיינע שיך, און איהם אַרט דאָס גאָר ניט. נאָר פון דעסטוועגען האָט זי נאָך אַלץ געהאַט אין זינען ליעב צו האָבען דעם טאַטען. און אַז ער האָט עפּעס געדאַרפט, האָט זי עס איהם צוגעטראָגען נאָך איידער ער האָט עס געבעטען. און דער טאַטע האָט נאָך אַלץ ניט באַמערקט שרה'לעס גוטסקייט צו איהם.

איז זי פאַרצווייפעלט געוואָרען און געוואָלט אויסשרייען צו זיך אַליין אַז זי האָט פיינט דעם טאַטען. האָבען איהר אַ קלונג געטאָן אין די אויערען די קולות פון יענער מיידעל וועמעס טאַטע האָט

געהאַלטען ביים שטאַרבען און זי איז געבליבען ביי איהר באַשלוס אַז זי זאָל ליעב האָבען דעם טאַטען.

פונדעסטוועגען האָט זי קיין מאָל ניט אויפגעהויבען די אויגען א קוק צו טאָן אויף איהם. אַלעס, וואָס זי האָט געקענט אין זיין פּנים איז געווען די שווארצע באָרד, און די דאָזיגע באָרד פלעגט אָנוואַרפען א שרעק אויף איהר.

אַז ס׳איז געקומען שמחת תורה, האָט שרה׳לעס טאַטע זיך אָנגעטרונקען מיט בראַנפען, און איז נאָכגעלאָפען דער מאַמען. איז די מאַמע אַנטלאָפען פון איהם, און ער האָט זי געכאַפּט. האָט זיך שרה׳לע אַזוי דערשראָקען, אַז זי האָט זיך היסטעריש צושריען. האָט ער א געשריי געטאָן אויף איהר און א טופּ געטאָן מיט׳ן פוס. האָט דאָס קינד געמאַכט אַזעלכע קולות, אַז די מאַמע האָט איהר קוים איינגענומען.

פון דאַמאָלסט אָן האָט שרה׳לע אויפגעגעבען איהר באַשלוס ליעב צו האָבען איהר טאַטען.

א שלעכטען טאַטען קען מען ניט ליעב האָבען, האָט זי גע־טראַכט.

האָט זי געהאַט א טענה צו איהר מאַמען, פאַר וואָס האָט זי ניט אויסגעקליבען א גוטען טאַטען.

די יונגע מאמע.

בלויענקע, שעהגינקע אויגעלעך ווינקען און רייצען די יונגע מאמע, לויפט זי צו צום קינד'ס וויגעלע. קליינינקע פיסעלעך, קליי־נינקע הענטעלעך, א פיטשינקער שעהן געטאָקטער נעזעלע, אַהן, ווי שעהן. אוי! אוי! אוי! — האָט זיך די מוטער צושריען, קור־שענדיג דאָס קליין קערפּערעל.

א פּאָר שכנ'טעס האָבען זיך צושראָקענע געוויזען דורכ'ן טהיר, דערזעהען די ענטציקטע מוטער, האָבען זיי איינס דאָס אנדערע אָנגעקוקט, און זיך צולאַכט.

— דער קליינער מאכט מיך משוגע — האָט זיך רחל פּאַר־ענטפערט פאַר איהרע געסט, און האָט זיי געבעטען זיצען.

— ס'שאדט נימ, — האָט איהר א שכנה בארוהיגט, — א יונגע מאמע איז נאָך אליין א קינד. איך געדענק, אז מיין דוד'ל, זאָל געזונד זיין, פלעגט ליגען אין וויגעלע, פלעג איך איהם צוביי־סען ביז בלוט.

— וועה איז מיר — האָט זיך די אנדערע שכנה א כאפּ גע־טאָן.

— נו, וואָס מיינט איהר, מען וויים דען וואָס מען טוט? א קלייניגקייט, די קליינע חברה!

—יאָ, טאקע — האָט צוגעגעבען רחל — פאר וואָס זיצט איהר נימ?

— אָט, מען דאַרף באלד געהן, כ'האָב צוגעשטעלט מילך קאָ־כען. — האָט די ערשטע שכנה ערקלערט, און האָט זיך געזעצט. האָט די אנדערע אויך דערפיהלט דעם שטול לעבען זיך און האָט זיך געמאַכט באַקוועם.

* * *

א נייע פרייד האָט רחל דערפיהלט ווען דאָס קינד האָט גע־

נומען געהן. עפּעס אַזאַ קליין רונדיג נפש'על שטעלט עס די פּור־כיגע פיסלעך אויף דער ערד און ציטערט. קוקענדיג צו דער מאַמען, האָט זי זיך ניט געקענט באַנוגענען וואָס דער טאַטע קוקט און קוועלט, און האָט איהם געריסען פאַר'ן ארבעל, ער זאָל זעהן.

זי האָט פיבעריש אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד און זי האָט זיך איינגעגעסען מיט די ליפּען אין זיין צאַרטען לייב, ביז ער האָט זיך געפּיהלט פאַרמאַטערט, און האָט זיך צעוויינט. האָט דער טאַטע ארויסגעריסען יאָסעלען פון די מאַמע'ס אָרעמס, גענומען צו זיך אין שויס און איהם באַרוהיגט, גלעטענדיג זיין בלאָנד קעפּעלע, ביז דאָס קינד האָט פאַרגעסען וויינען.

* * *

— „דען רויסען" — האָט יאָסעלע אָנגעפּאַנגען אויף זיין קינ־דישען לשון. האָט די מאַמע גרויס נחת געהאַט דערפון און האָט דאָס איבערדערצעהלט פאַר די שכנים.

— למען השם לאָזט איהם ניט אין דרויסען — האָבען איהר די שכנים געלערענט. — די קליינע פאַרקיהלען זיך באַלד.

האָט זיך יאָסעלע געריסען צום טהיר, און די מאַמע האָט איהם ניט געלאָזט ארויסגעהן.

— מאַמע ניט אַ דוטע — האָט ער זיך גע'כעס'ט און געריסען דער מאַמען פאַר'ן קליי־. האָט די מאַמע אָנגעשריען אויף איהם און איז אוועק טאָן איהר ארביים. האָט יאָסעלע געריסען די גרויסע טיר מיט זיינע קליינע הענטעלעך, און געוויינט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך פאַרקוקט אויף די רויטע פאַסען פון טישטוך און האָט פאַר־געסען פאַר וואָס צו וויינען.

אויפ'ן טיש מוז עפּעס זיין, איז איהם איינגעפאַלען. נאָר ווי דערגרייכט מען איהם? שלעפּט ער דעם טישטוך אַזוי לאַנג, ביז אַלעם פון טיש פאַלט אַראָפּ. דערהערט רחל דעם קלאַנג פון די כלים און לויפט אריין אַ דערשראָקענע. דערזעהן דעם שאַדען, איז זי גע־וואָרען צאָרענדיג, און יאָסעלע, אַ דערשראָקענער, האָט דערפיהלט אַ האָגעל פון קלעפּ איבער זיין צוטומעלט קעפּעלע.

אַביסעל זיך איינגעשטילט, האָט רחל צוזאַמענגענומען די

שפּייז פון דער ערד, רעדענדיג צו זיך: „אזא טייבעל פון א קינד. ער מאַכט מיר דעם טויט! אַ פולער קריגעל מיט מילך אָנגעגאָסען, אַלע טעלער צובראָכען. אזא לאבוס, דער׳הרג׳ענען וועל איך איהם“.

איז יאָסעלע לאַנג געלעגען אויף דער ערד און געוויינט, טראַכטנדיג אַז פּאַפּאַ וועט קומען, וועט ער איהם דערצעהלען, וואָס פאַר אַ שלעכטע די מאַמע איז.

פון זיין וועלען וויסען, וואָס עס טוט זיך אויפ׳ן טיש, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ שלעכטער סוף. פונדעסטוועגען וויל ער וויסען וואָס עס טוט זיך אויפ׳ן מאַנטעלפּיעס, ווייל דאָרט מוזען אודאי זיין שעהנע זאַכען. אז דער פּאַפּאַ וועט קומען, טראַכט יאָסעלע, וועט ער איהם אויפהויבען, וועט ער אַלצדינג זעהן. דער פּאַפּאַ איז דאָך אַזאַ גוטער, ער קויפט איהם אַלעמאָל צאַצקעלאַך און לאָזט איהם זיי צוברעכען אויך, דען יאָסעלע וויל אזוי וויסען, וואָס דאָס פערדעלע האָט אין קאָפּ, רייסט ער עס מיט די הענטלעך און טראַמפּעלט עס מיט די פיסלעך, ביז די אָפּעראַציע ווערט געמאַכט.

דערהערט יאָסעלע טריט פון הינטער׳ן טהיר, דערפיהלט ער, אַז דאָס איז דער פּאַפּאַ. לויפט ער איהם אַקעגען און פאַלט איהם אַריין אין די אַרעמס.

— פּאַפּאַ, וואָס דו מיר ברייננגט? — פרעגט באַלד יאָסעלע.

פיהלט זיך דער פּאַפּאַ אין פאַרלעגענהייט, וואָס ער האָט פאַרגעסען עפּעס ברייננגען. און זאָגט צו דאָס קינד צו נעמען אין טעאַטער, דערפרעהט זיך יאָסעלע און וואַרט אַ צופריעדענער. עסט מען אָפּ און מען פּוצט איהם אויס, נעהמט איהם דער פּאַפּאַ מיט.

אין טעאַטער זיצט יאָסעלע אַ פאַר׳כישופ׳טער. אַזעלכע שעהנע מענשען זעהט ער, זיינען זיי אָנגעטאָן אין גרינע און רויטע הויזען, זיי טאַנצען און בויגען זיך. ס׳איז אַזוי פיין. די מוזיק שפּיעלט. פאַרפיהרט עס איהם אין שעהנע וועלטען. האָט ער אַלעמען ליעב און איז שוין ניט ברוגז מיט דער מאַמען. ער טוליעט זיך צו צום פּאַפּאַ און זיין הערצעלע איז פול מיט קינדישע פרייד. ווערט ער אזוי פאַר׳חלומ׳ט, אַז ער וויל אפילו ניט עסען די טשאָקאָלאַד, וואָס דער פּאַפּאַ גיט איהם. זיצט ער אזוי מיט ברייט פאַרנאַנ־

דערגעעפענטע אויגען און אויערען, און זיין פנים'על לייכט פון די פאנטאסטישע וועלטען, וועלכע וועבען זיך אין זיין מח'ל.

— דאס קינד וועט זיין א גאון — טראכט זיך דער טאטע, קוקענדיג אויף יאסעלען, און עס שרעקט איהם דאס הארץ, אז רחל זאל איהם ניט קאליע מאכען.

געקומען אהיים, איז יאסעלע אריינגעלאפען אין הויז ווי מיט א גוטער בשורה, און באלד גענומען דערצעהלען:

— „א טאטע, א מאמע, דעמאכט אזוי“, דערביי האט ער גע־נומען טאנצען, און האט זיך פאר פארגעניגען צולאכט. „א טאטע דעמאכט טרו, טרו, טרו! א סך טאטעס דעטומען, זיי דעמאכט אזוי“. יאסעלע האט גלייך אויסגעבויגען זיין קעפעלע און גענומען מארשירען איבער'ן שטוב.

דער טאטע מיט דער מאמע'ן האבען פריידיג געלאכט. און האבען איינס דאס אנדערע אנגעקוקט מיט ווארימע בליקען...

* * *

א ברייטע וועלט האט יאסעלע דערזעהן, ווען ער האט אנגע־פאנגען געהן אין שוהל. ער האט געקראגען א סך חברים, דערצעהלט ער זיי, אז ער האט שעהנע צאצקעס און זיין פאפא וועט איהם קויפען נאך. הערען זיך די קינדער צו מיט באוואונדערונג און יאסעלע שיינט פאר פרייד.

אז יאסעלע קומט, שפרינגענדיג, אהיים פון שוהל, טראכט ער נאר פון זיינע צאצקעס, נעהמט זיי באלד ארויס פון שופלאד און צולייגט זיי אויף דער ערד.

רחל האט אבער ערשט צוגעקליבען דאס הויז, וויל זי ניט האלטען אין איין ראמען, גיט זי א קאמאנדעווע צו יאסעלען: „נעהם אוועק די צאצקעס פון דער ערד!“ ווערט יאסעלע ברוגז און ריהרט זיך ניט.

— נעהם צו, זאג איך דיר! — שרייט זי העכער.

מאכט יאסעלע א שמערצליכע מינע און איז נאך אלץ גע־בליבען ביי דאס זייניגע און געלאזט די צאצקעס אויף דער ערד. איז רחל ארויס פון געדולד און געכאפט דאס קינד פאר איין הענ־

טעל און א געשריי געטאָן : נעהמסט ניט צו די צאַצקעס ? איך מאַך פון דיר אש ! דו קליינער משומד !

יאָסעלע איז געבליבען פאַרגליווערט פון שרעק. — איך וועל דיר שוין ווייזען, ווי ניט צו פאָלגען א מאמען ! — האָט רחל געשריען און גענומען פּאַטשען אין יאָסעלע׳ס ווייכע באַקען. צאַפּעלט זיך יאָסעלע אונטער די מאַמע׳ס צאָרן און טראַכט, אז זי איז א גרויסע מאַמע, קען ער איהר גאָר נישט טאָן. דערפאַר אז זי וועט זיין א קליינינקע אזוי ווי ער, און ער וועט זיין א גרויסער, וועט ער זיך מיט איהר אָפּרעכענען.

גאַנץ גוט אָנגעשלאָגען דאָס קינד, האָט רחל אליין צוזאַמענגענומען די צאַצקעס, און אַז זי האָט געזעהן ווי יאָסעלע ליגט אויף דער ערד און שרייט, האָ זי זיך פאַרגעסען אַז דאָס איז איהר שונא. און דאָס הארץ האָט איהר גענומען וועה טאָן. נעבעך א וואָך קינד, ער קען נאָך חלילה קראַנק ווערען.

— וועה איז מיר ! מיר פאַר זיינע ביינדעלעך ! יאָסעלע, קינד מיינס, נו, הער שוין אויף וויינען ! — האָט זי זיך געווענדעט צו איהם.

יאָסעלע האָט פיינדליך א קלאַפּ געטאָן מיט די פיסעלעך, און נאָך העכער גענומען שרייען האָט רחל מיט געוואלד איהם אריינגעשלעפּט צו זיך אין שויס. האָט ער זיך געריסען מיט אלע כוחות ביז די מאמע האָט איהם געמוזט צוריק אראָפּלאָזען. האָט ער אזוי לאַנג געשלוכצט ביז דער טאַטע איז געקומען, איז יאָסעלע אַקעגען געלאָפען און באלד גענומען פאַר׳מסור׳ן אויף דער מאַמען.

—מאַמע שלאָגען איבער דאָ — קאָט ער געוויזען אויף זיינע פאַרפלאַמטע בעקעלעך.

— אוי, מעקס, איז דאָס קינד, זאָג איך דיר, איך קען פון איהם ניט אויסהאַלטען !

— פּאַפּאַ זעה, אָט דאָ, אָט דאָ, טהוט וועה !

פוןביידענס מסור׳ן אויף אמאָל, איז מעקס צוטומעלט געוואָרען און האָט קיינעם ניט געהערט. ביידע זיינען קינדער, האָט ער געטראַכט, דאָ איז ווי אומעדום, די אונגערעכטיגקייט, פון

שטאַרקען צום שוואַכען, — האָסט גרויסע הענד שלאָגסטו איהם, הא, רחל? — האָט ער זיך געווענדעט צו איהר, — מ'קען דאָס קינד ביי איהר ניט איבערלאָזען, זיי קענען זיך די ירושה ניט צוטיילען,— האָט ער ווי צו זיך גערעדט, נעהמענדיג דאָס קינד אויפ'ן האנד.— שאַ, שאַ, יאָסעלע, וויין ניט, פּאַפּאַ וועט דיר ברייננגען אַ וועגעלע— האָט ער יאָסעלע'ן געטרייסט.

דערהערט אַ וועגעלע, איז יאָסעלע פרעהליכער געוואָרען. האָט ער שלוכצענדיג געפרעגט: — ווען דו טויפען, פּאַפּאַ, אַ וועגעלע?

— מאָרגען, מיין קינד, נאָר זאָלסט ניט וויינען.

—ניט וויינען, פּאַפּאַ? מאַמאַ שאָגט מיך!

מעקס האָט אַ בייזען קוק געטאָן אויף רחל'ען, האָט זי דאָס באַלד דערפיהלט, און ס'האָט איהר אַ קלעם געטאָן ביים הארצען: דאָס קינד איז ביי איהם אַלץ, און איך... ס'איז ניט ווי אמאָל... האָט זי געטראַכט, און טרעהרען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

— נו, אפשר דיר אויך קויפען אַ וועגעלע?... — האָט איהר מעקס געפרעגט.

אַזאַ שלעכטער איז ער געוואָרען, — האָט רחל געטראַכט, און האָט זיך צעוויינט.

האָט זיך יאָסעלע געוואונדערט. אַ מאַמע זאָל וויינען?... און ס'האָט איהם פאַרדראָסען פאַר איהר, האָט ער געבעטען.

— טויף, פּאַפּאַ, מאַמע'ן אויך אַ וועגעלע...

ווער האָט איהר געבעטען ?

זאַמעלע האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן א וואָגען, איז ער אַראָפּ־געפאַלען און זיך צושלאָגען. האָט ער זיך אויפגעהויבען מיט א מינע פון פארביסענעם וועהטאָג און זיך מישב געווען צו זאָל ער וויינען צו ניט ? האָט ער זיך אומגעקוקט, געזעהן אז קיינער וועט איהם ניט הערען האָט ער אָפּגעלייגט זיין געוויין ביז ער איז צו־געקומען צו דער מאַמען.

דערזעהן דער מאַמען, האָט ער אויסגעשאָסען מיט א שטראָם טרערען :

— אוי, מיין האַנט ! אוי, מיין האַנט !

— וואָס איז ? — האָט זיך די מאַמע דערשראָקען.

האָט זאַמעלע געוויזען דער מאַמען זיין צושלאָגענע הענטעל.

— ווער האָט דאָס דיר געטאָן ? — האָט די מאַמע געפרעגט.

וועט דאָך זאַמעלע ניט אויסזאָגען ,אז ער האָט זיך אָנגעהאַנ־גען אָן א וואָגען, און איז אַראָפּגעפאַלען, די מאַמע וועט דאָך איהם דערלאַנגען נאָך א פּאָר קלעפּ, האָט ער א זאָג געטאָן :

— חיים׳ל !

איז די מאַמע אריין אין גרימצאָרן, און איז געגאַנגען צו חיים׳לס מאַמע זיך אָפּקריגען דערפאר. האָט זי מיטגעשלעפּט זאַמעלען מיט׳ן צוקלאַפּטען הענטעל. זאָל, אדרבה, חיים׳לס מאַמע זעהן, וואָס פאר א תכשיט זי האָט, אז מען קאָן א קינד אין דרויסען ניט ארויסלאָזען דורך איהם, געזעהן א האַנט ער האָט איהם גע־מאכט !

חיים׳לס מאַמע האָט געהאַלטען ביים פארזוכען איהר וואַרי־מעס, האָט זי זיך שיער אָפּגעבריהט, ווען זי האָט דערזעהן זאַמעלעס מאַמע אין אַזא רוגזה. זאַמעלעס מאַמע האָט טאַקע לאַנג ניט גע־װאַרט, און זיך באַלד צושריען :

— איך זאג אייך, מיסים שווארץ, אז אייער זוהן וועט אויס־וואקסען א גנב, א מערדער, א—, א—, איך ווייס אליין ניט וואס. אז איהר וועט איהם אזוי לאזען וואקסען. נאט, זעהט, וואס פאר א הענטעל ער האט מיין זאמעלען געמאכט!

— וואס ווילט איהר פון מיר ,איך האב איהם דען געהייסען?

— האט מיסים שווארץ געענטפערט.

— איהר דארפט איהם נאך הייסען? זעהט איהר דאך, אז ער האט ניט געווארט איהר זאלט איהם הייסען. הענט און פיס וואלט איך איהם אונטערגעהאקט פאר אזא צולאזענקייט!

— נו, נו, א בעל צדקה אויף יענעמס, הפנים איהר האט קיין בלוט ניט פארגאסען אויף מיין חיים'לס הענט און פיס, — האט מיסים שווארץ גערעדט מיט פארדרוס.

דערווייל איז זאמעלען מיאוס געווארען זיך צוצוהערען צום קריעג, האט ער זיך לאנגזאם אוועקגערוקט פון דער מאמען, און איז אריין אין א צווייטען צימער.

דארט האט ער געטראפען חיים'לען אויספראבירענדיג זיין נייעם „פיינטינג סעט", וואס זיין טאטע האט איהם געקויפט.

האט זיך חיים'ל דערפרעהט מיט איהם און אויסגעשריען:

— זעהסט, זאמעלע? איך האב א נייעם פיינטינג סעט, און איך קען שוין מאכען א מענש!

— איך קען אויך מאכען א מענש, לאז מיך אביסעלע מאהלען, — האט זאמעלע געבעטען, און זיך צוגערוקט נעהענטער צו די פארבען.

האט חיים'ל געלאזט זאמעלען אויסמאהלען א מענש, און אליין איז ער געזעסען און געקוקט מיט גרויס ערענסט.

אז דער „מענש" איז פארטיג געווארען, האט איהם חיים'ל באטראכט, און געזעהן אז עס פעהלען קנעפלאך אין דעם מענש'ס" ראק. האט ער אויסגעמאלען די קנעפלעך, און דער „מענש" איז געווארען פאלקאם.

איצט האט חיים'ל געדארפט ווייזען וואס ער קען.

האט זאמעלע געקוקט, און חיים'ל האט געמאהלען.

מיט אמאָל זיינען ארייןביידע מאַמעס, אויסגעמאַטערטע פון קריגען זיך, און צופלאַמטע פון צאָרן זיינען זיי געבליבען שטעהן פארגאַפט און געקוקט ווי די קליינוואַרג זיצען זיך גאָר ווי ניט זיי מיינט מען דאָס.

האָט זיך זאַמעלע׳ס מאַמע א לאָז געטאָן צו איהר זוהן מיט א ביטערען פאָרוואורף:

— ביזט גאָר דאָ, מיין שעהנער זוהן! ? אבי דו האָסט אָנ־געטאָן צרות דער מאַמען, ביז דו צופריעדען!

— זעהט נאָר א מין זיצען און שפּילען זיך! — האָט זיך מיסים שוואַרץ געוואונדערט — פאַר וואָס האָסטו איהם געשלאָ־גען, שר איינער? — האָט זי זיך געווענדעט צו איהר זוהן.

— איך האָב איהם ניט געשלאָגען, — האָט זיך חיים׳ל פאַר־טיידיגט.

— זעהט נאָר, זעהט נאָר — ער׳ט איהם ניט געשלאָגען. זעה נאָר וואָס פאַר א הענטעל ער האָט איהם געמאַכט! — האָט זאַ־מעלע׳ס מאַמע זיך געהאַלטען ביי דאָס איהריגע.

האָט חיים׳ל געקוקט אויף זאַמעלע׳ס צושלאָגענע הענטעל, און זיך געוואונדערט וואָס מען וויל פון איהם.

— מיר האָבען בלויז געמאָלען מענשען — האָט חיים׳ל גע־זאָגט מיט א צושראָקענער מינע.

— זאָג אוים דעם אמת! — האָט מיסים שוואַרץ א דונער געטאָן, — אז ניט, פּלעט איך דיר דעם מח! וואָס מיינסטו, איך וועל זיך געהן אויסקריגען מיט א וועלט צוליעב דיר?

האָט חיים׳ל געזעהן אז ס׳איז שלעכט, די מאַמעס האָבען זיך פארנומען אויף איהם, און ס׳איז ניטאָ קיין עצה, האָט ער זיך צעוויינט.

האָט זאַמעלע דערפיהלט אז דאָס איז אַלץ דורך איהם און מ׳עט אפשר נאָך אָנשלאָגען חיים׳לען פאַר גאָרנישט, איז ער פאַר־צווייפעלט געוואָרען און האָט זיך אויך צעוויינט.

— וואָס האָסטו זיך צעוויינט? — האָט זאַמעלע׳ס מאַמע געפאָדערט פון איהר זוהן.

— אי — אי — איך אראפגעפאלען פון וואגען, ע—ע—ער מיך ניט געשלאגען — האט זאמעלע ארויסגעשלוכצט.

האבען זיך ביידע מאמעס איבערגעקוקט, זיך פארשעמט און זיינען געבליבען שטעהן מיט אראפגעלאזטע הענט.

זאמעלע׳ס מאמע האט אנגענומען איהר זוהן פאר דער גוטער הענטעל און איהם אהיים געפיהרט.

— און איך האב זיך געדארפט קרינען פאר דיר, זיך אפעסען דאס הארץ ! — האט זי איהם אויפ׳ן וועג פארגעווארפען.

זאמעלע האט געשוויגען, אבער ער האט בשום אופן ניט גע־קאנט פארשטעהן פאר וואס זיין מאמע און חיים׳לס מאמע מישען זיך אין זייערע געשעפטען...

א מאָדנע מאַמע.

הערשעלע איז ניט געווען איבערקלייבעריש אין מאַמעס. ווער ס'האָט איהם געגעבען עסען, איז געווען זיין מאַמע. און עסען האָבען איהם געגעבען, אַמאָל די באָבע, אַמאָל די איינגהויקערטע מומע, און אַמאָל גאָר די געשטופּעלטע חנה־איטע, וואָס האָט ביי זיי געוואוינט.

מיט אַזא „סטעף“ מאַמעס האָט זיך הערשעלע געפיהלט גאַנץ באַקוועם, דען זיי האָבען אַלע געציטערט פאַר איהם. און עסען איז מען געלאָפען איהם געבען באַלד ווי מען האָט דערהערט זיין געשריי פון יענער זייט טהיר. ווייל אז ניט וואָלט ער אַנטלאָפען ניט־געגעסען. מחמת הערשעלע איז געווען זעהר א פאַרנומענער מענש און וואַרטען האָט ער קיין צייט ניט געהאַט.

איינמאָל האָט איהם זיין חבר לייבעלע א פּרעג געטאָן:

„הערשעלע, ווער איז דיין מאַמע?“

האָט הערשעלע א ווייל געטראַכט, און א ווייז געטאָן אויף דער באָבען:

„זי“.

„און זי?“ — האָט לייבעלע אָנגעוויזען אויף דער מומען.

„אויך א מאַמע.“

„און יענע?“ — האָט לייבעלע געמיינט חנה־איטען.

„אויך“.

„מען קען דען האָבען מעהר ווי איין מאַמע?“ — האָט זיך לייבעלע געוואונדערט.

„מ'קען!“ — האָט הערשעלע געענטפערט קורץ.

„ווי אַזוי?“

„זעהסט דאָך.“

און די פראַגע איז געווען פאַרענטפערט...

איינמאָל איז אָנגעקומען א בריעף אויף ראָזע פּאַפּיער, און ס'האָט פון איהם געשמעקט עפּעס אזוי פיין, פונקט ווי פון יונגען „דראגיסט" איבער'ן וועג. האָט הערשעלע שטארק חשק געקראָ־גען צו דעם ראָזען בריעף, און אכטונג געגעבען וואו מען לעגט איהם אוועק, און אז קיינער האָט ניט געזעהן, האָט ער איהם „איבערגע־מופט" צו זיך אין קעשענע.

איז אָנגעקומען לייבעלע, און זיך באריהמט אז ער האָט א מע־סעריל מיט צוויי קלינגעלעך.

„און איך האָב א בריעף אויף ראָזע פּאַפּיער", האָט הערשעלע א זאָג געטאָן מיט שטאָלץ. און באלד ארויסגענומען דעם בריעף פון קעשענע. איז לייבעלע געבליבען שטעהן א באַזינטער. האָט ער געטראַכט א ווײַלע, און זיך א כאַפּ געטאָן:

„אָבער איך האָב א שוועסטער וואָס קען לייענען!"

האָט הערשעלע ניט געוואָלט גלויבען אויפ'ן וואָרט. איז לײַ־בעלע געלאָפען, אויסגעזוכט זיין שוועסטער, און געבעטען לייענען דעם בריעף. האָט זי ניט געוואָלט לייענען. נאָר אז זי האָט גע־זעהן, אז לייבעלע'ן געהט עס אין לעבען, האָט זי גענומען לעזען: „מיין ליעבער זוהן"... — האָט לייבעלע א כאַפּ געטאָן דעם בריעף פון איהר, און א קוק געטאָן אויף הערשעלען מיט נצחון און אויס־גערופען:

„זעה'סטו ווי זי קען?"

איז הערשעלען אריין אין קאָפּ: וואָס איז דאָס? נאָך א מאמע? ווייניג האָט ער מאמעס? און א פרעהליכער געדאנק איז איהם אריין אין קאָפּ: אפשר איז דאָס א פּאַפּאַ? און א פּאַפּאַ'ן וויל ער האָבען; קיין איין פּאַפּאַ'ן האָט ער ניט...

„פרעג דיין שוועסטער, ס'איז פון א פּאַפּאַ'ן צי פון א מאמען?" האָט ער זיך געווענדעט צו לייבעל'ען. האָט לייבעלע פארשטאַנען אין וואָס דאָ האַנדעלט זיך, און געבעטען דער שוועסטער זי זאָל זאָגען פון וועמען איז דער בריעף. האָט די שוועסטער אויסגע־לייענט די אונטערשריפט: „אסתר בירענבוים".

„ס'איז פון א מאמע'ן", האָט זי ערקלערט.

איז הערשעלע געבליבען שטעהן אביסעלע ענטוישט, פונדעסט־וועגען האָט ער זיך ניט שטאַרק צום האַרצען גענומען, זאָל זיין נאָך א מאַמע, וואָס קען דאָ שאַדען ? אפשר וועט זי איהם קויפען א מע־סערעל מיט צוויי קלינגלעך, אזא ווי לייבעלע האָט ? און ער איז אוועק א פרעהליכער.

איינמאָל איז געקומען צו פאָהרען א יונגע פרוי אין א העלען זשאַקעטעל און מיט א ווייסע, שטרויענע „פּענאַמע העט". און עס האָט געשמעקט פון איהר פונקט אזוי ווי פון ראָזען בריעף. האָט הערשעלע מורא געהאַט זיך צו צוריהרען צו דער שעהנער דאַמע, אָבער זי האָט איהם גע־אַפּט קושען — ווי זי וואָלט אויך געווען זיין מאַמע. איז ער שניארק צוטומעלט געוואָרען, און איבערגע־קעהרט זיינע קעשענעס ; האָט זיך גענומען שיטען פון דאָרט זאַמד מיט שטיינדלעך, שטיקלעך פאַרטריקענטע טייג, וואָס ער פלעגט גנב'ענען ביי דער באָבע, רויטע און גרינע שטריקלעך, דעם „דראַ־גיסט'ס" מתנות, און דער בריף וועלכער איז אמאָל געווען ראָז... האָט די דאַמע דערקענט איהר האַנדשריפט און אויפגעהויבען דעם בריעף.

„ס'איז דאָך מיין בריעף, זוהנעלע מיינס", — האָט זי געזאָגט מיט שמאָלץ, וואָס איהר זוהן האָט געטראָגען איהר בריעף ביי זיך אין קעשענע.

„דו ביזט דען מיין מאַמע ?" — האָט הערשעלע געפרעגט מיט זיכערהייט, אז זי איז ניט. ווייל ווי קען זי זיין א מאַמע, אז זי כאַפּט זיך אפילו ניט ביי'ן זייט ווען זי רעדט, און א שטעכעניש אין זייט, ווייס הערשעלע, מוז א מאַמע האָבען... לייבעלע'ס מאַמע האָט דאָס אויך... הכלל, ס'איז ניט זיין מאַמע. האָט ער צוריק אַנגעפילט זיינע קעשענעס מיט די אַלע זאַכען וואָס ער האָט פריהער אויסגעשאָטען פון זיי, און האָט זיך אוועקגעשפּאַנט.

„קום אַהער, מיין קינד" — האָט איהם די נ'יע מאַמע גערופען. איז ער אונזיכער צוגעגאַנגען צו איהר.

„ווייסט גאָר ניט, אז איך בין דיין מאַמע ?" — האָט זי איהם געפרעגט, צודריקענדיג צו זיך.

האָט הערשעלע געטראַכט ביי זיך, אז ס'איז אַן אויסגעטראַכ־טע זאַך. זי איז ניט זיין מאמע. פון דעסטוועגן האָט ער אַ פרעג געטאָן:

„וועסטו מיר קויפן אַ מעסערעל מיט צוויי קלינגלעך, אזוי ווי ליבעלע'ס?

„אויף וואָס דאַרפסטו אַ מעסערעל, מיין קינד? מען דאַרף זיך ניט שפּילן מיט מעסערלעך, מ'קען זיך נאָך צושניידן". — האָט איהם די מאַמע ערקלערט.

„ווייל איך דיר ניט פאַר קיין מאַמע, ווייל מאַמע'ס האָב איך אַ סך, איך וויל אַ פאַפּאַ", האָט הערשעלע גע'טענה'ט.

האָט זיך די מאַמע צולאַכט און איהם פעסטער צוגעדריקט צו זיך:

„איך האָב פאַר דיר אַ פאַפּאַ אויך, און זעהר אַ שעהנעם".

„מיט ווייסע הענט, אזוי ווי דער דראַגיסט?" — האָט הער־שעלע געפרעגט.

„יאָ, מיין קינד, און נאָך אַ שעהנערער".

„און ער וועט מיר געבען גרינע און רויטע שטריקעלעך?"

„יאָ, און ער וועט דיר קויפן שעהנע צאַצקעס אויך".

האָט זיך הערשעלע געלאָזט גוט ארומוואַשען און איז געקומען צו דער נייער מאַמע'ן גאָר אַ ריינער, אזוי, אַז די מאַמע האָט אויפ־געשטראַהלט פאַר פרייד ווען זי האָט איהם דערזעהן. און ביי איהר אין טשעמאָדאַן איז געווען אַ נייע גאַרניטערעל פאַר איהם, האָט זי איהם אויסגעפּוצט, און איהם געזאָגט, אַז ער זעהט אויס פּונקט ווי זיין פאַפּאַ. דערווייל האָט ער זיך דערוואוסט פון דער באַבען, אַז דאָס נעהט מען איהם נעהמען צו זיין פאַפּאַ'ן אין אַן אַנדער שטאָדט.

„און דאָס איז טאַקע מיין מאַמע?" האָט הערשעלע געפרעגט דער באַבען אויפ'ן אויער. האָט די באַבע געזאָגט: „יאָ".

„טאָ וואו איז זי געווען די גאַנצע צייט?" — האָט זיך דאָס קינד געוואונדערט.

„איך ווייס?" — האָט די באַבע אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, און אַ קרעכץ געטאָן, ומחמת זי האָט זיך דערמאָנט אָן

איהרע רומאַטעס. „ס'האָט זיך איהר פאַרגלוסט זיין א דאָקטאָרקע, דיין מאמען. רייסען צייהן האָט זיך איהר פאַרגלוסט; איז זי אוועק־געפאָהרען מיט איהם, מיט דיין טאטע'ן, און דיך איבערגעלאָזט ביי מיר, ביי דער אַלטער, קראַנקער באָבע'ן."

„ביזטו א באָבע?" — האָט הערשעלע געפרעגט.

„אודאי בין איך א באבע."

„און זי?" האָט ער געוויזען אויף דער מומען.

„ס'איז דיין מומע".

„און יענע?"

„דאָס איז דאָך חנה איטע! וואָס, דו קענסט איהר ניט?"

„ניט קיין מאמע?"

„ניין, דאָס איז דיין מאמע" — האָט די באבע אָנגעוויזען אויפ'ן גאסט.

און הערשעלע איז נאָך מעהר צוטומעלט געוואָרען: ווי קען דאָס זיין א מאמע אָהן א שטעכעניש אין זייט?...

פינף יאָהר אַלט.

נעכטען איז חיים'ל אַלט געווען פיער יאָהר, און היינט איז ער שוין פינף. דער פינפטער יאָהר איז מסתמא געקומען צו איהם ביי־נאַכט, ווען ער איז געשלאָפען, ווייל היינט איז שוין זיין פינף־יאָהריגער געבורטס־טאָג.

צו די מאַמע וועט מאַכען אַ פּאַרדי, ווייס ער ניט. אמת, זי האָט איהם צוגעזאָגט צו מאַכען, נאָר ביז וואַנען ער'ט ניט זעהן די אָראַנדזשעס אויפ'ן טיש, וועט ער ניט גלויבען. מחמת אַ סך זאַ־כען האָט איהם שוין די מאַמע צוגעזאָגט, און ס'איז גאָר נישט גע־וואָרען דערפון.

יאָ, אַ פּאַרטי, ניט אַ פּאַרטי, אבי ער איז מיט אַ יאָהר עלטער פון זיין חבר דוד'ל. ווייל יענעמס פינף־יאָהריגער געבורטס־טאָג וועט ערשט זיין אין דריי וואָכען ארום...

האָט חיים'ל געוואַרט אויף זיין חבר צו זעהן, וואָס פאַר אַ מינע יענער וועט מאַכען, אז ער וועט איהם געבען אַ זאָג, אַז ער איז שוין פינף יאָהר אַלט.

אַז דוד'ל איז אריינגעקומען, האָט זיך חיים'ל קודם־כל צו־שלאָגען מיט איהם איבער'ן מעסערעל. איז געקומען חיים'לס באָבע, און גענומען אויס'מוסר'ן חיים'לען:

„סטייטש! סטייטש! אַזאַ עולה! ווי שלאָגט מען זיך דאָס איבער אַ מעסערעל? מען זאָגט ס'איז כאָטש אַ גרייסע זאַך. ווי־פיעל האָט די ווערטה אַ מעסערעל? צעהן סענט! דאַרף מען זיך שלאָגען דערפאַר, זאָל ער אַליין זאָגען חיים'ל צו איז דאָס אַ יושר."

האָט חיים'ל ניט געוואַרט ביז די באָבע וועט ענדיגען, און אַ פרעג געטאָן:

„באָבע, די מאַמע היינט געקויפט אָראַנדזשעס?"

„וואָס האָט זיך דיר פּלוצלים פאַרוואָלט אַראַנדזשעס?" האָט זיך די באַבע געוואונדערט.

„פאַר דער פּאַרטי".

„וואָסער פּאַרטי?"

„איך בין דאָך שוין היינט פינף יאָהר אַלט!"

„אודאי, נו, פינף יאָהר אַ בוחר, דאַרפסטו זיך שלאָגען איבער אַ מעסערעל?"

„זאָג, באַבע, מ'עט מאַכען אַ פּאַרטי?" איז חיים'לען געלעגען אין זינען דאָס זייניגע.

„זעה נאָר, די פּאַרטי ליגט איהם אין זינען! מעגסט מיר גלויבען, ווי איך בין אַ אידישע טאָכטער, אַז איך וואָלט זיך אויף דיר ניט געריכט אַזאַ זאַך. ווי שלאָגט מען זיך דאָס איבער אַ מעסערעל?"

האָט חיים'ל קיין צייט ניט געהאַט אויסצוהערען דער באָבען, וואָס ער האָט סיי־ווי ניט פאַרשטאַנען, און ער איז געגאַנגען זוכען אין שאַפע צי ס'איז דאָ אָראַנדזשעס. האָט ער אַ ריהר געטאָן די טעלער, וועלכע זיינען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, און זיי האָבען זיך גענומען שיטען אויף די פּאַכען מיט אַ בראַזגעריי. האָבען זיך עטליכע טעלער אַראָפּגעשאָטען אויף דער ערד און צודרוזקעט געוואָרען.

פאַרשטעהט זיך, אַז די באָבע איז געקומען צולויפען. דערזעהען אַ בערגעל צובראָכענע טעלער אויף דער ערד, האָט זי גענומען ברעכען די הענט. האָט דאָך חיים'ל פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ אָפּגעטאָן אַ שלעכטע זאַך, און די באבע וועט איהם ניט שווייגען דערפאַר, האָט ער געכאַפּט דעם חבר און איז מיט איהם אַנטלאָפען.

אין דרויסען האָט חיים'ל זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ פאַר איהם:

„איצט וועט מען שוין קיין פּאַרטי ניט מאַכען, אַז איך האָב צובראָכען די טעלער."

„און אויב דיין מאמע האט שוין געקויפט אראנדזשעס?" האט דוד'ל געפרעגט.

„וועט מען דאס אליין אויפעסן."

האט דוד'ל געמאכט א מינע פון מיטגעפיהל, און חיים'ל האט אביסעל געטראכט און איז געקומען צום שלוס, אז איהם ארט ניט, סיי ווי אוים פינף יאהר וועט ער דאך ניט ווערען, איז אהן א פארטי.

„אבער מיר וועט מען זיכער מאכען א פארטי!" האט זיך דוד'ל באריהמט.

„דו ביזט דאך נאך ניט אלט קיין פינף יאהר!"

„וועל איך זיין אין דריי וואכען ארום."

„דריי וואכען איז א לאנגע צייט, אבער איך בין שוין פינף יאהר אלט." — האט זיך חיים'ל באריהמט.

האט זיך דוד'ל געפיהלט ביי זיך געפאלען, און פון פארדרוס האט ער א זאג געטאן:

„דו גיב מיר אפ דאס קעסטעלע פון טיי, וואס איך האב דיר נעכטען געגעבען!"

„כ'האב עס שוין צובראכען" — האט איהם חיים'ל געענט־פערט געוויסענלאז.

איז דוד'ל געשטאנען א בייזער און ניט געוואוסט צו וואס צו טשעפען זיך, ביז ער האט זיך עפעס דערמאנט און א זאג געטאן:

„איך האב מיין מאמע'ס פוידער פאף! נא, זעה, און איכ'ל דיר ניט געבען!" דערביי האט ער ארויסגענומען דעם פוידער פאף פון קעשענע און זיך גערייצט מיט חיים'לען.

אז חיים'ל האט דערזעהן אזא זאך האבען ביי איהם אויפגע־בליצט די אויגלעך, און ער האט באשלאסען, אז ער מוז דאס קריגען.

„דו מוזט עס מיר געבען, דוד'ל", האט ער איהם געסטראשעט, „ווייל איך בין שוין פינף יאהר אלט!" האט זיך דוד'ל ניט אפגע־שראקען פון חיים'לס פינף יאהר, און מיט א ברוגז'ע מינע האט ער געוואלט אריינלייגען דעם פוידער פאף צוריק אין קעשענע, האט חיים'ל גענומען רייסען פון איהם די שעהנע, שמעקעדיגע צאצקע,

און זיי האָבען זיך אויסגעשמירט אין פּוידער. האָט זיך באַלד פאַרנאַנדערגעפּלאַקערט אַ גרויסער געשלעג.

„זעה נאָר אַ מין רוגזה!" — האָט חיים'ל דערהערט הינטער זיך. דאָס איז זיין טאַטע אַנגעקומען. „קוק נאָר אָן די מילנער!" האָט זיך דער טאַטע געוואונדערט. „וואו האָט איהר גענומען מעהל זיך אויסצושמירען, אַז מעהל איז דאָך היינט אַזוי טייער? אַ שעהן פּנים האָסטו, מיין זוהן", האָט ער זיך געווענדעט צו חיים'לען, איהם גענומען פאַר'ן הענטעל און אריינגעפיהרט אין הויז.

די באָבע האָט שוין געוואַרט אויף חיים'לען, זי האָט איהם נאָך ניט אויסגע'מוסר'ט פאַר די צובראָכענע טעלער. ווען זי האָט איהם דערזעהן אָנגעפּודערטען, דאָס שוואַרצע קעפּעל אין גאַנ־צען ווייס, איז זי געבליבען שטעהן מיט אָן אָפען מויל און ניט גע־וואוסט ווי אָנצופאַנגען, מחמת זי האָט זיך צוגעגרייט געבען איהם אַ פּסק פאַר די צובראָכענע טעלער און דאָ איז נאָך צוגעקומען דאָס אויסגעשמירטקייט.

האָט זי זיך אוועקגעזעצט, צוגערופען חיים'לען ,איהם אָנגע־נומען ביי'ם הענטעל און איהם גענומען אויספרעגען:

„וואָס וועט זיין פון דיר, חיים'ל, האַ? זאָג אַליין צי דאָס איז אַ תכלית? ערשט היינט אָנגעטאָן דיר אַ ריינעם סוטעל און ס'רא פּנים דאָס האָט שוין, און דאָס קעפּעל איז פול מיט מעהל. וואו האָסטו גענומען מעהל? פינף טעלער האָסטו צובראָכען פון נייעם סעט, וואו וועט מען קריגען צו־צוקויפען פּונקט אַזעלכע טעלער, אַז די מאַמע האָט דעם סעט געקויפט אין אַ סייל, און מעהר קריגט מען זיי ניט? וואו זאָל איך נעהמען כח צו פאַרנעהמען זיך מיט דיר, אַז קוים וואָס איך שטעה אויף די פיס?"

האָט די באָבע אַזוי געפרעגט און געפרעגט, און חיים'ל האָט זיך געטראַכט דאָס זייניגע:

„באָבע, זאָג, ווי לאַנג איז דריי וואָכען?" האָט ער איהר מיט אַמאָל איבערגעשלאָגען, און זי האָט פאַרגעסען, וואו זי האַלט.

דערזעהען, אַז די באָבע האָט אויפגעהערט רעדען, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און זיך געלאָזט לויפען צום טיר. האָט זיך די

טיר געעפענט און ער איז ארויפגעלאָפען אויף דער מאמען מיט די אָראַנדזשעס.

האָט זיין פנים׳ל אויפגעשטראַהלט און ער האָט א טראַכט געטאָן: אהא, עס וועט זיין א פּאַרטי! אי, ווי גוט! אלע מאָל וועל איך זיין פינף יאָהר אלט...

זיך צוויי מאָל געטרונקען.

דער ווארימער פריהלינג איז אראָפּ אויפ׳ן קליינעם שטעדטעל, מיט א טרייסט פאר גרויס און קליין, און דער טייך מיט זיינע טאָג־צענדיגע גאָלדענע ווערלעכלעך האָט זיך ווידער געזעהן מיט די בעל־הבית׳טעס, וועלכע זיינען געקומען וועש וואשען.

רבקה׳לע האָט זיך דערוואוסט אז איהר מאַמע געהט צום טייך וואשען וועש, האָט זי איהר שטארק מקנא געווען. דען די ליעבע זון איז אריין דורך די קליינע פענסטערלעך, אינ׳ם אָריימען שטיבעל און זיך א רייץ געטאָן מיט איהר וועגען דעם שעהנעם דרויסען און דעם בלויען טייך.

„מאַמע, איך וויל אויך געהן צום טייך" — האָט זי זיך גע־בעטען ביי דער מוטער, וועלכע איז געווען שטארק פארטאָן מיט די וועש, און ניט געוואוסט וואָס די קליינע בויערט איהר א מח.

„זיץ אין שטוב, וועסט זיך נאָך פארקיהלען לעבען טייך" — האָט די מאַמע איהר באַפוילען.

„איך וועל זיך ניט פארקיהלען. איכ׳ל זיך אָנטאָן מיין מאַנ־טעלע" — איז רבקה׳לע געפאלען אויף א פּלאַן. און דער פּלאַן איז געווען א גוטער, דען אז זי נעהמט זיך אָן צו טראָגען דאָס מאַנטעלע, מעג זי דאָך געהן צום טייך. און די מאַמע האָט טאַקע איינגע־שטימט. אבי זי׳ט זיך אָנטאָן ווארים, ווייל קיין גרויסע ליעבע צו מאַנטעלעך האָט די קליינע שטיפערין ניט געהאַט.

באַלד האָט רבקה׳לע צוזאַמען געקליבען די וועש פון איהר פארצעלייענער טאַכטער, און איז, צוזאַמען מיט דער מאַמען, גע־גאנגען צום טייך. געהענדיג האָט זי זיך געפיהלט זעהר חשוב׳דיג ביי זיך. א קלייניגקייט, גלייך מיט דער מאַמען צו געהן וועש וואַ־שען? און אַלע איהרע חבר׳טעס האָבען איהר טאַקע נאָכגעקוקט מיט קנאה.

אויפ'ן ברעג פון טייך, זיינען געווען צוזאמען געשוואומען שטיקער קאָרע פון די פּליטען וועלכע האָבען זיך געוויעגט אויפ'ן וואסער; און רבקה'לע האָט ניט געוואוסט אז אונטער די קאָרע איז באהאלטען א שטיקעל טייך, איז זי אויף דעם ארויף וואשען איהרע וועש.

די מאמע איז געשטאנען אויף א שטיין, געקלאפּט מיט א פּריאלניק אויף א נאסען טישטוך, און דער אָפּקלאַנג האָט זיך צוטראָגען איבער'ן געגענד. אז זי האָט אָפּגעקעהרט איהר קאָפּ פון טישטוך, האָט איהר א בליאסק געטאָן פאר די אויגען א רויטע זאך וואָס איז געשוואומען אויפ'ן טייך.

„וואו איז רבקה'לע!" האָט איהר א שלאָג געטאָן אין קאָפּ. און זי האָט דערקענט רבקה'לעס רויט מאַנטעלע.

„ראטעוועט!" — האָט די מוטער זיך צושריען. מענשען האָבען געגומען לויפען פון אלע זייטען.

„מיין קינד! מיין רבקה'לע! אַט־אַט! ראטעוועט!"

א גוי האָט געכאפּט א שיפעל, זיך געגעבען א גליטש אויפ'ן וואסער אין ארויסגעכאפּט דאָס קינד. האָט די מוטער אויסגע־שטרעקט די הענד און איבערגעלעבט אַן אייביגקייט ביז זי האָט איהר רבקה'לען דערזעהן א לעבעדיגע.

נאָר רבקה'לען האָט די מעשה גאָר נישט געארט. זי האָט זיך אומגעקוקט ערשטוינט וואָס אלע האָבען זיך דאָ צוזאמענגעקליבען, און א פרעג געטאָן דער מאמען: „וואו זיינען מיין ליאלקע'ס קליי־דעלאך? כ'דארף זיי אויסוואשען".

האָט איהר די מאמע גאָר נישט געענטפערט, איהר גלייך אהיים געטראָגען, און א האלב שטעדטעל איז נאָכגעגאנגען נאָך זיי.

אמת, ס'איז רבקה'לען געווען קאלט פון די נאסע קליידלעך, פונדעסטוועגען האָט איהר דאָס הנאה געטאָן: אלע לויפען פונקט אזוי ווי מען וואָלט געפיהרט א מאלפע מיט א קאטערינקע דורכ'ן גאַס, און דאָס איז אלץ אין איהר זכות...

אין הויז האָט מען איהר אויסגעטאָן מיט גרויס ערנסט און איהר אָנגעטאָן טרוקענע, ווארימע קליידלעך, ערשט ארויסגענומען

פון דער הייסער קאַכלע און ס'האָט פון זיי געשמעקט מיט קאַכלע־
וואַרימקייט. איז זי געזעסן אין בעט, אַלע חבר'טעס אַרום איהר,
און געגעסן ראָזשינקעס. האָבען איהר די חבו טעס ווידער מקנא
געווען: אַזאַ וואוילטאָג! וואַרימע זאַכען פון קאַכלע, ראָזשינ־
קעס, און אַלע זיינען אַזוי פאַרנומען מיט איהר. אוי, ווי גוט איהר
איז! און רבקה'לע אַליין האָט דאָס אויך גאַנץ פיין דערפיהלט.
אַלע מאַמעס און אַלע טאַטעס קומען צו זיי און פרעגען זיך אַזוי
שטאַרק נאָך. אַלץ צוליעב איהר. און זי איז געווען זעהר צופריע־
דען.

האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענטלעך און אַ געשריי
געטאָן:

„מאַמע! אַלע מאָל וועל איך זיך טרינקען."

איז רבקה'לע געוואַקסען לעבען די בלויע טייכען, וועלכע האָ־
בען אָפּגעשפּיגעלט לויטערע הימלען; האָבען איהר די ווינטען
געבראַכט גרוסען פון אונבאַקאַנטע וועלטען, און איהר אויג האָט
זיך געשפּיגעלט אין די גרינע ווייטקייטען פון די פאַרבלימעלטע
לאָנקעס. פלעגט זי לויפען אַ באָרוויסע איבער די לאָנקעס און גע־
לעבט צווישען די ווילדע בלומען, וועלכע זי האָט געריסען.

האָט רבקה'לע די שעהנקייט אין זיך אריינגענומען, און אַז זי
איז אויסגעוואַקסען האָט זי פון דער שעהנקייט אייגענע הימלען,
לאָנקעס און טייכען געמאָלען, און איהר נשמה אין זיי פאַרטרונקען.

איז איהר די וועלט אַלץ פרעמדער געוואָרען. זי האָט זיך
פאַרטיעפט אין איהר אייגענער, אויסגעטראַכטער וועלט, וואו די
גרינע בערג האָבען קיין געלע פלעקען ניט געהאַט, און אַלץ איז
דאָרט געווען שעהן. אָבער דאָרט איז קיין לעבעדיגער מענש ניט
געווען.

איינמאָל האָט זי א י ה ם דערזעהן.

בלויז איינמאָל. איז זי געקומען צו דער מאַמען, געבעטען מיט
די אויגען: „העלף מיר, מאַמע, איך געה אויס!"

האָט איהר די מאַמע ניט פאַרשטאַנען, נאָר דערפיהלט אַז

איהר טאָכטער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען... האָט זי איהר צוגע־לעגט אַ נאַסען האַנדטוך צום קאָפּ.

האָט רבקה'לע אַ ביטערען שמייכעל געטאָן און די מאַמע האָט זיך דערמאָנט אָן דעם שרעק ווען איהר טאָכטער האָט זיך אַמאָל געטרונקען. האָט זי אַ קוק געטאָן אויף רבקה'לעס צעוועה־טאָגטען פּנים, און עפּעס איז איהר אַריין אין קאָפּ...

זי האָט פארשטאנען אַז איהר טאָכטער טריקט זיך, נאָר איצט קען זי איהר ניט ראַטעווען...

דער מאנסביל פון הויז.

אין אַ קאַלטע הערבסט־נאַכט האָט זיך דורכ׳ן וואַלד געשלעפּט אַן אַלט אויסגעמאַטערט פערדעל און הינטער איהם האָט זיך געהאָצ־קעט און געסקריפּעט אַ וואָגען. דאָס איז העניך דער שניט־קרע־מער געפאָהרען צום יריד צוזאַמען מיט זיין עלף יאָהריגען געהילף מאיר׳ל.

העניך האָט אַלע ווײַלע אַ קוק געטאָן אויפ׳ן הימעל צי וועט מאָרגען זיין אַ שעהנער טאָג, מען זאָל קענען לייזען. דעם גאַנצען יאָהר קריכט איהם שיער ארויס די אויגען פון קאָפּ ביז ער דער־זעהט אַ קונה אין זיין פֿינסטערען קרעמעל, זאָל כאָטש גאָט געבען אַ גוטען יריד. און אַז מאיר׳ל האָט דערזעהן זיין בעל הבית קוקען אויפ׳ן הימעל, האָט איהם אויך געצויגען אַ קוק צו טאָן. האָט ער אַ קוק געטאָן און אַ שרעק איז איהם באַפאַלען. מחנות גרויע וואָלקען האָבען זיך געצויגען איבער׳ן הימעל און איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס זיינען די נשמות פון טויטע און צווישען זיי שוועבט אויך די נשמה פון זיין טאַטען. האָט מאיר׳ל איינגענורעט דאָס קעפּעל פאַר שרעק, און צוגעמאַכט די אויגען, האָט ער דערזעהען זיין טאַטען אַ לעבעדיגען ווי ער קומט צו פאָה־רען, ברענגט צוקער־קיכלעך און קאָנפעקטען און גיט ומאיר׳לען דעם ערשטען, מחמת ער איז אַ בן יחיד. און באַלד האָט ער דערזעהן זיין מאַמען ווי זי לעגט צו איהר האנד צו זיין שטערען צו ער איז חלילה ניט ווארימלעך. האָט מאיר׳ל אויסגעשטרעקט זיינע הענט־לעך ארומצונעהמען דער מאַמען און געטראָפען מיט זיי אין העניך׳ס פּנים.

„אַ, דו שייגעץ איינער!“ — האָט העניך אַ געשריי געטאָן, און מאיר׳ל האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן פאַר שרעק און געגעבען אַ געשריי: „מאַמע!“ האָט העניך אָנגעהויבען איהם צו מוסר׳ן: פאַר וואָס ער קריכט איהם אין פּנים מיט די הענט און שרייט נאָך

מאמע. שעהמען מעג ער זיך, א יונג פון עלף יאהר און דאס וויל גאר זיין ביי דער מאמע׳ס פארטוך. א שעהער בעל פרנסה וואקסט דאס!

נאר מאיר׳ל האט ניט געהערט וואס זיין בעל הבית האט גע־רעדט. זיין הערצעל איז פול געוועזן מיט בענקשאפט נאך דער מאמע׳ן. האט ער ארייננעשטעלטביידע פויסטלעך אין די אויגען און זיך צעוויינט אויפ׳ן קול.

„אט האסטו דיר!" — האט הענעך ארויסגעפלאצט פאר כעס. — „אפשר אנזויגען דיר? א שעהנער בר דעת וואקסט דאס, ניטא וואס צו רעדען!"

האט דאס מאיר׳לען פארדראסען. איהם, וואס ער מאכט קדוש אלע שבת, דעם מאנסביל פון הויז, דער בעל פרנסה, זינט זיין טאטע איז געשטארבען, זאל מען אזוינס זאגען?! און א נייער שטראם טרערען האט זיך א גאס געטאן פון זיינע אויגען.

איז הענעך אריין אין גרימצארן און געשוואָרען: „ווי איך בין א איד, איך פלעט דיר דעם מח!" דערהערט אזעלכע דבורים, האט מאיר׳ל גענומען דאס געוויין אויף א נידריגערע אקטאווע. האט הענעך דאס אויך ניט געוואלט ליידען. נאר דאס האט ער שוין ביי מאיר׳לען ניט געקענט אויספיהרען. אי ניט האבען דער מאמען, אי פאהרען אין א קאלטע פינסטערע נאכט דורכ׳ן וואלד, אי ניט וויינען, דאס איז שוין צופיעל. האט מאיר׳ל שטילערהייד געשלוכצט, ביז ער איז איינגעשלאפען.

אויף מארגען איז געווען א קאלטער רעגענדיגער וועטער, און הענעך האט ניט געלייזט, און דא האט מען איהם נאך צוגע׳גנב׳עט א שטיק וואארע. צו וועמען לאזט מען אויס דעם כעס? — צו מאיר׳לען. האט הענעך גענומען זידלען דעם אינגעל: אז ער איז א פוילער יונג, אן אומזיסטער פרעסער, א לא יוצלח. סטייטש, סטייטש, ווי האט ער דאס געלאזט גנב׳ענען די וואארע?!

האט מאיר׳ל געוואוסט ביי זיך, אז ער איז ניט שולדיג. דען, אז ער וואלט געזעהן ווי מען גנב׳עט, וואלט ער דען געלאזט? איז ער געזעסען מיט אן אראפגעלאזטען קאפ, געהערט דעם בעל־

הבית׳עס זידלערייען און געשווינגען, האָט איהם דאָס הערצעל פארקלעמט און ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין מאַמע׳ן:

„איך וויל אהיים!“ — האָט ער א זאָג געטאָן מיט א פאר־קלעמטער שטימע, און איז אראָפּגעשפּרונגען פון וואָגען.

„וואו געהסטו? שיינעז איינער!“ — האָט דער בעל הבית מיט כעס א געשריי געטאָן.

„אהיים!“ — האָט מאיר׳ל ענטשלאָסען געענטפערט.

„לאָזט מיך איבער אליין אויפ׳ן יריד?“ — איז הענעך־געוועזן ערשטויינט.

„יא, איך וויל דאָ ניט זיין, איך וויל אהיים?“

„געדענק, וועסט פארהאלטען ווערען אויפ׳ן וועג“! — האָט איהם דער בעל הבית געווארענט.

האָט איהם דער איינגעל ניט געפאָלגט און איז אוועק.

איז ער געגאנגען דעם גאנצען טאָג, זיך שטארק אויסגעהונ־גערט און די פיס האָבען איהם וועה געטאָן. קוים וואָס ער האָט זיך דערשלעפּט צו דער באהן. נאָר ווי אזוי קומט מען אריין אין באהן? אז ער האָט ניט קיין קאָפּיקע ביי זיך. איז ער אריין אין וואקזאל, זיך אוועקגעזעצט אויף א ביינקעל און באלד איינגעשלאָ־פען פון מיעדקייט. איז געקומען א זשאנדאר, איהם געגעבען א טרייסעל און א געשריי געטאָן:

„שטעה אויף זשידאָק! געה אהיים שלאָפען!“

האָט זיך מאיר׳ל אויפגעכאפּט מיט שרעק און געמוזט ארויס־געהן אין קאלטען דרויסען. איז ער געשטאַנען אַן עלענדער, א פארלאָזענער אין דרויסען, געזעהן ווי באהנען קומען אָן און געהן אוועק. און קיין איינער פון זיי נעהמט איהם ניט אהיים צו זיין מאמען. האָט ער זיך איינגעגעגנורעט אין א ווינקעל און גענומען זוכען עצות וואָס צו טאָן. איז אָנגעקומען א פראכט־באהן, האָט ער זיך פלינק ארייננעכאפּט אין א וואגאָן, צוזאמענגעדרעהט זיך אין א ווינקעלע און גענומען דרעמלען. האָט ער פלוצלינג דער־פיהלט א קלאפּ אין קאָפּ און א ריזיגע האנד האָט איהם אויפגע־הויבען פאר׳ן קאָלנער אין דער הויך און א געשריי געטאָן:

„וועלכער שווארץ יאָהר האָט דיך דאָ געבראכט? קליינער טייפעל!"

„אי—אי—איך וויל אהיי—ם, אי—איך האָב ניט וואו צו שלאָ—פען און ס'איז מי—ר קא—לט. כ'האָב נאָך היינט ניט גע—גע—געסען. לאָז מיך פאָהרען אהיי—ם" — האָט מאיר'ל ארויסגעשטאמעלט.

„טאָ גיב מיר א גריוועניק!" — האָט דער בעאמטער באַפוילען.

האָט מאיר'ל געזוכט אין זיינע קעשענעס און געפונען זיין מעסערעל. האָט ער עס דערלאנגט דעם בעאמטען.

האָט יענער א קוק געטאָן, דערזעהן א מעסערעל, האָט ער זיך ווילד צולאכט, באלד אריין אין רציחה און א זעץ געטאָן מיט'ן פויסט דעם אינגעל אין קאָפּ. האָט זיך דאָס קינד ביטער צעוויינט, זיך געקלאָגט ביים הארצלאָזען בעאמטען, ער זאָל איהם לאָזען פאָהרען א היים, און יענער האָט געשאָלטען און געשריען, אז ביי דער נעקסטער סטאנציע ווארפט ער איהם אראָפּ, און ער וועט איהם נאָך איבערגעבען צום זשאנדאר אויך. און פאַר'ן זשאנדאר האָט מאיר'ל שטארק מורא געהאט, האָט ער כליפּעדיג זיך געבעטען מען זאָל איהם ניט איבערגעבען צום זשאנדאר, ביז דער בעאמטער איז שעלטענדיג אוועק.

אז די באהן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער נעקסטער סטאנציע, האָט זיך מאיר'ל נאָך מעהר צוזאמענגעדרעהט, צוגעמאכט די אויגען און זיך צוגעהערט צו יעדען שאָרך, האָט זיך איהם אלץ אויסגעדוכט, אז אָט געהט דער בעאמטער, און א קאלטער שוויים האָט איהם באַגאָסען, נאָר דער בעאמטער איז ניט געקומען.

קוים זיך דערלעבט אז די באהן איז אָנגעקומען צו דער סטאנציע פון מאיר'לס שטעטעל, און מאיר'ל האָט דערקענט די געביידען פון באקאנטען וואקזאל. זיי האָבען איהם אָנגעקוקט מיט פריינדשאפט ווי אלטע באקאנטע, און ער האָט א שמייכעל געטאָן צו זיי. דען זיי וואוינען דאָך אין זעלבען שטעטעל מיט זיין מאמען. די ליעבע געביידען און דער פריהמאָרגען האָט זיי אויפגעדעקט פאר

איהם. האָט א פונק פון פרייד אויפגעלויכטען אין זיין געפּיי־ניגטע הערצעל. און איז באַלד דערשטיקט געוואָרען פון דעם שרעק פאר'ן בעאַמטען. עס האָט איהם אויסגעדוכט יענער קוקט אויף איהם מיט טויזענד אויגען. ווי זאָל ער אנטלויפען פון איהם?

האָט ער זיך שטילערהייד צוגעשארט צום טיר, און דערלאנגט א שפרונג, איז ער געפאלען און זיך ניט געקענט אויפהויבען פאר וועהטאָג, איז ער געלעגען א פּאָר מינוטען, זיך אויפגעהויבען און זיך געלאָזט לויפען. געלאָפען און געלאָפען פארביי הייזער און גאסען, ביז ער איז געקומען אהיים.

האָט ער אָנגעקלאפט אין טיר און א פארשלאָפענע שוועס־טער האָט איהם געעפענט. דערזעהן מאיר'לען האָט זי דערלאנגט א געשריי פאר שרעק, האָט די מאַמע דערפיהלט ווער עס איז געקו־מען, ארויסגעלאָפען פון בעט, און ארומגעכאפּט דעם נאכט־וואנ־דערער.

האָט זיך מאיר'ל ערשט רעכט צוכליפּעט ביי דער מאַמע'ן אויפ'ן הארצען. ניט געקענט דערצעהלען וואָס מיט איהם איז געשעהן און געוויינט אָהן אן אויפהער.

„שאַ, מיין קינד, שאַ", האָט איהם די מאַמע געבעטען, „הער אויף וויינען, ס'איז ניט שעהן, דו ביזט דאָך עפּעס דער מאנסביל פון הויז, און דו האָסט זיך אזוי צוואוויינט".

האָט זיך מאיר'ל דערמאָנט אָן זיין וויכטיגע פּאָזיציע אין הויז, אז ער איז טאַקע דער מאנסביל, און אויפגעהערט וויינען. נאָר די מאַמע האָט איהם געמוזט צוזאָגען, אז אַלע מאָל וועט זי זיין מיט איהם. און אז זי האָט איהם געלייגט שלאָפען, האָט ער געהאלטען איהר האנד, און זי האָט געמוזט זיצען נעבען איהם ביז ער וועט איינשלאָפען.

איז זי געזעסען און געקוקט אויף זיין פּנים'ל, וואָס איז פארוואנדעלט געוואָרען אין א קינדערשען שמייכעל, און זי האָט גע־טראַכט: דאָס איז דער בעל פּרנסה מיינער, דער מאנסביל פון הויז... און זי האָט א זיפץ געטאָן...

דער קאַרוסעל.

מאַטעלע איז געזעסען אין „פראָנט רום“ אויף דער ערד און געבלעטערט א בוך מיט בילדער. האָט ער דערהערט א שפּיעל־קעסטעל פון דרויסען, און זיין קליין הערצעל האָט זיך א צאפּעל געטאָן פאר פרייד. האָט ער זיך אויפגעכאפּט און ארויסגעלאָפען פון הויז, איבערלאָזענדיג דעם אָפענעם בוך אויף דער ערד.

א קוק טוענדיג פון וואַנען די מוזיק קומט האָט ער דערזעהן א קאַרוסעל און א סך קינדערלעך, וואָס שטופּען זיך צו די טרעפּ־לעך. איז ער געוואָרען צוטומעלט און האָט זיך געלאָזט לויפען, ביז ער איז אריינגעפאלען צום קאַרוסעל־מאַן אין די הענד.

„אָה, ווהאָט ע נייס פעלאָו יו אר“, — האָט ער מאַטעלע׳ן געליובט און האָט איהם ארויפגעהויבען אויף דעם קאַרוסעל. האָט זיך מאַטעלע באלד אויסגעקליבען א רויטען פערדעלע מיט א גרי־נעם זאָטעל, און האָט זיך ארויפגעזעצט.

זיצט מאַטעלע אויפ׳ן פערדעלע און קוקט מיט באוואונדע־רונג אויף די גרינינקע בוימעלעך, וועלכע זיינען אויסגעמאָלען אויף די רונדע ווענט פון דעם קאַרוסעל. און קינדערלעך קלייבען זיך אויף די פערדעלעך מיט א פרעהליכען טומעל.

האָבען זיך אלע אויסגעקליבען פערדעלעך. זיצען זיי און קלאַ־פּען אונגעדולדיג מיט די פיסלעך. ביז דער קאַרוסעל הויבט זיך אָן דרעהען אין דער רונד, האלטען זיי זיך פעסט צו צו די פערדעלעך און שמייכלען פאר תענוג. מאנכע פערטוען זיך שטארק אין זייער פארגעניגען און זעהען גאָר ניט, וואָס עס טוט זיך ארום זיי, און אנדערע קוקען אראָפּ מיט שטאָלץ צו די קינדער אין גאס, אז יענע זאָלען זיי מקנא זיין.

מאַטעלע האַלט זיך צו צום פערדעלע און שטעלט זיך פּאַר, אַז דאָס גאַלאָפּירט ער אויף אַ הויכן פערד, איבער ווייטע וועגן, איבער בערג און טאָלען, פּונקט ווי די „קאַו באָיס“ אין „מואווינג פּיקטשורס“. אָט באַפאַלן איהם ווילדע אינדיאַנער מיט פעדער־רען אויף די קעפּ און ווילען איהם שלאָגען, נאָר ער איז אַ גרויסער העלד. מאַכט ער פוה! פוה! און שיסט זיי אַלע אויס. בויגט ער זיך אויס גלייך אויפ'ן פערד, מאַכט אַ העלדישע מינע און גאַלאָפּירט ווייטער. הויבט זיך איהם אָן דרעהען דאָס קעפּעלע, דאַכט זיך איהם, אַז די הייזער דרעהען זיך אַרום איהם. איז דאָס איהם זעהר געפעלען: הייזער זאָלען זיך דרעהען אין דער רונד, ס'איז אַזוי „פאַני“. צולאַכט ער זיך.

ביי דער קאַטערינקע זיצט אַ צעהן־יעהריגער קאָנצערטיסט. ער איז גאָר ניט באַגייסטערט פאַר זיין שפּילען, ער איז מיעד און שלעפעריג. פון אַ גאַנצען טאָג דרעהען די קאַטערינקע טוט איהם וועה דאָס הענטעל, בייט ער עס איבער אַלע ווייל. דאָס מאָנאָטאָנע לידעל גראַנגעלט איהם אין די אויערען. איז ער זיך מחיה, אַז עס הערט אויף. לאָזט ער העגנען זיין מיעדע הענטעל און דאָס לידעל פאַרהאַקט זיך אין דער מיט. ער פאַרקוקט זיך דערווייל אויף די קינדער, וועלכע דרעהען זיך אויף די פערדלעך, און ער טראַכט, אַז ער וואָלט אויך אַ בעלן געווען זיצען דאָרט אויף אַ פערדעל, נאָר זיין טאַטע האָט ניט, ווער עס זאָל דרעהען די קאַטערינקע. ער דערזעהט, ווי די קינדער קוקען זיך אום אונרוהיג, פאַרשטעהט ער, אַז דאָס פעהלט זיי די מוזיק. דערמאָנט ער זיך אָן זיין פליכט און פאַנגט ווידער אָן צו דרעהען.

גראַן־גראַן־גראַן! — גראַנגעלט די קאַטערינקע הייזעריג. עס איז ניט די אַמאָליגע יאָהרען, שוין צו אַלט צו שפּיעלען, נאָר דער בעל הבית האָט ניט קיין געלט אויף אַ נייע, מאַטערט מען מיך אויף דער עלטער...

דאָס ברוינע פערדעל הערט זיך צו צום קאָנצערט, שאָקעלט צו

מיט'ן קאָפּ, (קענטיג, אז ער איז צופרידען), און טרייבט די פליי־גען, שמייסענדיג מיט'ן עק.

דער קארוסעל שטעלט זיך אָפּ. קלייבען זיך די קינדער אראָפּ פון די פערדלעך. און דער נייער טומעל מישט זיך צוזאמען מיט די הייזעריגע טענער פון דער קאַטערינקע.

דער קאַרוסעל־מאַן מיט'ן גוטמוטיגען פּנים רופט אויס: „קאַם אָן קידס! קאַם אָן!" דערנעהנט זיך צו איהם א קינד, זאָגט ער: „אָלרייט, סוויטהארט", און הויבט עם אראָפּ פון די טרעפּלעך. באצאָהלט דאָס קינד די פּעני און מישט זיך אויס מיט אנדערע קינדער אין גאס.

מאַטעלע לאָזט זיך אויך אראָפּהויבען פון דעם גוטען מאַן. זעהט דער מאַן, אז מאַטעלע האָט לײדיגע הענטעלעך, זאָגט ער: „אָה, יו ליטל דארלינג, יו העוו'ט גאָט נאָ פּעני", און לאָזט איהם געהן אָן א פּעני.

ניט ווייט פון דער קארוסעל שטעהט סיידי, מאַטעל'ס צוועלף יעהריגע שוועסטער. זי רעט מיט נאָך מיידלעך, וועלכע קוקען אויף די קינדער.

„איהר ווייסט וויפיעל קייסעס היינט איז דאָ?", — פרעגט סיידי.

„וויפיעל?" — פרעגען א פּאָר מיידלעך מיט אמאָל.

„שוין אריבער אכציג"

„אריבער אכציג! אוי ס'ארא אומגליק: מען שטארבט דאָך אוועק דערפון, א ניט בלייבט מען פאראליזירט", — ערקלערט פרידא, סיידי'ס חבר'טע.

„איך האָב געזעהען, ווי מען האָט צוגענומען א קינד פון א הויז", — דערצעהלט סיידי. — „די מאמע איז נאָכגעלאָפען נאָכ'ן אמבולאנס און האָט אזוי געשריען, אז מאמעס זיינען ארויס־געלאָפען פון די הייזער און האָבען געוויינט".

„פון וואָס קומט דאָס?", — פרעגט פרידא.

„דאָס קומט פון דעם, וואָס מען עסט צופיעל פרוכט", — רופט זיך אָפּ סערא.

„ניין, דו ווייסט ניט!“ — גיט זיך סיידי א כאפ. — „דאָס קומט פון דעם, וואָס מען האלט זיך ניט ריין און מע שפּיעלט זיך מיט פרעמדע קינדער. מען טאָר זיך מיט פרעמדע קינדער ניט שפּילען. מיין מאמע לאָזט אונזער מאַטעלען ניט ארויס פון הויז, ווייל ער קען זיך נאָך אָננעמען...“

„נו, פאר וואָס קלייבען זיך די קינדער דאָרט, אויף דעם קאַרוסעל?“, — פרעגט סערא.

„אז איך וואָלט געווען זייער מאמע“... — האָט סיידי אָנגעפאנגען און האָט זיך מיט אמאָל א לאָז געטאָן צו די קינדער ארום דעם קארוסעל און פון דאָרט ארויסגעשלעפּט מאַטעלע'ן פאר א הענטעל.

„ווי קומסט דו אהער? דו קליינער לויפער! דער טאטע וועט דיר שוין ווייזען, ווי ארויסצולויפען פון הויז אויף קארוסעלס!“ — שרייט זי, איהם שלעפּענדיג צום טאטעס משפּט, און מאַטעלע לויפט איהר נאָך מיט קליינינקע טריטעלעך, דאָס פּנים'ל בלייך און די אויגעלעך דערשראָקענע.

אריינגעשלעפּט איהם אין הויז האָט דער טאטע אויסגעהערט סיידי'ס טענות געגומען דעם סטראָף און א ציה געטאָן מאַטעלען. — דו שגץ איינער! וועסט מיר לויפען צו די קינדער און קריגען „פענדעל פאראליז“, האַ? איך וועל דיר ווייזען, וואָס א טאטע איז, אז דו וועסט ניט פאָלגען. דו קליינער באָמער,דו!

נאָך אזא ברוך הבא האָט זיך מאַטעלע צוכליפּעט פאר שרעק.

„דו וועסט מיר נאָך ווינען אויך?“ — איז דער בייזער טאַטע ארויס פון געדולד און גענומען שלאָגען אין מאַטעלע'ס ווייכען צארטען לייב...

האָט זיך מאַטעלע געצאפּעלט און ס'האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אז די פענסטער דרעהען זיך ארום איהם. ער האָט גענומען שרייען, האָפּענדיג, אז דער גוטער קארוסעל-מאַן וועט דערהערן און וועט קומען איהם אוועקנעמען פון דעם טאטען. נאָר ער איז ניט געקומען. האָט מאַטעלען געשווינדעלט פאר די אויגען און ער האָט ווידער געזעהן די ווילדע אינדיאנער, ווי אויף דעם קארו-

סעל. זיי האָבען אויפגעהויבען לאַנגע שטעקענס און איהם גע־
שלאָגען. נאָר אז די פענסטער האָבען זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער
געזעהן, אז אַנשטאָט ווילדע אינדיאַנער איז איהם דער טאטע
באַפאַלען...

דער שוועסטער'ס חתן.

פרומעלע האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער שוועסטער'ס העפט, גע־נומען שרייבען פּאַסיקלעך און דריידלעך, און זיך שטאַרק באַריהמט פאַר דער מאַמען וואָס זי קען שוין שרייבען ווי די שוועסטער.

האָט די מאַמע קיין צייט ניט געהאַט הנאה צו האָבען פון דער חכמה און אין דער גיך אָפּגעשמייכעלט. האָט פרומעלע געקוקט צום טיר, געוואַרט אויף דער שוועסטער און דערווייל געקליבען נחת פון זיך.

מיט אַמאָל האָבען זיך דערהערט טריט הינטער'ן טיר, האָט זי געמיינט, ס'איז די שוועסטער און איז באַלד אויפגעשפּרונגען. האָט זיך די טיר געעפענט און ס'איז אריין אַ יונגערמאַן וועמען דאָס קינד האָט געדאַרפט רופען אָנקעל כאָטש אַלע איבעריגע האָבען איהם גערופען יוסף. די מאַמע האָט איהם פיין אויפגענומען, און פרומעלע האָט איהם אָנגעקוקט מיט דרך ארץ. איהר בליק איז געפאַלען אויף אַ שעהן קעסטעלע וואָס ער האָט געהאַלטען און דאָס הערצעל האָט איהר אַ ציה געטאָן דערצו...

„שיינדעל איז דאָ?" — האָט דער בחור געפרעגט מיט אַ שעה־מעוודיגען שמייכעל.

פרומעלע האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קעפּעל אויף ניין, און זיך באַלד געזעצט ביי'ם שרייב־טיש אין דער שוועסטער'ס פּאָזע, זאָל ער טאַקע זעהן, דער שעהנער אָנקעל, ווי פיין זי שרייבט.

„וואו איז זי?" איז יוסף'ן געלעגען אין זינען דאָס זייניגע.

„זי אַוועקדרעגאַ'נען", — האָט די קליינע קורץ געענטפערט.

„זי'ט באַלד קומען", — האָט די מאַמע צוגעגעבען, און אויך געכאַפּט אַ פאַר'גנב'עטען קוק אויף דער געהיימניספולער קעסטעל.

„מאַכט זיך באַקוועם, יוסף, זעצט זיך" — האָט די מוטער מיט אַ

באהאלטענע צערטליכקייט געבעטען, און דער בחור האָט געפאָלגט.
איז ער געזעסען אונגעדולדיג, געקוקט צום טיר, און די צייט האָט זיך איהם אויסגעצויגען, ביז ער האָט דאָס געדולד פארלוירען.
„זי וועט מסתמא ניט קומען אזוי גיך", — האָט ער האָפנונגס־לאָז א זאָג געטאָן. און זיך אויפגעהויבען.
פרומעלע'ס בליק איז ווידער געפאַלען אויף דעם קעסטעל, און זי האָט זיך לאנגזאַם צוגעשאַרט צו איהם:
„וואָס האָסטו דאָ, אָנקעל?"
„שאָקאָלאַד פאר דיין שוועסטער", — האָט ער געענטפערט.
האָט זיך די קליינע באלעקט און די אויגעלעך האָבען ביי איהר אויפגעבליצט.
„איך האָב אויך ליב שאָקאָלאַד", — האָט זי געזאָגט, ארייננ־כאַפּענדיג די פלינע אין מויל.
„נאשערין, געה אוועק!" — האָט די מאַמע באפוילען, און פרומעלע איז א פארשעהמטע אָפּגעטראָטען און האָט גענומען צוזאַ־מענקלייבען טרערען אין איהרע אויגעלעך.
מיט אמאָל האָט זי דערפיהלט, אז דאָס קעסטעל שאָקאָלאַד איז ביי איהר אין הענטעל. האָט זי אויפגעהויבען די אויגעלעך אויפ'ן אָנקעל און זיך באגעגענט מיט זיין ליבליכען שמייכעל.
„נעהם דאָס, פרומעלע", — האָט פרעהליך א קלונג געטאָן זיין שטימע אין איהרע אויערען.
„וואָס איז דאָס? וואָס גיט איהר איהר אוועק די שאָקאָ־לאַד?" — האָט די מאַמע גענומען פראָטעסטירען.
„זאָל זי עס האָבען. עס מאַכט ניט אויס, זי איז דאָך אויך א שעהן מיידעל" — האָט ער געזאָגט מיט א פארשעהמטע רויט־קייט אויפ'ן פנים. איז דער מאַמען אויך אריין דאָס בלוט אין פנים. האָט זי פון דער זייט א קוק געטאָן אויף איהם און באמערקט, אז ער איילט זיך שוין אין וועג.
„וואָס־זשע, איהר געהט שוין אוועק? וואָס איילט איהר זיך?" — האָט זי פארדריסליך געפרעגט.
„אה, ס'איז שוין שפעט!" — האָט ער זיך פארענטפערט, און

איז אוועק. האָט די מאַמע גענומען אויס'מסור'ן פרומעלען פאַר וואָס זי האָט געבעטען די שאָקאָלאַד.

„ס'איז זעהר ניט שעהן אַזאַ זאַך, און טאָמער וועט זי דאָס נאָך אַמאָל טאָן, וועט דער אָנקעל מעהר ניט קומען אַהער."

דערהערט אַז דער אָנקעל וועט מעהר ניט קומען, האָט דאָס קינד הייליג צוגעזאָגט, אַז זי וועט מעהר ניט בעטען, און האָט דעם דאָזיגען צוזאָג שטאַרק געהאַלטען אין זינען פאַר עטליכע טעג.

אַזוי ווי די טיר האָט זיך געעפענט און זי האָט דערזעהן דעם אָנקעל, האָט זי אויסגעשריען:

„איך וויל ניט קיין שאָקאָלאַד"

האָבען זיך אַלע צולאַכט, און די שוועסטער האָט געעפענט דאָס קעסטעל וואָס דער אָנקעל האָט געבראַכט, און דערלאַנגט פרומע'לען אַ פולען הויפען מיט צוקערלעך. האָט די קליינע אויפגעשטראַהלט פאַר פרייד, און איז אַרויסגעלאָפען אין דרויסען זיך באַריהמען, פאַר די חבר'טעס, אַז איהר גרויסע שוועסטער האָט אַ אָנקעל וואָס ברענגט אַלע מאָל שאָקאָלאַד, אַ ליאַלקע וועט ער איהר אויך ברייגגען, און טאַקע אַזאַ וואָס קען שלאָפען, און אַ וועגעלע אויך, יאָ, און אַן אָטאָמאָביל וועט ער איהר קויפען — האָט זי זיך דערמאָנט.

האָבען זיך אַלע חבר'טעס אַרומגעשטעלט אַרום איהר און איהר אָנגעקוקט מיט קנאה.

„איהר ווילט זעהן מיין אָנקעל?" — האָט זי באַגייסטערט אויסגערופען. האָבען די קינדער איינגעשטימט, און דער גאַנצער סקאַדראָן האָט זיך אַריינגעלאָזט אין הויז.

„וואָס איז דאָס!" — האָט די מאַמע אויסגעשריען, און גאָר אָהן צערעמאָניעס אַרויסגעטריבען די חברה פון הויז. האָט זיך פרומעלע צו־וויינט, און דער אָנקעל האָט איהר גענומען צו זיך אין שויס איהר איינצושטילען. איז איהר קליין הערצעלע אָנגעפילט געוואָרען מיט פרייד, און זי האָט אַ טראַכט געטאָן: ווען איהרע חבר'טעס וואָלטען דאָס געזעהן, אוי ווי זיי וואָלטען איהר מקנא געווען; און זי האָט זיך צוגעטוליעט נעהענטער צו דעם מענשען, וואָס האָט אַריינגעבראַכט ליבע אין הויז...

אין עטליכע טעג שפּעטער, האָט פרומעלע דערזעהן ווי די שוועסטער ליגט אין בעט און וויינט. האָט זי זיך זעהר געוואונדערט, א גרויסע, שוועסטער זאָל וויינען! און פון דאמאָלסט אָן איז דער אָנקעל מעהר ניט געקומען.

האָט פרומעלע געטראַכט און געטראַכט, פאַרוואָס קומט ניט דער אָנקעל? דאכט זיך זי האָט קיין שאָקאָלאַד ניט געבעטען; און זי האָט זיך געכאַפּט: מסתמא האָט די שוועסטער געבעטען שאָקאָלאַד, און בעטען טאָר מען ניט... מען דאַרף אלע מאָל וואַרטען ביז יענער גיט... און די שוועסטער האָט מסתמא ניט געוואַרט, דערפאַר איז דער אָנקעל ניט געקומען...

די קליינע רייזעלע.

רייזעלע האָט יעדעס מאָל דערפיהלט ווען איהר טאַטע דאַרף קומען פון דער ארבייט, איז זי איהם אַקעגען געלאָפען. צווישען אַ סך מענשען פלעגט זי אויסזוכען איהר טאַטען און צוזאַמען מיט איהם קומען צו דער מאַמען שיינענדיג פון פרייד.

די מאַמע פלעגט שוין האָבען אָנגעגרייט אַ סך געשמאַקע עסענס און אַלע דריי פלעגען אָפּעסען. נאָכדעם פלעגט מען זיך קלייבען אין אַ „שוי", האָט רייזעלע געקענט אַלע „שויס" אין זייער גאַס, און פלעגט זיך באַריהמען דערמיט פאַר איהרע חבר'טעס.

איין מאָל איז רייזעלע ארויס אַקעגען איהר טאַטען, איהם געזוכט און געזוכט צווישען אַלע מענשען אין גאַס, און איהר טאַטע איז ניט געקומען. פון דערווייטען האָט זי געזעהן אַ סך טאַטעס, נאָר אַז זיי זיינען צוגעקומען זיינען זיי געוואָרען פרעמדע. ניטאָ איהר טאַטע. איז זי געשטאַנען אין דרויסען אַ לאַנגע צייט ביז די מאַמע איז צוגעקומען זעהן וואָס איז דער מעהר.

„ניטאָ טאַטע!" איז איהר רייזעלע אַקעגען געקומען מיט אַ געשריי.

„אפשר אַ מיטינג", — האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך.

וואָס אַ מיטינג איז האָט רייזעלע ניט געוואוסט, נאָר לויט דער מאַמע'ס פנים ווען זי האָט דאָס געזאָגט, האָט רייזעלע פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז אַ שלעכטע זאַך און זי האָט עס שטאַרק פיינט געקראָגען.

פון דאַמאָלסט אָן האָט איהר טאַטע געהאַט מיטינגען אַלע אָוועגד, און רייזעלע פלעגט איהם ניט זעהן פאַר גאַנצע וואָכען נאָכאַנאַנד, אויסער ביינאַכט, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם טאַטענ'ס געשרייען אויף דער מאַמע'ן. דאַמאָלסט האָט זי גע־זעהן אַז די מאַמע וויינט, איז איהר געווען אַזאַ וואונדער, אַ מאַמע זאָל וויינען!

איין מאָל האָט זי זיך אויפגעכאַפּט ביינאַכט און דער מאַמען

ניט געפונען, דער טאטע איז אויך ניט געווען. איז זי געגאנגען זוכען און האט געפונען די מאמע'ן זיצענדיג ביים פענסטער מיט א נאסען פנים און מיט רויטע אויגען. זי האט שטילערהייד גע־שלוכצעט, ניט ווי קליינע מיידעלעך וואס וויינען אין דער הויך.

אז די מאמע האט דערזעהן רייזעלען האט זי איהר גענומען אין שויס, איהר שטארק צוגעטוליעט צו זיך און וויינענדיג געזאגט: „מיין קינד, וואס וועלען מיר איצטער טאן?"

„איצטער מיר געהן שלאפען, מאמע", — האט דאס קינד באלד געהאט א פלאן. האט איהר די מאמע א קוש געטאן און גע־הייסען שלאפען ביי איהר אין שויס.

איז רייזעלע געלעגען אין דער מאמע'ס שויס ביז די פענסטער זיינען בלוי געווארען, און ס'האט זיך געזעהן גאר א פריהאיגער דרויסען. דאמאלסט איז זי שלעפעריג געווארע און איז איינגעשלא־פען.

אז זי האט זיך אויפגעכאפט האט זי געזעהן אז זי איז אין בעט און די מאמע געהט ארום מיט א פארבונדענעם קאפ. א סך אנ־קעלם מיט טאנטעס זיינען דא אין הויז, און זיי רעדען צו דער מאמע'ן. קיינעם פון זיי פאלט ניט איין צו שפיעלען זיך מיט איהר, אזוי ווי אן אנדער מאל ווען זיי קומען, און קיין פענע גיט מען איהר אויך ניט. בעטען טאר זי ניט, מאמע האט איהר אנגע־זאגט. האט זי געוואלט אויסשרייען: איך וויל ניט קיין פענע! נאר קיינער האט זיך ניט אומגעקוקט אויף איהר. איז זי ארויס פון בעט, און פון פארדרוס א געשריי געטאן: „מאמע, עסען!" האבען זיך אלע אומגעדרעהט צו איהר, און יעדער האט איהר גע־געבען א פענע, האט זי פרעהליך א קלונג געטאן מיט די פענעס און איז אריין צוריק אין בעט איבערצעהלען. זי האט שוין געקענט צעהלען ביז פינף. דער טאטע האט איהר אויסגעלערענט.

אז די אנקעלס מיט די טאנטעס זיינען אוועקגעגאנגען, האט די מאמע גענומען צוזאמען פאקען די זאכען, און אויף דער ערד האבען זיך געוואלגערט שעהנע צאצקעס, ווי זילבערנע שערעלעך און א גאלדענער פינגער־הוט. האט זיך רייזעלע געשפיעלט דער־

מיט, אָנגעטאָן דעם פינגערהוט אויף צוויי פון איהרע פינגער. שטיק־לאַך שעהן קאָלירטע זייד האָט די מאַמע ארויסגעוואָרפען פון קאַ־מאָד, האָט דאָס רייזעלע געגומען און אויסגעפוצט איהר לאַלקע דערמיט. נאָכדעם האָט זי געלייגט די ליאַלקע שלאָפען ביי זיך אין שויס, און איהר געזונגען מיט אַן אומעדריגען ניגון: „שלאָף מיין קינד, איילעלו, דיין טאַטע איז אַוועק צו א מיטינג, איילעלו־לעלו". און באַלד האָט זי זיך אָנגעבייזערט: „שאַ, שאַ, וויין ניט! ער באַלד קומען צוריק."

אויף מאָרגען זיינען געקומען צוויי מענער און אַוועקגענומען אַלע זאַכען, נאָכדעם האָט איהר די מאַמע אויסגעפוצט אין איהר נייער קליידעל און זיי זיינען אַוועק צו א פרעמדע טאַנטע. דאָרטען זיינען זיי שוין געשלאָפען.

איהר מאַמע האָט דאָרט געקערט די פרעמדע הויז, געוואַשען פרעמדע געפעס און געקאָכט עסען פאַר א פרעמדען אָנקעל. ס'איז געווען אַזוי מאָדנע.

דער פרעמדער אָנקעל איז ניט געגאַנגען צו קיין מיטינג. און זעלדעלע מיט משה'לען וואָס האָבען איהם גערופען פּאַפּאַ פלעגען איהם אַלע מאָל אַקעגען לויפען און איהם ארומכאַפּען ביי די פיס.

רייזעלע פלעגט דאָס אַלע מאָל זעהן, און זי האָט ניט געהאַט ווער אַקעגען צו געהן און ווער ארום־צו־כאַפּען. פלעגט זי שטעהן פון דער ווייטען און קוקען מיט קנאה. דאַמאָלסט האָט זי פיינט געקראָגען זעלדעלען מיט משה'לען, און האָט געבעטען דער מאַמען אַז זי זאָל פאַר זיי קיין עסען ניט קאָכען, און אַז קיינער האָט ניט געזעהן האָט זי זיך געקרימט קעגען די קינדער און גע־מאַכט זיי וויינען.

האָט איהר מאַמע אָנגעשריען אויף איהר:

„וואָס ווילסטו פון מיין לעבען האָבען? וואָס רייצסטו זיך מיט די קינדער, כ'האָב דען אַזוי ווייניג צרות? הערסט, רייזעלע, זאָלסט דאָס מעהר ניט טאָן!"

„טאָ זאָג מיר וואו איז מיין טאַטע!" האָט זיך רייזעלע שטאַרק צוואויינט.

די ציעג.

די מאַמע איז אוועק אין וואַלד קלייבען יאַגדעס, און די באבע האָט פייגעלען אָפּגעגאָסען נעגעל־וואַסער, אָפּגעזאָגט מיט איהר ברכה, און געגעבען אַ גלאָז קאַפע מיט אַ מילכיגער בולקעלע. און אליין האָט זי זיך געזעצט שפּינען. איז פייגעלע שנעל פאַרטיג געוואָרען מיט איהר פרישטיק און צוגעגאַנגען צו דער באַבען, גע־קוקט ווי זי שפּינט. ווי די באַזונדערע שטעקלעך פון רעדעל שמעלצען זיך צוזאַמען אין איינעם, ווען דאָס רעדעל דרעהט זיך.

— אָ, ווי שעהן דאָס איז, — האָט זי זיך געוואונדערט, און געוואָלט אָנריהרען מיט אַ פינגער דאָס רעדעל.

— ניטע, ניטע, — האָט די באבע אויסגעשריען. — וועסט זיך מזיק'ען די הענד.

באָבע, לאָז מיך דרעהען דאָס רעדעל. איך קען אויך.

לאָז, מיין קינד, כ'האָב קיין צייט ניט. כ'דאַרף ענדיגען די פּאָר מאָטיקעס און געהן מעלקען די ציעג.

— איך'ל מיטגעהן מיט דיר. יאָ, באבע?

— יאָ. געה, מיין קינד, אוועק פון רעדעל.

פייגעלע האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד, לעבען דעם קערבעל מאָטיקעס, און געוואַרט. ווען די באָבע וועט קאַרפּען אַ מאָטיק, וועט זי איהר באַלד אונטערטראָגען. דערווייל האָט זי מקנא געווען דער באבען, וואָס זי איז אַ גרויסע און קען אזוי פיין שפּינען. און נאָך אַ סך זאַכען קאָן זי, די באבע: קערען די שטוב, וואַשען דאָס געפעס, אָנציהען דעם גרויסען וואַנד זייגער, אַז ער זאָל קלינגען, און מעלקען די ציעג און זי פיטערען. יאָ, פיטערען וואָלט פייגעלע שטאַרק געוואָלט קאָנען. די באָבע האָט אויסגע־שטרעקט די האַנד נאָך אַ מאָטיק, און פייגעלע האָט איהר דער־לאַנגט.

— באבע, זאג, ווען וועל איך קאנען פיטערען די ציעג?
— אז דו וועסט זיין א גרויסע, מיין קינד.
— ווען וועל איך זיין א גרויסע?
— אין א פאר יאהר ארום, אז דו וועסט אויסוואקסען.
— איך וויל שוין פיטערען די ציעג. פארוואס הינדעלע זעלדעס פיטערט שוין?
— הינדעלע איז עלטער פון דיר. דו ביזט ערסט זעקס יאהר אלט. די ציעג וועט דיך אומווארפען.
— זי וועט ניט.. זי איז א גוטע. זי לעקט מיר די הענד, ווען איך גיב איהר עסען. און זי שטעכט מיך קיין מאל ניט. באבע, לאז מיך היינט פיטערען די ציעג.
— ניין, מיין קינד. אז די באבע זאגט ניין, הארף זיין ניין.
— באבע, כ'וויל עסען.
— ווארט, איכ'ל אויסמעלקען די ציעג, וועל איך דיר געבען א גלאז מילך. האסט דאך ערסט געגעסען? ביזט שוין ווידער הונגעריג?
פייגעלע האט דערלאנגט דער באבען דעם לעצטען מאטיק, און געגעבען א פאטש מיט די הענטעלעך.
— שוין. ס'איז מעהר ניטא.
— געה, מיין קינד, ברייננ דאס פענדעל, וועל איך געהן מעלקען די ציעג.
זי איז אוועקגעלאפען, געבראכט דאס פענדעל. — נא, באבע.
די באבע האט אריינגעדרעהט דעם לעצטען מאטיק, זיך לאנגזאם אויפגעהויבען, גענומען דאס פענדעל און זיי זיינען ביידע ארויס.
די ציעג האט זיך געפרעהט מיט פייגעלען, און גענומען זי לעקען.
— באבע, זי וויל עסען — האט פייגעלע פארשטאנען, וואס די ציעג מיינט.
— געה, מיין קינד, אריין און טראג ארויס די שיסעלע שאלעכץ, וואס שטעהט אויפ'ן באנק.

פייגעלע איז אריין אין הויז, און די באָבע האָט זיך גענומען מעלקען די ציעג. געקומען מיט די שאָלעכץ, האָט פייגעלע באַלד אונטערגעטראָגען עס צו דער ציעג׳ס מויל. די ציעג האָט גענומען שלינגען די שאָלעכץ, און פייגעלע האָט געקוקט מיט הנאה, זו־כענדיג דאַנקבאַרקייט אין די ציעגישע אויגען.

— האָסט מיך ליעב, ציעגעלע? — האָט זי געפרעגט, אָנ־נעהמענדיג זי ביי דעם אויסגעדרעהטען האָרען. די ציעג האָט אראָפּגעבויגען דעם קאָפּ אויף יא, כאַפּענדיג א מויל שאָלעכץ פון שיסעלע.

2.

אויסגעמאָלקען די ציעג, האָט פייגעלע געקראָגען א גלאָז מילך מיט שוים פון אויבען. זי האָט עס שנעל אויסגעטרונקען און איז געגאַנגען מיט דער באָבען אין פעלד פיטערען די ציעג. די באָבע האָט מיטגענומען א זאַק, וואָס איז געווען אין דער ארבייט, מיט פיער שפּיזלען און א גרויסען קנויל וואָל, וואָס זי האָט גע־טראָגען אונטער׳ן אָרעם.

— באָבע, דו וועסט געהן און שטריקען די זאָק, און איך וועל פיהרען די ציעג — האָט זיך פייגעלע געבעטען, צונעהמענדיג דאָס שטריקעל פון דער באָבע׳ס האַנד.

— גיב אכטונג, פייגעלע, זי זאָל ניט אריין אין די קאָרן.

— ניין, זי וועט ניט אריין. איך וועל איהר אָנזאָגען. באָבע, זאָג, פאַרוואָס קאָן א ציעג ניט רעדען?

— ווייל זי קאָן ניט — האָט די באבע געענטפערט, פאריכ־טענדיג דאָס ווייסע טיכעל אויפ׳ן קאָפּ.

— אָבער פארשטעהן קאָן זי. פאַר וואָס, אַז איך זאָג איהר „קאזקאזקאז“, קומט זי צו לויפען?

די באבע האָט דערווייל פאַרלאָרען אן אויגעל פון שפּיזעל. איז איהר ניט געלעגען אין קאָפּ וואָס פייגעלע רעדט צו איהר. און פייגעלע האָט באמערקט, ווי דער ווינד שפּיעלט זיך מיט איהר

בלויען קליידעלע, און בלאָזט עס אויף רונד ווי א ראָד, איז דאָס איהר געפעלען.

— זעה, באבע! קוק אויף מיין קליידעלע!

— הא? וואָס איז? — האָט די באבע געפרעגט, אנכאפענ־דיג דאָס אויגעל אויפ׳ן שפיזעל.

— באבע, זאָג, ווי בלאָזט דער ווינד?

— די באבע ווייסט דאָס ניט, מיין קינד.

— נו, ווער דען ווייסט?

— גאָט ווייסט.

— נו, פרעג איהם, ווי עס בלאָזט דער ווינד.

— לאָז מיך אָפּ, פייגעלע, מען קען גאָט ניט פרעגען.

— פארוואָס, ווייל מען קען איהם ניט דערגרייכען?

— יא.

— אָבער דאָרטען לעבען טייך איז דאָך דער הימעל נידעריג, קען מען דאָך צושטעלען א לייטער און ארייַן אין הימעל און רעדען מיט גאָט.

— קליינע קינדערלעך מיינען אזוי, אָבער גרויסע ווייסען, אז מען קען ניט; געה בעסער גיב אכטונג אויף דער ציעג.

דאָס נאָהענטע גרינע פעלד האָט א רייץ געטאָן די ציעג. זי האָט גענומען ציהען דאָס שטריקעל פון פייגעלע׳ס האנד.

— ווארט, ווארט, ציעגעלע! — האָט פייגעלע געשריען, איהר נאָכלויפענדיג.

די ציעג האָט גענומען שמעקען דאָס גראָז מיט איהר וויס גע־לאַטעטען נאָז. און באלד זיך גענומען קייען, ארייַנגעטאָן זיך אין דאָס זאפטיגע גראָז מיט איהר גאנצער ציעגישער נשמה.

באלד איז אָנגעקומען די באבע, מאכענדיג פלינק מיט די בלאנקע שפיזלען. פייגעלע איז איהר אקעגען געלאָפען.

— באבע! באבע! דו זעץ זיך אוועק, און איך וועל פיטערען די ציעג. זעהסט, ווי איך קען?

די באבע האָט אויסגעטאָן דעם פארטוך, אויסגעשפרייט אויף דאָס טויאיגע גראָז, און האָט זיך לאנגזאם אוועקגעזעצט. זי האָט

אַ קוק געטאָן אויף פייגעלען און געטראַכט: לאַנג לעבען זאָל זי, די קליינע. ווי דאָס וואַקסט אַ בריה. שרה זאָל געזונד זיין, איז אויך אַזוי געווען. פּונקט די מאַמינקע פון אויג. זי האָט זיך אומגעקוקט. קיינער ניטאָ אין פעלד. אָט הפנים צו פריה, אָדער זעלדע פיטערט איהר ציעג הינטער'ן צוזונקע. אַזוי טראַכטענדיג האָט זי זיך אריינגעטאָן אין דער ארבייט. כאַפּענדיג אַלע ווײַלע אַ קוק אויף די קליינע בריה, וועלכע האָט געקוואַלען פון איהר נייער ארבייט.

דאָס גרינע פעלד איז געווען געפלעקט מיט געלע און ווייסע בלימעלעך און האָט זיך געענדיגט מיט אַ טיעפען גראבען. הינטער דעם גראָבען האָט זיך געצויגען אַ פעלד פון געלען זיך וויגענדען קאָרן ביז'ן טייך, פון וואַנען עס האָבען זיך געהערט שטימען. מיידלעך האָבען זיך דאָרט געבאָדען. „טאַק, טאַק, טאַק“, האָט דער עכאָ נאָכגעמאַכט דאָס קלאַפּען פון אַ פראַלניק. אַ גוי'ע האָט געוואַשען וועש ביים טייך. איבער'ן העלען בלויען הימעל זיינען געווען צואוואָרפען ווייסע שלייערס.

פייגעלע איז געווען שטאָלץ מיט זיך, וואָס זי פיטערט שוין די ציעג. זי וועט דערצעהלען אַלע איהרע חבר'טעס. האָט זי געטראַכט. און אַז די ציעג האָט זיך גאַנץ גוט אָנגעגעסען, האָט זי צוגערופען דער באָבע'ן, זי זאָל זעהן, וואָסערע פולע זייטען די ציעג האָט שוין. און דערביי האָט איהר צאַרט פנים'על געשיינט פאַר פרייד. זי האָט צערטליך אַ גלעט געטאָן דער ציעג'ס רוקען, און זי אַהיים געפיהרט, ווי אַ גרויסע. די באָבע איז נאָכגעגאַנגען פון הינטען, שטריקענדיג דעם זאָק.

3.

אפילו העלענא, די וואַסער טראָגערקע, האָט געוואוסט, אַז פייגעלע קאָן שוין פיטערן די ציעג. האָט זי זי געפיטערט דעם גאַנצען זומער. די באָבע האָט אפילו ניט געדאַרפט מיטגעהן. איז פייגעלע איינמאָל געזעסען אַליין אין פעלד, און געפיטערט די ציעג.

איז פארבייגעגאנגען דעם אפטייקער'ס זוהן. ער איז געגאנגען פון טייך, וואו ער האט זיך געזעהן מיט זיין בערטהא'ן, האט צו איהם אלץ געשמייכעלט מיט ליעבע. דערזעהענדיג פייגעלען, האט איהם דאס הארץ ניט געלאזט פארבייגעהן. האט ער זיך פרובירט אפ־שטעלען. האט זי אויפגעהויבען אויף איהם איהרע שווארצע ברע־מען, און אראפגעלאזט זיי פארשעהמטערהייט. און געוואלט האט זיך פייגעלען, אז דער שעהנער העדר מיט די גאלדענע פענסנע, זאל צוגעהן צו איהר. האט זי ניט אויפגעהויבען די אויגען און געפיהלט, ווי ער געהט צו צו איהר.

— וועמעס מיידעלע ביזטו? — האט ער געפרעגט. קוקענדיג אויף איהר וויים פארטוכעל ומיט די ראזע פאסיקלעך.

— דער מאמע'ס — האט זי געענטפערט. און געביסען דאס רויטע ליפעלע מיט די קליינע, ווייסע ציינדעלעך.

— ווער איז דיין מאמע?

— שרה.

— ווער איז דיין טאטע?

— פייוועל דער פלאקס הענדלער.

— ד'ריבער האסטו פלאקסענע האהר? — האט ער געפרעגט, אנריהרענדיג זי ביי די בלאנדע לאקען. זי האט געשוויגען. ער האט זיך אוועקגעזעצט לעבען איהר, זי אנגענומען פאד'ן מאר־דעטשקע און איהר אריינגעקוקט אין פנים'ל.

— ביזט א שעהן מיידעלע. שעהם דיך ניט אזוי. — ער האט זי ארויפגעזעצט צו זיך אויף די קני. זי האט זיך צוגעטוליעט צו איהם, און איהר קינדערשע הערצעלע איז געווען פול ומיט פרייד. אזא שעהנער !... דאס מוז זיין דער פרינץ פון דער באבע'ס מעשה'לעך.

— האסט מיך ליעב, מיידעלע? — האט ער צערטליך גע־פרעגט, גלעטענדיג איהרע קעפעלע, וואס האט אונטער די זונענ־שטראהלען אויסגעזעהן גאלדיגער ווי אימער.

זי האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ אויף יא.

— ווילסט איך זאל דיך נעהמען צו מיר אהיים?

— ניין. מדארף פרעגען דער מאמע'ן. און די ציעג דארף מען אויף א היים נעהמען.

— נו, גוט. וועל איך דיר נעהמען און אנדער מאל, יא?

— יא. — האט פייגעלע געענטפערט און האט זיך אויפגע־הויבען פון זיין שויס.

ער האט זיך אויפגעהויבען. זי א גלעט געטאן איבער'ן בע־קעלע און איז אוועק.

פון דאמאלס אן האט פייגעלע געטראכט פון דעם שעהנעם פרינץ, וואס וועט קומען אין א קארעטע, און זי אוועקפיהרען אין א שעהנעם שלאס. נאר די ציעג וועט זי אויך מיטנעהמען. איז פיי־געלע איינמאל פארפאלען געווארען. און די מאמע האט זי געפו־נען אין פעלד, זיצענדיג מיט פארלעגטע הענטעלעך, קוקענדיג ווייט אוועק. דאס האט זי געווארט אויפ'ן פרינץ. אז די מאמע איז צוגעקומען צו איהר און אויסגערופען „פייגעלע!" האט זי זיך דערשראקען, און אנגעקוקט די מאמען ווי א פרעמדע. האט די מאמע זי גענומען ביים הענטעל און אהיים געפיהרט. האט זי זיך פארגעשטעלט, אז דאס פיהרט זי דער פרינץ אין שלאס. באלד וועט ער זי נעהמען אויף די הענט און אריינטראגען אין א שעהנעם גארטען, וואו עס שטעהן גאלדענע סטאטועס מיט גרינע ביינק, אזוי ווי אויפ'ן בילד וואס הענגט אין אפטייק. און נאכהער וועט זי אפרייסען עפעל און בארען, וואס הענגען אראפ פון די נידעריגע צווייגען. און טאמער וועט זי ניט קענען דערגרייכען, וועט זי דער פרינץ אויפהייבען. ער וועט איהר געבען שאקאלאד, און זי וועט איהם ארומכאפען ארום האלז און שטארק ליעב האבען. וועט זי שוין בלייבען מיט איהםאויף אלע מאל. דער באבע'ן מיט דער מאמע'ן וועט זי שיקען אלערליי גוטע זאכען, וואס זי וועט קריגען, און די ציעג וועט זי פיטערען אין גארטען, וואו עס וואקסען הויכע גראז, און דער שעהנער פרינץ וועט זיין לעבען איהר די גאנצע צייט...

— פייגעלע! — האט די מאמע אויסגערופען. — וואס האסטו זיך אזוי פארטראכט?

האָט זי אויפגעהויבן דאָס קעפּעלע, זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און געגאַנגען מיט דער מאַמען.

ווינטער איז די ציג געבעך געשטאַנען אין דער קאַלטער שטאַל און געוואַרט, ביז מען וועט איהר אַרויסטראָגן אַביסעל שאָלעכץ אָדער קלייען. האָט פייגעלע פאַרדראָסען, פאַרוואָס די ציג דאַרף שטעהן אַ גאַנצע אין קעלט, און מען נעהמט זי ניט אַריין אין שטוב.

4

די מאַמע האָט גענומען אַריינטראָגן האַלבע פּענדלעך מילך פון'ם מעלקען, נאָכדעם נאָך ווייניגער. — די ציג פאַרלאָזט זיך - האָט זי געזאָגט. וואָס דאָס מיינט, האָט פייגעלע ניט פאַרשטאַנען. האָט איהר די מאַמע איינמאָל ערקלעהרט, אַז די ציג געהט האָבען ציגעלעך. האָט פייגעלע גענומען שפּרינגען און פּאַטשען מיט די הענד.

— ציגעלעך! ציגעלעך! מאַמע, וועסט מיר געבען אַ ציגעלע?

— ד'וועל דיר געבען — האָט די מאַמע געענטפערט.

האָט פייגעלע געוואַרט אויף ציגעלעך און איז אַלע מאָל גע־גאַנגען אין שטאַל קוקען, צי די ציג האָט זיך שוין געציגעלט.

איינמאָל אויף מאָרגען נאָך פּורים, ווען פייגעלע איז נאָך געשמאַק געשלאָפען, האָט זיך איהר געחלומ'ט, אַז די צוקער־פער־דעלעך, וואָס זי האָט געקראָגן שלח־מנות, זיינען לעבעדיג געוואָ־רען און האָבען גענומען אומלויפען איבער'ן שטוב און שרייען „מ־ע! מ־ע!" האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און דערהערט, אַז דאָס איז גאָר די ציג אין שטאַל, זי וויל עסען, די ציג. האָט פייגעלע געטראַכט. האָט זי זיך שנעל אָנגעטאָן, צוזאַמענגעקליבען שטיק־לעך ברויט, איינגעוויקעלט אין אַ שיסעלע און אַרויסגעטראָגן צו דער ציג. האָט זי דערזעהן, ווי די מאַמע האַלט צוויי ווייסינקע ציגעלעך. איינע האָט געהאַט אַ שוואַרצען פלעק אויפ'ן רוקען

און ביי דער אנדערער זיינען געווען האלבע פיסלעך שווארץ, און א שווארצער פאס לעבען מויל. האט פייגעלע פון שמחה גענומען לויפען און זיך באגאסען דאס קליידעלע מיט'ן וואסער פון שיסעלע.

— געה, מיין קינד, דערלאנג דאס דער באבען — האט די מאמע געזאגט, מיינענדיג דאס שיסעלע מיט'ן ברויט. די באבע האט אויסגעבעט פרישע שטרוי און אוועקגעלעגט די ציעג. נאך דעם האט זי גענומען דאס שיסעלע פון פייגעלע'ן און דער ציעג געגעבען עסען.

פייעגעלע האט געקוקט מיט רחמנות אויף דער קראנקער ציעג. זי האט אזוי געקרעכצט, און די פיס זיינען איהר געווען פארבלו־טיגט. דימאמע האט אוועקגעלעגט די ציעגעלעך לעבען איהר און זי האט זיי גענומען לעקען.

— אי, ס'רע קלייניגקע — האט זיך פייגעלע געוואונדערט.— מאמע, זעה, זי קושט זיי. דאס זיינען איהרע קינדערלעך. ניין, מאמע!

— יא, מיין קינד.

אויף מארגען האט די מאמע ארויפגעשטעלט די ציעגעלעך אויפ'ן טיש, האבען זיי גענומען שפרינגען. האט פייגעלע געלאכט פול מיט ענטציקונג. נאכדעם האט מען אריינגעפיהרט די ציעג אין הויז און אוועקגעשטעלט די ציעגעלעך לעבען איהר, האבען זיי זי גענומען זויגען.

— א ציעג איז אזוי ווי א מאמע — האט זיך פייגעלע גע־וואונדערט און געצופט די באבען פאר'ן קלייד. זי זאל זעהען, ווי די ציעגעלעך זויגען.

פייגעלע האט זיך געפרעהט מיט די ציעגעלעך, ביז דער טאטע איז געקומען צו פאהרען און האט זיי פארקויפט. איז די ציעג ארומגעגאנגען אין שטאל, געזוכט אין אלע ווינקעלעך און געשריען „מ־ע! מ־ע!"

5.

דער טאטע איז אוועקגעפאהרען אין אמעריקא, איז פייגעלע

געווען צופריעדן. נאָר די מאַמע האָט געוויינט, און די באָבע האָט געזיפצט. נאָכדעם האָט מען פאַרקויפט דעם פּלאַץ, אויף וועלכן מען זעעט קאַרטאָפעל. זיינען געקומען גוים מיט רויטע פּנים׳ער און שוואַרצע קודלעס און גענומען בויען א הויז, האָט די באָבע געשיקט פייגעלען צוזאמענקלייבן שטיקלעך האָלץ, האָט זי מורא געהאָט פאַר די גוים, ווייל זיי האָבן אויסגעזעהן, ווי די גזלנים פון די באָבע־מעשיות. אָבער דער באָבען ניט פאָלגען האָט פייגעלע ניט געקענט. האָט זי זיך אָנגעטאָן א כח און געכאַפּט א פּאָר שטיקלעך האָלץ, ווען די גוים האָבן ניט געזעהן, און איז אַנטלאָפן.

אז דאָס הויז איז פאַרטיג געוואָרען זיינען געקומען נאָך גוים מיט גוי׳עס מיט שקצים׳לעך, און האָבן זיך אריינגעצויגען אין דעם נייען הויז מיט דעם הויכן גאַניק, און גרין געפאַרבטע לאָדענס. נאָכדעם האָט מען געבראַכט חזירים מיט הינט, איז דער הויף פול געוואָרען מיט א ווילדען טומעל, די פערד האָבן געהירזשעט, די חזירים געקוויטשעט, די הינט געבולען ,אז פייגעלע, די מאַמע און די באָבע האָבן געפיהלט ווי פאַרבלאָנדזשעט אין א וואַלד פון ווילדע חיות.

ס׳איז געווען אונמעגליך זיך צו צוגעוועהנען צו די פרעמדע ווילדע קלאַנגען, טרפה׳נע גערוכען און רויט־פאַרפלאַמטע פּנים׳ער. האָט חנה מיט שרה׳ן אויסגעמידען די גוי׳אישע שכנים און פייגעלע האָט זיך אויך ניט געשפּיעלט מיט די שקצים. האָט דאָס די גוים פאַרדראָסען. „בלאָזען זיך, די פאַרפלוכטע זשידעס", פלעגען זיי זידלען, און זיך אָפּרעכענען מיט שרה׳ס היהנער. אריינכאַפּען זיי צו זיך און אָפּבראָטען לעבעדיגערהייט. ביינאַכט פלעגען זיי אראָפּנעהמען פון בוידעם די איינגעפרעגעלטע איינגעמאַכטס, צו׳גנב׳ענען א פּאָר טישטוכער פון פּלאַנקען און וואַרפען שטיינער אויף דער ציעג. איין מאָל האָבן זיי איהר שיער ניט צובראָכען א פוס. האָט זי געקרעכצט, און פייגעלע האָט געוויינט.

זונטאָג פלעגען זיך די גוים לאָזען איבער׳ן גאַס אָנגע׳שכור׳טע, אין רויטע העמדלעך, פאַרגאַרטעלט מיט שטריק, אויסגעשמירט אין

בלאָטע, און די פּנים'ער צוקאַליעטשעט, פון קייקלען זיך אין די גראָבענס. און זייערע קולות זיינען געווען אַזעלכע ווילדע, אַז פייגעלען האָבען געקלאַפּט די ציינדלעך אין מויל. פאַר שרעק פלעגט זי זיך צוטוליען צו דער באָבען און זי ניט לאָזען פון אַרט. און די מאַמען האָט זי אויך געהיט, זי זאָל ניט ארויסגעהן פון הויז.

זונטאג פאַרנאַכט האָט מען געמוזט גאַנץ פריה צומאַכען די לאָדענס. פלעגט מען זיצען ארום לעמפּעל ביים טיש און פליקען פעדערען. די באָבע האָט דערצעהלט מעשיות פון גזלנים און פון שדים, פלעגט פייגעלע אַרומנעהמען דער מאַמע'ן און מורא האָבען זיך אַ ריהר צו טאָן. ס'האָט זיך איהר אויסגעדוכט, אַז אויף די וועגד קריכען שדים. די באבע פלעגט דערצעהלען אַזוי לאַנג, ביז פון דרויסען האָבען זיך מעהר ניט געהערט די שכור'ע קולות. דאָס לעמפּעל האָט גענומען צאַנקען און דער שלאָף האָט זיי אין די בעטען אריינגעצויגען.

אַז פייגעלע האָט זיך אָנגעהערט אַזוי פיעל מעשיות פון שדים, ווי זיי קענען זיך פאַרשטעלען, פלעגט זי אין די אומעטיגע ווינטערדיגע אָוועגדען מורא האָבען, צו אַ שד האָט זיך ניט פאַרשטעלט אין דער באָבען, אָדער אין דער מאַמען. נאָר ווען זי האָט דערזעה, זייער שאָטען האָט זי געוואוסט, אַז די באָבע איז אַן אמת'ע באָבע, און די מאַמע איז אַן אמת'ע מאַמע.

6.

וואָס ווייטער איז געוואָרען אַלץ ערגער צו וואוינען לעבען די גוי'ישע שכנים. זיי פלעגען צוברעכען די שויבען שיכור'ערהייט, קלאַפּען אין די צוגעמאַכטע לאָדענס, זידלען אויף זייער פּויערשען לשון. מען האָט געמוזט אַנטלויפען פון זיי.

ס'האָט זיך דער באָבען ניט געוואָלט אַז מען זאָל פאַרקויפען דאָס הייזעל, וואו זי איז געבוירען געוואָרען, געוואוינט אַלע איהרע טעג און נעכט. וואו די ווענד האָבען דערצעהלט די טיעפסטע סודות פון איהר לעבען. דאָ איז זלמן, עליו השלום, צום ערסטען מאָל

געקומען אין דער אטלעסענע קאפאטע מיט׳ן הויכן שטריימעל. דא האט מען געפראוועט די חתונה מיט אזויפיל פאראד. זי האט געטראגן א בלוי זיידען קלייד מיט געלע פאסן, געזעסן און געקוקט מיט פארטרערטע אויגן דורכ׳ן שלייער און ס׳האט זיך אלץ געדרעהט ארום איהר, נאכדעם איז דאס אלץ פארשוואונדען און זי איז געבליבען אליין מיט זלמן׳ען. זי האט געפיהלט זיינע מאדנע בליקען אויף איהר און מורא געהאט אויפצוהויבען די אויגן און דאס הארץ האט אזוי געקלאפט פאר שרעק און פרייד.

נאכדעם איז שרה געבוירען געווארען. אך, זיינען דאס געווען צייטען. אנטלאפען איין טאג נאך אן אנדערען, און שרה איז שוין א גרויסע שעהנע מיידעל געווארען. די באבעס לעבען האט זיך איבערגע׳חזר׳ט אין איהר טאכטער. וויעדער אמאל בעטגעוואנד, וועש, זיידענע קליידער, און נאכדעם א חתונה. מען שפיעלט, מען טאנצט, מען הוליעט, דאס הארץ פילט זיך אן מיט פרייד. און די קאלטע האנד פון דער צייט שטויסט דאס אויך אפ אן א זייט. ווערט נאדעם געבוירען פייגעלע מיט א ליכטיגען פנימ׳על. איז זי שוין א באבע. און שרה, אט ערשט, ווי לאנג איז זי געבארען געווארען? זי איז שוין א מאמע. איז דאס הויז ווידער פול מיט פרייד. מען עסט לעקעך, מען טרינקט בראנפען, און די ווענד, די זעלבע ווענד, קוקען אויף דעם אלעם, הערען זיך צו צו די הייליגע ברכות און האבען איצט וואס צו דערצעהלען. יעדעס ווינקעלע דערצעהלט, דערצעהלט אהן א סוף. ס׳גאצע לעבען דא אפגעלעבט און איצט אליין שוין אויך באלד גרייט אין וועג... אלץ צווישען אט די געלבליכע ווענד. און איצט? געה גיב דאס אפ די גוים, זיי זאלען אריינשטעלען זייער שוועגטא מאריא און אנרויכערען מיט חזיר.

אז די צרות האבען דערגרייכט ביז׳ן האלז, האט די מאמע פארט גע׳פועל׳ט ביי דער באבען, אז מען זאל אנטלויפען פון די גוים. האט מען פארקויפט דאס הייזעל פאר וויפיעל די גוים האבען געגעבען, און מיט א צוואועהטאגטען הארץ האט מען גענומען ארויסטראגען פון דארט די זאכען, אוועקפיהרען צו עטעל די שיי־

טעל־מאַכערקע. נאָכדעם האָט די באָבע מיט דער מאַמען זיך גע־זעגענט מיט די לערינגע ווענט און זיך באַגאָסען מיט טרערען. כלי־פענדיג האָבען זיי די אידישע שכנים אַרויסגעפיהרט פון דאָרט.

פייגעלע האָט אפילו ניט געוואוסט, פאַר וואָס מען וויינט, אדרבה, מען אַנטלויפט דאָך פון די שלעכטע גוים. און מען וועט וואוינען ביי עטעל די שייטעל־מאַכערקע, אין אַ שעהנעם הויז. און עטעל איז אַזאַ גוטע. קינדערלעך האָט זי אויך, מיט וועמען זי וועט זיך שפּיעלען, איז פייגעלע געווען צופריעדען ,נאָר אַז זי האָט דער־זעהן דער באָבען מיט דער מאַמען וויינען, האָט זי זיך אויך צוגע־וויינט.

אין דער נייער דירה האָבען די זאַכען אויסגעזעהן שעהנער. די צוויי גרויסע פענסטער האָבען אַריינגעלאָזען אַ סך זונענשיין. די פּאָדלאָגע איז געווען געל, פריש אָפּגעוואַשען און די ווענד זיינען געווען בלאָע מיט ראָזע בלומען, ווי ביי גיטעל דער סוחר'טע. און צוליעב דער נייער דירה, האָט מען געקויפט דעם קייזער מיט דער קייזערינע און אויפגעהאנגען אויף אַ וואַנד.

האָט פייגעלע מיט פרייד באַטראַכט די נייע וואוינונג און געטראַכט ,אַז דער פרינץ וועט קומען, וועט זי זיך שוין ניט שעה־מען איהם אַריינצופיהרען אין הויז. אדרבה, זאָל ער זעהן, ווי שעהן עס איז ביי זיי אין הויז. און עס האָט איהר שטאַרק הנאה געטאָן. אמת, זי וועט ער נעהמען צו זיך אין שלאָס. אָבער די באָבע מיט דער מאַמען דאַרפען דאָך אויך וואוינען אין אַ שעהנעם הויז. און זי וועט דאָך קומען צו גאַסט צו זיי, צוזאַמען מיט'ן פרינץ אין זיין קאַרעטע. אָי, וועלען איהר אַלע קינדערלעך מקנא זיין. נאָר היג־דעלע ציפּע'ס וועט זי אויך מיטנעהמען מיט זיך אין שלאָס. זי האָט איהר איינמאָל געהאָלפען אַרויסשלעפּען די ציעג פון די קאַרן.

אַזוי זיינען פייגעלע'ס חלומות וועגען דעם פרינץ באַנייט גע־וואָרען אין דער נייער דירה. און זי איז געווען זעהר פרעהליך. נאָר די ציעג איז ניט געווען איינשטימיג מיט פייגעלען און האָט דוקא ליעב געהאַט דאָס אַלטע שטיבעל. פלעגט זי אַלע מאָל לויפען אַהין.

.7

ווינטער אין א פראסטיגען וועטער איז די ציעג פארפאלען געווארען. פייגעלע, די באבע, און די מאמע זיינען ארומגעגאנגגען איבער'ן גאנצען שטעדטעל זוכען די ציעג. געזוכט, געזוכט, און ניט געפונען. זיינען זיי געקומען אהיים פארמאטערטע און האבען מעהר שוין ניט געקענט געהן זוכען. ס'איז שוין געווארען נאכט, און מען איז געווען הונגעריג, און געפרוירען פון אומלויפען א גאנ־צען טאג. האט מען זיך געזעצט עסען וועטשערע. האט די מאמע געזאגט, אז די ציעג האט געמוזט אנטלויפען צום אלטען הייזעל און די גוים האבען זי געמוזט ארייגכאפען צו זיך אין הויף. איז די ציעג שוין א פארפאלענע. דען ווי קען מען זי ארויסקריגען פון זייערע הענד? זיי זיינען דאך רוצחים, זיי קאנען נאך דער'הרג'ע־נען, אז מען זאל געהן ביי זיי זוכען. האט פייגעלע ניט געקאנט עסען די געשמאקע ארבעס, כאטש זי איז געווען הונגעריג און זי האט זיך פארטראכט, צו וואס האט גאט באשאפען גוים אויף דער וועלט? און ס'האט זיך איהר פארגעשטעלט, ווי דער הויכער גוי, אין רויטען העמדעל, מיט דער צוהאקטער ליפ פון הינטער וועלכער עס סטארטשען ארוים זיינע געלע צייהן, הויבט אויף די האק און לאזט אויף דער ציעג. זי פאלט א צובלוטיגטע און פייגעלע הערט, ווי די ציעג שרייט מ־ע! מ־ע! וואס דאס מיינט: „פייגעלע, רא־טעווע מיך!"

האט פייגעלע געלאזט די לעפען אין טעלער, זיך איינגעוויי־קעלט אין דער מאמעס פאטשיילע, וואס האט זיך איהר געשלעפט אויף דער ערד, און האט זיך דורך די הינטער־טיר ארויסגע'גנב'עט פון הויז.

די לבנה איז א רויטליכע געשוואומען איבער דעם אויסגע־שטערענטען הימעל און געגאסען איהר ליכט אויף די שניי־איגע גאסען. די צוגעמאכטע לאדענס האבען באהאלטען די ברענענדיגע לעמפלעך אין די הייזער. נאר די שפארעס פון די לאדענס האבען ארויסגעגעבען דעם ליכטיגען סוד.

פייגעלע איז געגאנגען און דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער איהרע פיס. דער אומעט פון דער נאכט האָט זי געוואָרענט: „געה ניט, די גוים האָבען בייזע הינט. זיי וועלען דיך צורייסען. די גוים זיינען אזעלכע שלעכטע!" „געה ניט!" האָט זי געוואָרענט איהר לאנגער שאָטען, וואָס האָט זיך אויסגעצויגען אויף די ווענד פון די הייזער. נאָר פייגעלע איז געגאנגען, ניט הערענדיג די שטימען פון שרעק. זי האָט געזוכט אין דער נאכטיגער שטיל־קייט דער ציעג'ס מ - - - ע. ביז זי איז צוגעקומען צו דעם אלטען הייזעל. ס'האָט זיך איהר אויסגעדוכט, אז אָט־אָט שפּרינגט ארויס א שד פון'ם צובראָכענעם פענסטער. זי האָט געמאכט א פּאָר טריט צום אלטען גאניקעל און דערזעהן דעם גרויסען טויער פון הויף. האָט זיך איהר אויסגעוויזען, ווי דער טויער בויגט זיך און אָט פאלט ער ארויף אויף איהר. זי איז אָפּגעשפּרונגען א פּאָר טריט, א ווייל געשטאנען, דאן איז זי צוגעגאנגען, אריינגעקוקט דורך א שפּארע אין הויף און שטיל אויסגערופען: — קאָז, קאָז, קאָז.

— מ - ע, מ - - ע! האָט געענטפערט די ציעג.

פייגעלע האָט מיט אמאָל דערפיהלט א נייעם כח אין זיך. זי מוז ראטעווען די ציעג! אָבער דער טויער איז דאָך פארשפּארט. זי האָט געוואוסט, אז דורך דעם הייזעל קען מען אריין צו די גוים אין הויף. זי האָט זיך אָבער געשראָקען פאר די שדים און די הינד. אָבער די ציעג...

נישט וויסענדיג אליין וואָס זי טוט, איז זי פלינק אריין דורכ'ן פענסטער אין שטיבעל, געגומען טרעטען איבער צובראָכענע גלאָז, שטיקער האָלץ, אלטע קעסטלעך, ביז זי איז צו צו א צווייטען פענ־סטער, דורך וועלכען זי איז ארויסגעשפּרונגען אין הויף.

איינהאלטענדיג דעם אָטעם, האָט זי געמאכט א פּאָר טריט אויף די שפּיץ פינגער און שטיל א שעפּצע געטאָן: „קאָז־קאָז־קאָז".

די ציעג איז צוגעלאָפען צו איהר און געכאַפּט זי לעקען. „ש־ש־ש", האָט פייגעלע געפּליסטערט, צולעגענדיג א פינגער צום מויל. עס האָט זיך איהר אויסגעדוכט, ווי פון אלע ווינקעלעך לאָ־זען זיך ארויס די גויים, די הינט און די שדים. זי איז פלינק צו־

געגאַנגען, אויפגעהויבען דעם שווערען שטאַנג און געעפּענט דעם טויער, אַ כאַפּ געטאָן די ציעג און איז האַסטיג ארוים. אומגעקוקט זיך אין אַלע זייטען און גענומען לויפען. די ציעג נאָך איהר, ביז זי האָט געגעבען אַ פאַל אריין אין הויז.

אַ בלאַסע, מיט אַן אָפען מויל, איז זי צוגעלאָפען צו דער באָבען און אַ געשריי געטאָן:

—באָבע! כ'האָב געראַטעוועט די ציעג!

ווייסע פויגעל.

1.

אונטער דעם ליכט פון בלויע הימלען האָבען אידען געוואוינט אין א קליינעם רוהיגען שטעטעל. האָבען זיי דאָרט גע׳חלום׳ט פון איבער־ערדישער גרויסקייט. זייערע הערצער זיינען פול גע־ווען מיט גלויבען, און זיי האָבען זיך געוואונדערט איבער אַלץ, ווי קליינע קינדער.

ווען זייער דיין פלעגט געהן פון דאווגען, פלעגען זיי איהם אַלע נאָכקוקען, דען זיי האָבען געפיהלט, אז ס׳איז דאָ א גרויס וואונדער אין יעדען מענש און אין יעדער זאַך. און דער דיין איז געווען גרעסער פון אַלע מענשען אין זייערע אויגען. דערצו האָט ער געהאט א טלית־זאק, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט היילינקייט. דען ער האָט געשטאַמט פון דורות רבנים. די פרומערע אידען האָבען געלעזען וואונדערבארע מעשיות אין די אָפּגעריבענע אותיות אויפ׳ן שווארצען סאמעט. און איינע פון די מעשיות האָט מען דערצעהלט פאר קינדער.

אַז קינדער האָבען געוואָלט, זייערע מאַמעס זאָלען זיי דער־צעהלען די שעהנע מעשה, האָבען זיי צוערשט געדאַרפט פליהען צוזאַמען מיט זייע׳ע מאַמעס אויף די פליגעל פון דער פאָרשטע־לונג, ביז זיי זיינען געקומען צו רב אברהם׳ס צייטען. רב אברהם איז געווען דעם דיין׳ס זיידע.

אַז זיי זיינען געקומען אַהין, האָבען זייערע מאַמעס זיי געווי־זען דעם גרייז־גרויען רב אברהם, ווי ער געהט אַלע פריה־מאָרגען פון דאַוונען פארטראַכט, און זיינע אויגען קוקען אין הימלישע וועל־טען, און דאַן האָט זיך ערשט אָנגעהויבען די מעשה:

איין מאָל, אין א פסח׳דיגען פריהמאָרגען, איז די זון אויפ־

געגאנגען רויטער ווי אלע מאל. אויפ׳ן האריזאנט האבען זיך באַוויזען פורפורנע הייהלען, און בלויע געשטאלטען, פארהילט אין ווייסע, דינע שלייערס, וועלכע האבען געשוועבט אריין און ארויס פון די הייהלען.

אלע האבען געקוקט אויפ׳ן הימעל און קיינער האט ניט גע־וואוסט, וואס דאס באטייט. נאר רב אברהם האט יא געוואוסט... האט ער געוואלט, אז אלע זאלען דאס וויסען, און ער האט געמאכט, אז פון די בלוע געשטאלטען אין ווייסען געהילט זאלען ווערען פויגעל, און זיי זאלען פליהען פון זיין טלית־זאק ווי פון א טיפען הייהל.

מיט אמאל האט זיך גענעבען א[ן] עפען־אויף זיין טלית־זאק, און ווייסע פויגעל האבען גענומען פליהען אזוי פיעל, אז עס איז אלעמען וויים געווארען פאר די אויגען.

פליהענדיג האבען זיי געזונגען אזוי שעהן, ווי דער גן עדן וואלט זיך פלוצלינג געעפענט און ארויסגעלאזט זיין געזאנג. דען די פויגעל זיינען טאקע געווען די נשמות פון גן עדן, זיי זיינען ארויס דערפרעהען די וועלט.

די ערשטע וואס האבען דערהערט דעם געזאנג, זיינען געווען די קינדער. האבען זיי זיך געלאזט לויפען פון די הייזער, און זיך געיאגט נאך די פויגעל. נאכדעם האבען עס די גרויסע אויך דערהערט און זיך געוואונדערט: ווער איז דאס דער כלי זמר, וואס שפיעלט אזוי שעהן! זיינען זיי נעגאנגען, וואו די מחנות פון קינדער זיינען געלאפען, און געזעהן ווי די פויגעל פליהען זינגענדיג פון רב אברהם׳ס טלית־זאק. האבען עופה׳לעך געטאנצט ביי די מאמעס אין די ארעמס, און קיין מאל האבען די אידען פון שטעטעל ניט זוכה געווען אזא פרייד צו פיהלען.

מיט דער מעשה האט מען איינגעשטילט א סך וויינענדע קינ־דער. יעדער האט עס געוואוסט, און מאיר׳ל דעם דיין׳ס אייניקעל האט עס אודאי געוואוסט. איז איהם די מעשה זעהר געפעלען געווען, און ער פלעגט זיך פארטראכטען יעדעס מאל, ווען זיין מאמע האט עס איהם דערצעהלט. נאר וועגען דעם הייליגען טלית־

זאק, האָט ער ניט געטראכט. ווי זאָל ער טראַכטען, אז ער זעהט עס אַלע מאָל, עס ליגט דאָך אויפ׳ן קאמאָד.

2.

איינמאָל איז מאיר׳לס חבר׳טע, חוה׳לע, געגאַנגען גראָבען זאמד, האָט ער געוואָלט מיטגעהן מיט איהר. האָט זי געזאָגט:

— אז דו געהסט, דארפסטו אויך גראָבען זאַמד.

— נו, וועל איך אויך גראָבען, — האָט ער געענטפערט.

— אין וואָס וועסטו גראָבען, אז דו האָסט ניט קיין זעקעל?

— א זעקעל? — האָט מאיר׳ל א פרעג געטאָן, און איז אריין אין הויז, געכאפּט דעם זיידענ׳ס טלית־זאק, אין גרוים איילע־ניש ארויסגעטרייסעלט אויף דער ערד אלץ, וואָס דאָרט איז געווען, און ער האָט שוין געהאט א זעקעל. זיינען זיי אוועק גראָבען זאמד.

גראָבענדיג די זאמד, האָט זיך חוה׳לע א ווילע פארטראכט און א פרעג געטאָן מאיר׳לען:

— מאירל, וואָס איז דאָרט אונטען?

— וואו, אונטען?

— אז מען גראָבט און מען גראָבט און מען גראָבט?

—אה, דאָרט אונטען? — האָט מאירל זיך פארטראכט, — דאָרט איז דער גהינום!

— אויפ׳ן גהינום האלט זיך די וועלט? — האָט זיך חוה׳לע געוואונדערט.

— ניין, די וועלט האלט זיך אויף גאָרנישט, און זי פאלט ניט אראָפּ!

—ווי אזוי קען זי זיך האלטען אויף גאָרנישט.

— אז גאָט וויל, קען זי, זעהסט? אָט האלט זיך דער הימעל אויך אויף גאָרנישט, און ער פאלט ניט אראָפּ!

— טאקע! — האָט חוה׳לע צוגעגעבען, קוקענדיג צום הימעל, — ביזט אזא קלוגער, מאיר׳ל!

נ —אודאי בין איך — איך'ל דאָך זיין א דיין, ווי מיין זיידע, און איך קען שוין לערנען.

— וואָס קענסטו?

— איך קען אַן „א" און א „ל" און א „ש". א „ש" איז מיט דריי קעפּעלעך, דער זיידע האָט מיר אַליין געזאָגט.

— טאַקע? — האָט זיך חוה'לע געוואונדערט, ארויפקוקענדיג מיט עהרפורכט צו מאיר'לען, — און דו ווייסט אַלצדינג?

— איך ווייס נאָך ניט אַלצדינג, נאָר איבער־א־יאָהר וועל איך געהן אין חדר, וועל איך וויסען אלצדיג.

— אָבער דו ווייסט ווער עס ענטפערט אין וואלד, אז מען גיט א געשריי „אה!"

—איך ווייס. דאָרט באהאַלטען זיך מלאכים אין די צוויי־גען פון די בוימער, און זיי ענטפערען.

— דו האָסט זיי געזעהן?

— ניין, מען קען זיי ניט זעהן.

— און דעם גהינום טיעף אין דער ערד קען מען אויך ניט זעהן?

— ניין.

—אָבער אז מען זאָל גראָבען א לאנגע צייט ביז גאָר אונטען?

— מען קען ניט, דאָרט זיינען דאָ פייערדיגע ריזען, וועלען זיי אונז פארברענען.

— ס'וואָלט אָבער געווען שעהן צו זעהן אזעלכע ריזען.

— יאָ, עס וואָלט געווען.

— טאָ, לאָמיר גראָבען א סך, אפשר וועלען מיר זיי קענען זעהן פון דער וויטען.

האָט מאיר'ל איינגעשטימט און זיי האָבען גענומען גראָבען מיט גרויס התמדה.

אז זיי האָבען זיך פאַרטיפט אין דער ארבייט, זיינען אָנגעקומען שקצים און זיי באַפאַלען, האָבען זיי איבערגעלאָזט די זעקעלעך, און זיינען אנטלאָפען.

3.

ביי מאיר׳לען אין הויז האָט מען דערזעהן דעם זיידען׳ס טלית און תפילין אויף דער ערד און דער טלית־זאק איז ניט געווען.

איז געוואָרען א יללה, זיינען זיך די שכנים צוזאַמענגעלאָפען דערשראָקענע, ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן און געבראָכען די הענט. איז אָנגעקומען דער זיידע אליין און זיך דערוואוסט, וואָס אין הויז איז געשעהן, האָט ער געהייסען זוכען דעם טלית־זאק איבער׳ן גאַנצען שטעטעל.

האָט מען זיך ארויסגעלאָזט אויף אַלע וועגען זוכען דעם טלית־זאק, און געפונען האָט מען איהם לעבען די זאמד־גריבער א צוטראָטענעם.

איז געוואָרען א גרויסער טומעל, און אלע איינוואוינער פון שטעטעל זיינען געקומען צולויפען אהין.

דערזעהן דעם צוטראָטענעם טלית־זאק, האָבען אלע אראָפּ־געלאָזט די קעפּ אין טרויער, ווי זיי וואָלטען געפונען א מענשען טויט.

האָט א שכנה געטראָגען דעם טלית־זאַק צום דיין אהיים, און א גאַנצע פּראָצעסיע האָט זיי באַגלייט.

אז דער דיין האָט דערזעהן זיין צוטראָטענעם טלית־זאק, האָט ער געמאַכט א שטרענגע מינע און גוזר געווען, אז די משפּחה זאָל פאסטען דריי טעג.

אויסגעהערט דעם פּסק, האָט זיך דער עולם אויסגעדרעהט צום טיר, און איז אוועק אהיים.

אז דער טומעל איז אריבער, האָט זיך מאיר׳ל׳ס מאַמע געכאַפּט, אז איהר איינציג קינד איז ניטאָ. איז די שרעק געקומען פון אן אומבאקאַנטען אָרט און געסטראַשעט דער צוטראָגענער מאַמען, אז אן אומגליק הייננגט איבער איהר.

איז זי אוועק צו די שכנים, און זי האָט ארויסגעשריען מיט וועהטאָג, אז איהר מאיר׳ל איז ניטאָ. האָט זיך געכאַפּט חוה׳לעס מאַמע, אז איהר טאָכטערל איז אויך ניטאָ.

האָבען זיך גענומען פאַרשפּרייטען פורכטבארע קלאַנגען, אז

בייזע גייסטער שוועבען ארום איבער'ן שטעטעל. דעם היילִיגען טלית־זאק האָבען זיי פארשלעפּט, און צוויי קינדער פּעהלען אויך. אין יעדען שטייף געוואָרען די האָר אויפ'ן קאָפּ פאר שרעק, און מאַמעס האָבען זיך גענומען ארומקוקען צי זייערע קינדער זיינען דאָ.

האָבען די ווייבער מורא געהאַט צו געהן זוכען די פארשוואונ־דענע קינדער, און די מאנסבילען זיינען געגאנגען.

דערווייל איז אָנגעקומען די נאכט און פארדעקט דעם דרויסען. האָט מען די קינדער ניט געקענט געפינען, און זייערע מאַמעס האָבען ניט געקאָנט רוהען, זיינען זיי אומגעלאָפען מיט א לאמ־טערן אין דער פינסטערניש און גערופען די קינדער, ביז זיי זיינען הייזעריג געוואָרען.

שפּעט ביי נאכט, אז אלע האָבען שוין געשלאָפען, א חוץ די צוויי אומרוהיגע מאַמעס, האָבען זיך די קינדער אריינגעשלייכט יעדער אין זיין הויז. און אז זייערע מאַמעס האָבען זיי דערזעהן, האָבען זיי זיך דערפרעהט, ווי אין מיטען נאכט וואָלט טאָג געוואָרען.

— וואו ביזטו געווען, מיין זוהן? — האָט מאיר'ס מאַמע גע־פרעגט איהר בן יחיד.

— מיר זיינען געגאנגען גראָבען זאמד.

— אויף וואָס דארפסטו זאמד?

— איך ווייס ניט, חוה'לע האָט געהייסען.

— און וואו ביזטו געווען אזוי שפּעט?

— מיר האָבען מורא געהאַט קומען אהיים, ווייל מיר האָבען פארלאָרען די זעקעלעך.

— וואָס פאר א זעקעל האָסטו געהאַט?

— דעם זיידען'ס טלית־זעקעל.

— אוי, וועה איז מיר! — האָט די מאַמע גענומען ברעכען די הענט.

— דאָס האָסטו אָפּגעטאָן אזא שלעכטע זאך? פארשעמט דעם זיידען'ס טלית־זאק און איבערגעשראָקען א שטאָט מיט מענ־שען. אוי, אזא זינד!

האָט מאיר'ל דערפיהלט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, און זיין

חוטה האָט מיט אונזעהבארע צוואנגען געצווינגען זיין הערצעל. האָט ער זיך צוואויינט, און צוגעזאָגט דער מאַמען, אז מעהר וועט ער דאָס קיין מאָל ניט טאָן. און מאירל'ס מאַמע האָט געוואוסט, אז א בעל תשובה האָט גאָט ליעבער ווי א צדיק, האָט זי איהם פאַר־געבען און איהם געלעגט שלאָפען אזוי צערטליך ווי א מאַמע קען.

דאָך האָט מאיר'לען געציטערט דאָס הערצעל, און זיין זינד איז איהם געשטאַנען פאַר די אויגען ווי א שד וואָס איז ארוים פון איהם.

4.

אז מאיר'ל איז איינגעשלאָפען האָט זיך איהם גע'חלום'ט, אַז ער זעהט ווי עס פליהען ווייסע פויגעל פון'ם זיידענס טלית־זאַק, און זיי וויינען אין דער נאכט אזוי מורא'דיג, אז ער ווערט פאַר־גליווערט פאַר שרעק.

האָט ער זיך געמאַטערט אויסצושרייען, און ניט געקענט. ביז ער האָט זיך אויפגעכאפּט און א געשריי געטאָן:

— מאַמע!

האָט ער באַלד דערזעהן די מאַמע לעבען זיך, און איהם איז לייכטער געוואָרען. האָט ער זי געפרעגט:

— א יאָ, מאַמע, זיי וויינען ניט?

— ווער? — האָט זיך די מאַמע געוואונדערט.

— די פויגעל.

— וועלכע פויגעל?

— פון'ם זיידענס טלית־זאַק.

— האָסט געזעהן די פויגעל, מיין זוהן?

— יאָ, כ'האָב געזעהן.

אז די מאַמע האָט דאָס דערהערט, האָט אַן אונזעהבארע גע־שטאַלט איהר א זאָג געטאָן אין אויער:

— דאָס קינד איז א למד ואו.

האָט די מאַמע באַלד אויפגעוועקט דאָס הויז־געזינד און זיי

דערצעהלט, אז מאיר'ל האט געזעהן די פויגעל פון'ם זיידענס טלית־זאק.

זיינען אלע געלאפען קוקען אויף איהם, און זייערע בליקען, געשיקט פון גלויבען, האבען געבראכט א שטראם מיט הייליגקייט אויפ'ן קינד. איז ער געווארען א גרויס וואונדער.

קיינער האט ניט זוכה געווען צו זעהן די הייליגע ווייסע פויזינט רב אברהם'ס צייטען, און מאיר'ל האט זיי געזעהן! זיינען אלע אריין אין גרויס התפעלות.

האט דער זיידע באטראכט מאיר'לען מיט גרויסער עהרפורכט און אנגעזאגט אז מען זאל איהם אנטאן גרויס כבוד, ווייל דאס קינד איז אן עלוי.

האט זיך דאס הויז־געזינד געפרעהט, וואס זיי האבען זוכה געווען צו האבען אזא קינד אין דער משפחה, און מאיר'ל אליין האט וועגען זיין גרויסקייט ניט געוואוסט, ווי דער רעגען ווייס ניט וועגען זיין וויכטיגקייט.

אויף מארגען אז די מאמע איז ארויס מיט מאיר'לען אין גאס, זיינען אלע געלאפען קוקען אויף איהם. דאס האט מאיר'ל ניט פארשטאנען און געפרעגט די מאמען:

— מאמע, זאג, וואס קוקען אלע אזוי אויף מיר?

האט זיין מאמע געטראכט: ווי באשיידען אמת'ע צדיקים זיינען, אז זיי וואונדערן זיך, פאר וואס מען פארהייליגט זיי. און זי האט פארשטאנען, אז מאיר'ל אליין ווייס ניט, וואס פאר א נשמה ער טראגט אין זיך. האט זי איהם ערקלערט, אז אין זיין נשמה האט זיך צוזאמענגעקליבען די גרויסקייט פון דורות, און אז ווען מען קוקט אויף איהם, זעהט מען גאט'ס וואונדער, ווי ער גיסט איבער די נשמות פון איין געשטאלט אין א צווייטער, ווי ווייןן פון איין קרוג אין'ם אנדערען.

— און חוה'לע האט ניט אזא נשמה ווי איך? — האט מאיר'ל געפרעגט.

— דאס ווייס מען נאך ניט, מיין זוהן.

— איך וויים, זי האָט מיך געמאַכט זעהן, וואָס איז אונטער דער ערד, און אויפ'ן הימעל.

—ווי אַזוי, מיין זוהן?

— ווייל זי האָט מיך געפרעגט.

— אַזוי! — האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן מיט ענטציקונג, זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, און ווידער געזאָגט:

— הפנים אין פרעגען איז אויך דאָ אַ סך גרויסקייט. אַ פּראָסטער מענש פרעגט קיין מאָל ניט, איהם איז אַלץ קלאָר. ביזט געראָכט, מיין קינד, חוה'לע איז ניט קיין געוועהנליך קינד. גאָט האָט איהר געשאָנקען אַ גרויסע נשמה.

— טאַקע? — האָט מאיר'ל אויסגעשריען, און אַרומגעכאַפּט זיין מאַמען. ער האָט אַליין ניט געגלויבט, וואָס ער האָט דאָ אויפגעטאָן.

— דו מוזט זיך אָבער האַלטען ווי אַ בר דעת, מיין זוהן, ניט ווי די אַנדערע אינגלאַך — האָט איהם די מאַמע געלערנט.

— יאָ, מאַמע, — האָט ער איהר צוגעזאָגט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך, ער זאָל אויסזעהן אַנדערש ווי אַנדערע אינגלאַך.

פון דעמטוועגען האָט ער אויסגעזעהן אַנדערש, ווייל מען האָט געקוקט אויף איהם מיט אַנדערע אויגען.

5.

האָט מאיר'ל אויף זיך געטראָגען די גרויסקייט פון דורות, און געוואָרפען אַ פּחד אויף די איינוואוינער פון שטעטעל.

אַז מען האָט איהם געוואָרפט פיהרען אין חדר, האָט איהם זיין זיידע, דער דיין, געטראָגען איינגעוויקעלט אין אַ טלית, און דאָס גאַנצע שטעטעל איז נאָכגעגאַנגען אין אַ הייליגער פּראָצעסיע.

נאָר קיינער האָט ניט געוואוסט אַ חוץ חוה'לען אַליין, וואָס פאַר אַ פרייד זי האָט געטראָגען אין איהר יונג הערצעלע.

זי האָט דאָך זוכה געווען צו הערען פון זיין מויל זיין גרויסע

חכמה, און זי האָט זיך געהאַלטען פאַר ניט אַבי ווער, ווייל פאַר וואָס האָט ער ניט אויסגעקליבען אַן אנדער מיידעלע צו לאָזען הערען זיינע רייד?

האָט זיך חוה׳לע געפרעגט פאַרשידענע קשיות, וואָס זי געהער זיך אָן צו מאיר׳לען, און איהר פרייד איז אַלץ טיפער געוואָרען. האָט זיך איהר פנים׳ל געוויטעלט און איהר סוד האָט אַרויס־געלויכטען פון איהרע פאַרטראַכטע ברוינע אויגען, ביז מאיר׳ל האָט איהם דערפיהלט אין איהר בליק.

אַז מאיר׳ל איז אויסגעוואַקסען און געוואָרען אַ רב, איז חוה׳לע געוואָרען זיין רבי׳צין.

האָט זי אויפגענעהט אַ טלית־זאַק פאַר איהם, איז עס געווען אַזוי שעהן, אַז קיינער האָט ניט געגלויבט, מענשליכע הענט זאָלען דאָס קאָנען מאַכען. לעבעדיגע ווייסע פויגעל זיינען געפלויגען אויף איהם, און וועד עס האָט געקאָנט פאַרשטעהן פויגעל־שפּראַך, דעם האָבען די פויגעל דערצעהלט שעהנע מעשיות.

האָבען זיך די מעשיות פאַרשפּרייט צווישען די איינוואוינער פון שטעטעל, און זיי זיינען געוואָרען וואָס אַמאָל גרעסער און שעהנער.

ווי פליסענדע קוואַלען, וואָס מען ווייס ניט פון וואַנען זיי קומען און וואוהין זיי געהען, האָבען זיך געצויגען די מעשיות פאַר דור דורות...

קינדער פון שטאָט.

1.

גערעטען אין דער מאַמען.

דוד'ל האָט ליעב געהאט צו שטעהן ביי די טרעפּ פון עלעוויי־טער און קוקען, ווי מענשען געהען ארויף און אראָפּ. ער פלעגט זיי מקנא זיין, וואָס זיי פאָהרען דאָרט אויבען אויף אזא הויכען וואונדערבארען בריק.

זיין שעהנע מאמע פלעגט זעהר אָפט פאָהרען דאון־טאון מיט'ן עלעווייטער, נאָר איהם פלעגט זי איבערלאָזען מיט'ן טאַטען אין הויז.

איין מאָל איז זיין מאמע ניט געקומען אהיים ביז אויפמאָרגען. און זיין טאַטע האָט ניט געקאָנט שלאָפען בייגאכט און האָט זיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער אנדערער. האָט דוד'ל אויך ניט געקאָנט שלאָפען און פארפיהרט אַ געשפּרעך מיט'ן טאַטען:

— פאפא, וואו איז מאמא?

— דאון־טאון.

— די גאנצע נאכט?

— יאָ, זעהסט דאָך.

— זי שלאָפט דאָרטען?

— מסתמא.

— ס'איז דען דאָ בעטען דאון־טאון?

—ס'איז דאָ.

האָט זיך דוד'ל געוואונדערט. ער ווייסט, אַז דאָרט זיינען דאָ לעקטשורס און קאָנצערטען, אָבער, אַז בעטען זאָלען דאָרטען זיין, איז איהם ניט איינגעפאלען. נאָר אַז אַ פאפא זאָגט, איז אמת, ווייל דער פאפא ווייס אלצדינג. ער ווייס אפילו, ווי מען

מאכט ברויט, וואָס דאָס ווייס זיין קאָזין סעם אויך ניט. כאָטש ער איז שוין צעהן יאָהר אַלט, און ווייס שוין אַ סך זאַכען.

אַז דער פּאַפּאַ ווייס שוין יאָ אַלצדינג, האָט דוד געפרעגט: ווי אַזוי מען פאָהרט דאון־טאון.

מען געהט אַרויף אויף די טרעפּלעך, מען באַצאָהלט אַ ניקעל, מען געהט אַריין אין עלעווייטעד און מען פאָהרט. האָט איהם דער פּאַפּאַ ערקלערט.

האָט זיך דוד'ל געוואונדערט. ווי גוט זיין פּאַפּאַ ווייס, און האָט איהם געבעטען אַ ניקעל, וועט ער פאָהרען דאון־טאון.

— קליינע אינגלעך קאָנען ניט פאָהרען, — האָט דער פּאַפּאַ איהם אָפּגעהאַקט די פליגעל.

— טאָ פאָהר דו מיט מיר, — האָט דוד'ל געבעטען.

— נאָך וואָס? — האָט דער פּאַפּאַ געפרעגט.

האָט זיך דוד'ל געוואונדערט, וואָס דער פּאַפּאַ דאַרף נאָך האָבען נאָך וואָס אויך; דאָס פאָהרען אַליין איז איהם ניט גענוג. מכתּמא ווייס דער פּאַפּאַ ניט, ווי גוט עס איז צו פאָהרען. אַז ער וואָלט זיך איינמאָל אָנגעהאַנגען אָן אַ וואָגען פון הינטען, ווען דער פּוהרמאַן זעהט ניט, וואָלט ער געוואוסט, ווי גוט עס איז צו פאָהרען.

אַזוי ווי עס האַלט מיט'ן פּאַפּאַ, האָט דוד'ל געוואוסט, אַז ער וועט ניט ווערען פאָהרען, האָט ער באַשלאָסען בעטען דער מאַמען, זי זאָל איהם מיטנעמען ווען זי פאָהרט.

אַז זיין מאַמע איז אַ היים געקומען, איז דער פּאַפּאַ געווען ברוגז מיט איהר, האָט דוד'ל ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס. האָט ער געפרעגט די מאַמע, האָט זי איהם געזאָגט, אַז קליינע אינגלעך דאַרפען דאָס ניט וויסען. האָט זיך דוד'ל געפיהלט באַליידיגט, און אַ זאָג געטאָן:

— טאָ נעם מיך מיט דאון־טאון, איך וויל אויך פאָהרען אויפ'ן עלעווייטעד.

איז דער מאַמען געפעלען געוואָרען איהר זון'ס ברוגז פּנים'ל און זי האָט איהם צוגעזאָגט מיטצונעמען.

דער גליקליכער טאָג איז געקומען. די מאַמע האָט איהם

אויסגעפּוצט אין זיין בלויען סאַמעטענעם אנצוג, און ער איז גלייך מיט איהר געגאנגען צום עלעווייטער.

ביים ארויפגעהן די טרעפּ האָט ער זיך אומגעקוקט צי אונטען שטעהען ניט קינדערלאך, וואָס זאָלען איהם זעהן אין זיין מדרגה. איז פון יענער זייט געשטאַנען אַ מיידעלע, האָט ער שטארק חשק געהאט זי זאָל איהם זעהן, נאָר זי איז געווען פארטאָן אין אַ הויפען ניסעלעך, און איהר איז ניט איינגעפאַלען אומצוקוקען זיך אויף איהם. איז ער געגאנגען אויף די טרעפּ און געקוקט צו איהר, ביז די מאמע האָט איהם אַ שלעפּ געטאָן:

— קום שוין! וואָס זעהסטו דאָרט?

האָט דוד׳ל ניט געקאָנט פארטרויען דער מאַמען, וואָס ער זעהט דאָרט, און ער האָט שוין מעהר נישט געקוקט אהין. ער האָט זיך באַמיהט צו געהן אזוי הערליש ווי די מאַמע.

ארויפגעגאנגען אויפ׳ן פּלאַטפאָרם, איז באַלד געקומען צוּלוי־פען די באַהן. האָט זיך דוד׳ל געוואונדערט: פון וואַנען האָבען זיי געוואוסט צו שיקען דעם עלעווייטער גלייך ווי ער מיט דער מאַמען זיינען ארויפגעקומען? און ער האָט באַהאַלטען די פראגע פאַר זיין פּאַפּאַ, וועלכער ווייס אַלצדינג.

אין וואַגאָן האָט זיך דוד׳ל געפיהלט ווי אין אַ נייער וועלט. באַלד האָבען איהם אַ בליאסק געטאָן אין די אויגען די שעהנע בילדער אויף די אדווערטייזמענטס. האָט ער ניט געוואוסט, וואו פריהער צו קוקען. דערווייל האָט איהם די מאַמע אוועקגעזעצט נעבען זיך, און די באַהן האָט זיי דערלאַנגט אַ שלעפּ און זיך גע־לאָזט לויפען. האָט דוד׳ל דערזעהן דורך דעם אָפענעם פענסטער, ווי די הייזער פליהען פארביי און ער האָט זיך צולאַכט פאַר שמחה. האָט ער זיך ארויסגעבויגען פון פענסטער, און די מאַמע האָט איהם צוגעהאַלטען פאַר אַ פּיסעל, ער זאָל זיך ניט ארויסגלי־טשען, דער שטיפער.

האָט דוד׳ל אַלע מאָל אויסגעשריען פאַר פרייד, ווען ער האָט דערזעהן דורכ׳ן פענסטער, דאָ אַ טייך, דאָ ריזיגע קופּערנע קעסלען

און דאָ עפּעס אַנדערש, האָט זיין קול'כעל ווי אַ זילבערנער גלעקעל אַלע ווײַלע געקלונגען.

געקומען דאַון־טאַון, האָט איהם די מאַמע אַראָפּגעפיהרט פון די טרעפּ, און ער האָט באַלד דערזעהן אַ שעהנעם ווייסען טויער, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי דער טויער וואָס זיין פּאַפּאַ מאַכט איהם פון זיינע בלאָקס, נאָר אַ סך גרעסער.

אַז די מאַמע האָט איהם געפיהרט איבער די גאַסען, האָט ער דערזעהן אַזעלכע גאָלדענע הענדעלעך וואָס האָבען גע־טאַנצט, ווען דער מאַן האָט געצויגען ביי אַ ספּראַנזשינע. האָט דוד'ל געוואָלט זיך אָפּשטעלען דערביי, האָט איהם די מאַמע ניט געלאָזט. און אַז אַ מאַן איז געשטאַנען ביי אַ פּושקאַרט מיט שעהנע מעסערלעך, שערלאַך, שפּיגעלעך, און נאָך אַזעלכע זאַכען און ער האָט געבעטען, מען זאָל קויפען, האָט זיך דוד'ל פאַראינטע־רעסירט אין דעם, נאָר די מאַמע האָט ניט געוואָלט וויסען דערפון און האָט איהם געפיהרט ווייטער ביז זיי זיינען געקומען אין אַ רעסטאָראַן.

אין רעסטאָראַן איז שוין מעהר קיין „פאָן" ניט געווען. אַ סך טאַטעס האָבען זיך ארומגעקליבען ארום זיין מאַמען און האָבען די גאַנצע צייט גערעדט צו איהר. האָט דוד'ל אפילו ניט געקאָנט פרעגען די מאַמע, צי ס'איז אמת, אַז דאַון טאַון זענען דאָ בעטען, ווייל אַז ער איז געקומען פּנים אל פּנים מיט דאַון טאַון, האָט ער אַזאַ זאַך ניט געקאָנט גלויבען.

נאָר עסען איז יאָ דאָ דאַון טאַון. מען האָט זיי געגעבען עסען אַ סך גיכער ווי ווען מען קומט צו דער טאַנטע צו גאַסט...

אַזוי לאַנג ווי דוד'ל האָט געגעסען, איז ער נאָך געווען צופ־ריעדען. נאָכדעם איז איהם אומעדיג געוואָרען. ארויסגעהן אין דרויסען קוקען אויף שעהנע זאַכען, האָט איהם די מאַמע ניט גע־לאָזט. און אין רעסטאָראַן האָט ער ניט געהאַט וואָס צו טאָן, איז ער געזעסען אַ ווײַלע, געטראַכט וועגען די גאָלדענע הענדעלעך וואָס טאַנצען, און אַ זאָג געטאָן:

— מאַמע, איך וויל אַהיים.

— וואָס איילסטו זיך? דיינע געשעפטען געהען דאָרט אונ־טער? — האָט די מאַמע געפרעגט, קוקענדיג האַלב צו איהם, האַלב צו די פרעמדע טאַטעס.

איז דוד׳ל געזעסען און געשוויגען נאָך אַ ווײַלע, נאָכדעם האָט ער אַ מאָן געטאָן:

— צו גיב מיר עסען!

האָט זיך די מאַמע צולאַכט:

— האָסט דאָך ערשט געגעסען! געה, דו ווייסט ניט, וואָס דו ווילסט.

— איך ווייס יאָ, איך וויל אהיים. — האָט זיך דער קליינער געהאַלטען ביי דאָס זייניגע.

— געה ביזט אַ שלעכטער אינגעל! מעהר וועל איך דיר ניט מיטנעמען.

— וועל איך פאָהרען אליין, — איז דוד׳ל געפאַלען אויף אַ פּלאַן, און האָט זיך דערמאָנט, אז ער ווייס שוין ווי צו פאָהרען, קאָן ער שוין פאָהרען אליין אהיים.

האָט ער שוין ביי דער מאַמען גאָר נישט געמאָנט. ער האָט אָבגעוואַרט ביז די מאַמע איז געוועזן פאַרטאָן אין אויסהערען די טאַטעס ארום איהר, און ער האָט זיך ארויסגע׳גנב׳עט פון רעס־טאָראַן.

אז דוד׳ל איז געבליבען אליין אין גאַס, האָט ער זיך דערפיהלט, ווי אַ גרויסער מענש, וואָס קאָן טאָן, וואָס ער וויל. האָט ער זיך ניט געאיילט צום עלעווייטער, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדען פושקאַרט. באַטראַכט די שעהנע זאַכען און גרויס הנאה געהאַט פון דער וועלט.

אז ער איז צוגעקומען צום מאַן מיט די גאָלדענע הענדעלעך, האָט איהם דער מאַן געלאָזט נעמען אַ הענדעלע אין האַנד און אַ ציה טאָן פאַר׳ן ספּראַנזשינע, האָט דאָס הענדעלע געטאַנצט און דוד׳ל האָט ארויסגעלאָזט אַ קוויטש פון ענטציקונג. נאָכדעם איז

געקומען דער פּראָבלעם ווי אזוי קויפט מען עס אָפּ, אז עס קאָסט צעהן סענט.

האָט ער אריינגעטאָן די הענד אין די קעשענעס, און ארויס־געשלעפּט א פּאַראָסטען שרייפּעל פון א בייסיקעל. ביי איהם איז דאָס געווען א טייערע זאַך, נאָר דער מאַן פון די הענדעלעך האָט ווייניג געהאַלטען דערפון. איז וואָס טוט מען?...

האָט ער אראָפּגענומען זיין ווייסע פּאַנאַמע הוט און געוואָלט געבען דעם מאַן פאַר'ן הענדעלע. האָט דער מאַן ניט גענומען.

— דיין מאמע וועט זיך בייזערען — האָט ער געזאָגט.

האָט דודל געמוזט אוועקגעהן אָהן דעם הענדעל, און ס'איז איהם געוואָרען אומעדיג אויפ'ן הארצען.

ער האָט זיך אָבער באַלד געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אז ער וועט זיין א גרויסער, וועט ער דערפאַר אויסקויפען אַלע הענדעלעך. האָט ער א פּרעהליכען שפּרונג געטאָן, און איז ווייטער געגאַנגען לאַנגזאַם זיך אומקוקענדיג אויף אַלסדינג, וואָס ער האָט געזעהן.

צום עלעווייטער איז דודל ארויפגעגאַנגען צוזאַמען מיט א סך מענשען, איז דעם בעאַמטען ניט איינגעפאַלען, אז אימיצער פון די מענשען איז ניט דודל'ס א מאמע אָדער א טאַטע, האָט ער איהם ניט אָפּגעשטעלט, כאָטש דער קליינער האָט זיך אוועקגע־שטעלט נעבען איהם, און איהם אָנגעזאָגט די שמחה, אז ער קאָן שוין פאָהרען אַליין אהיים.

איז דודל זיך אריין אין באַהן און זיך צוגעהאַלטען ביי דער טיר. ווייל קיין פּלאַץ צו זיצען איז ניט געווען. האָט ער געזעהען, ווי א סך מענשען האַלטען זיך צו צו די לעדערנע רימענס, און ער האָט דאָס אויך געוואָלט טאָן; נאָר צו דעם האָט ער געדאַרפט דעם פּאַפּאַ, ער זאָל איהם אויפהויבען... און אז דער פּאַפּאַ איז ניט גע־ווען, האָט ער געקוקט צו די רימענס ארויף און געטראַכט אז ער וואָלט ניט וועלען זיין דעם קאָנדוקטאָר'ס אינגעל, ווייל ער האָט אזוי פיעל רימענס צו שמייסען. און דודל'ען האָט פאַרדראָסען פאַר דעם קאָנדוקטאָר'ס קינדער. נאָר ער האָט זיך באַלד געטרייסט,

ווייל ערשטענס זיינען זיי דאָ ניטאָ, און צווייטענס קאָן מען די רי־מענס ניט אראָפּנעמען. איז אָבער די פראגע, ווי אזוי האָט מען זיי דאָרט אַנגעטאָן? נו, דאָס וועט ער פרעגען דעם פּאפּאַ.

איז דוד'ל געפאָהרען אזוי לאנג, ביז א סך מענשען זיינען ארוים פון באהן, און ס'איז שוין געווען וואו צו זיצען. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און איז געזעסען ביז אלע זיינען ארוים.

אז די באהן איז געבליבען ליידיג און דוד'ל איז זיך געזעסען אליין, איז דעם קאָנדוקטאָר געוואָרען אויפפאלענד. איז ער צוגעגאנגען צו דוד'לען און איהם געפרעגט:

— וואו איז דיין מאמע, אינגעלע?

— דאון טאון, — האָט דער קליינער געענטפערט רוהיג.

— און דיין פּאפּא?

— אין דער היים.

— טאָ וואו פּאָהרסטו דאָס אליין?

— אהיים.

— וואו איז דיין היים?

— ביי מיין פּאפּא.

— וואו וואוינט דיין פּאפּא?

— ביי אונז אין הויז.

— וואו איז אייער הויז?

— אין דער היים.

האָט שוין דער קאנדאַקטאָר געזעהן, אז ער האָט שוין דאָ דעם ריכטיגען חברה־מאַן, וואָס קאָן פּאָהרען אליין אהיים, און ער האָט איהם אַוועקגעפּעקעלט אין פּאָלים סטיישאָן.

האָט דוד'ל גאָר ניט געהאט דאגעגען. ער האָט באלד דער־צעהלט דעם פּאָליסמאַן, אז ער קאָן שוין פּאָהרען אליין אהיים. און דער פּאָליסמאַן האָט געמאכט א מינע פון באוואונדערונג. האָט דוד'ל דערזעהען, אז ער האָט דאָ זיינעם אן אנהייגגער, האָט ער איהם דערצעהלט, אז זייער קאַץ האָט זיך געקעצעלט, און די קע־

צעלעך האָבען ניט קיין אויגען. האָט זיך דער פּאָליסמאַן ווידער געוואונדערט, און דוד'ל איז געווען צופריעדען.

אז ער האָט זיך באקאנט מיט די קינדערלעך אין פּאָליס־סטיישאָן, האָט ער זיי באלד געפרעגט, צי זיי קאָנען שוין פאָהרען אליין אהיים. האָבען זיי זיך מודה געווען, אז ניט. האָט ער א זאָג געטאָן מיט שטאָלץ:

— איך קאָן!

האָבען זיי זיך געוואונדערט און געפיהלט, אז ער איז ניט אבי ווער.

האָט ער זיי געוויזען, אז ער קאָן זיך איבערקולענען. זיינען זיי נאָר געבליבען פארגאַפט. האָט ער זיי אויך געוויזען, ווי ער קאָן שפּרינגען אויף איין פוס, קוקען אויף איין אויג, און זיין פער־זענליכקייט איז אלץ מעהר געוואקסען אין זייערע אויגען, ביז וואַנען זיין מאמע איז ארייגעקומען נאָך איהם, און ער איז געבליבען אביסעל צומישט, נאָר ער איז באלד צו זיך געקומען, איז ער איהר אקעגען געלאָפען אויסשרייענדיג:

— מאמע! דער קאָנדוקטאָר האָט מיך ניט געלאָזט פאָהרען אהיים!

— ווער האָט דיך געהייסען פאָהרען אָהן דער מאמען? — האָט זי איהם געפרעגט.

— איך וויים, ווי צו געהן אהיים!

— איך זעה טאקע, ווי דו ווייסט — האָט די מאמע געזאָגט און א שמייכעל געטאָן צום פּאָליסמאַן, האָט דער פּאָליסמאַן צוריק געשמייכעלט. האָט זי זיך א ווײַלע פאררעדט מיט איהם, וואָס דוד'ל האָט ניט פארשטאַנען. האָט ער אויסגענוצט די געלעגענ־הייט, וואָס די מאמע איז פארנומען, און זיך ווידער גענומען ווייזען זיינע קונצען פאַר די קינדער.

האָט איהם די מאמע א שלעפּ געטאָן פאר'ן הענטעל און ער האָט געמוזט געהן אהיים. ער האָט אפילו קיין צייט ניט געהאט צו פאַרענדיגען זיין לעצטען קונץ.

איז דאָס איהם גאַר ניט געפעלען געווען. ער האָט דערפיהלט, אַז די מאַמע איז בייז און ער וועט שוין קריגען אַ פּסק פון איהר.

אַז זיי זיינען אַרוים אין גאַס, האָט זי זיך טאַקע גענומען צו איהם.

— וואַרט, איך וועל דיר געבען, טייפעל, אַז דו וועסט מיר אַנטלויפען פון אונטער די הענד, און איך זאָל דאַרפען אויסלויפען די גאַנצע שטאָדט דיך זוכענדיג! גדיינק! איך וועל דיר שוין מעהר ניט מיטנעמען!

— וועל איך פאַהרען אַליין! — האָט דוד׳ל אַ זאָג געטאָן מיט קוראַזש.

— וועל איך דיך ניט אַריינלאָזען צוריק אין הויז!

— וועל איך וואוינען מיט די קינדערלעך ביי׳ם „פּאָליסמאַן אין הויז" — איז דוד׳ל ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלען.

האָט די מאַמע דערזעהן, אַז ס׳איז שלעכט: דאָס קינד איז זעהר צולאָזען. פון וואַנען נעמט זיך דאָס צו איהם? אין וועמען איז עס געראָטען? אין דעם טאַטען, וועלכער ציטערט אַרוים־צוגעהן פון הויז?

האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דאָס קינד איז געראָטען אין איהר אַליין. זי האָט דען פיינט אומצופאָהרען?

איז איהר זיין צולאָזנקייט ליעב געוואָרען, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פלוצלונג איהר קינד און צוגעדריקט צו זיך.

האָט דוד׳ל ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך. און גע־טראַכט:

„אַ מאָדנע זאַך איז אַ מאַמע..."

.2

דאָס גאָלדענע הענדעלע.

דוד'לס חבר, מאָטעלע'ן, האָט מען געגעהט אַ נייען מאַנטעלע, האָט ער פיינט געהאט דאָס מעסטען, געוויינט מיט ביטערע טרע־רען אויף דעם גלות פון שטעהן גלייך און זיך לאָזען דרעהען אהער און אהין.

דערפאר האָט ער געהאט נחת ווען דאָס מאַנטעלע איז פארטיג געוואָרען. דען אחוץ די שעהנע פערלמוטערנע קנעפּ, האָט עס אויך געהאט צוויי קעשענעס.

האָט מאָטעלע אָנגעטאָן דאָס מאַנטעלע, אריינגעטאָן די הענט־לעך אין די קעשענעס. און איידער די מאמע האָט זיך אומגעקוקט, איז ער שוין געווען אין דרויסען.

אז ער האָט קעשענעס דארף ער דאָך עפּעס אריינלייגען אין זיי. איז ער געגאַנגען און אויפגעקליבען פון דער ערד וואָס עס האָט זיך געמאַכט: בלאָטיגע שטיינדלעך, שטיקלעך ציגאַרען, קעסטלעך פון פּאַפּיראָסען, פארזשאַווערטע שרייפלעך און אנדע־רע ווערטפולע זאכען, ביז די קעשענעס זיינען פול געוואָרען. איז ער ארומגעגאַנגען אָנגעלאָדען מיט אלדעם גוטס, און זיך אָבגעשטעלט ביי די פענסטער פון שפּיעלצייג־קלייטען.

אז ער האָט זיך זאַט אָנגעקוקט איז ער געגאַנגען וויטער, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ ברייטער גאַס, וואו עס פאָהרען קארס, האָט ער דאָרט דערזעהן אין די שוי־פענסטער ליאַלקעס אזוי גרויס ווי מאַמעס. האָט ער זיך געוואונדערט: ווער קען זיך דאָס שפּיע־לען מיט אזעלכע גרויסע ליאַלקעס? מסתמא די טאַטעס. האָט ער זיך גוט איינגעקוקט אין די דאָזיגע גרויסע ליאַלקעס, און זיי זייר־

נען איהם געפעלען געוואָרען. האָט ער געטראַכט: אז ער וועט זיין א טאטע, וועט ער זיך קויפען אזא ליאַלקע. האָט זיך א זיסער שמייכעל צוגאָסען איבער זיין פּנים, און ער איז ווייטער געגאַנגען.

פון דערווייטען האָט ער דערהערט מוזיק פון א קאַטערינקע. האָט דאָס פרעהליכע ליעדעל איהם א ציה געטאָן, און ער האָט זיך געלאָזט לויפען. האָבען זיך זיינע קעשענעס געטרייסעלט, און עס זיינען ארויסגעשפרונגען פון דאָרט שטיינדלעך, קנעפּלעך, קעסטלעך, און נאָך זאכען. פון גרויס איילעניש איז ער נאָך געפאַלען אויך, און זיך אויסגעשמירט די הענד און זיין נייעם מאַנטעל.

נאָר מאָטעלע דערשרעקט זיך ניט פאַר אזעלכע זאכען. האָט ער זיך אויפגעהויבען, און איז ווידער גלאָפען. אז ער איז צוגעקומען צו דער קאָטערינקע, האָט זי פונקט אויפגעהערט צו שפּיעלען. איז ער געבליבען שטעהן אן אָבגענאַרטער. האָט ער א וויש געטאָן מיט'ן שמוציגען הענטעל זיין פאַרשוויצטען שטערען, זיך געמאַכט א שווארצען פּאַס אויפ'ן פּנים, און איז ווייטער געגאַנגען.

מיט אמאָל האָט ער דערזעהן שטעהן א אידען מיט א סך גאָלדענע הענדעלעך, וואָס טאַנצען. האָבען זיינע אויגלעך אויפגעשטראַלט.

וועגען די גאָלדענע הענדעלעך האָט איהם שוין דערצעהלט זיין חבר דוד'ל. יענער האָט זיי אליין געזעהן, אפילו געהאַלטען אין האַנד. און ער האָט איהם אזוי מקנא געווען, איצט זעהט ער זיי אויך.

האָט זיך מאָטעלע דערפיהלט זעהר געהויבען ביי זיך, און איז צוגעגאַנגען נאָהענטער. אפשר וועט איהם דער מאַן פון די הענדלעך אויך לאָזען נעמען א הענדעל אין האַנד.

האָט מאָטעלע אָנגעריהרט א הענדעלע מיט'ן קלייניקען פינגערעל, און דער מאַן האָט איהם געלאָזט. האָט ער שוין גענומען אין האַנד דאָס הענדעלע, א ציה געטאָן פאַר דער ספּאָרנזשינקע, אזוי ווי דער מאַן טוט, און דאָס הענדעלע האָט געטאַנצט.

האָט מאָטעלע זיך פריידיג צולאַכט, אוועקגעשטעלט דאָס

הענדרעלע, און גענומען פארהאנדלען מיט'ן מאן וועגן אפקויפען עס.

— מיסטער הענדרעלע־מאן! ווי פיעל קאסט דאס? — האט מאטעלע אנגעהויבען.

— צעהן סענט — האט דער מאן געענטפערט.

האט זיך מאטעלע פארטראכט א ווײלע, און א זאג געטאן:

— ווייסטו וואס הענדרעל־מאן? גיב מיר א הענדרעלע, און איך וועל זאגען מיין מאמע'ן זי זאל דיר אפגעבען די צעהן סענט.

האט דער מאן ניט געוואלט. האט מאטעלע ווידער געטראכט, און געפונען א נייען פלאן:

— נא דיר מיין נייען מאנטעלע, און גיב מיר דאס הענדרעלע! — האט דער מאן אנפאנגס ניט געוואלט, נאכדעם איז ער איינגעגאנגען אויף א קאמפראמיס, אז ער'ט איהם געבען א הענדרעלע פאר זיין מאנטעלע, נאר זיין מאמע זאל קומען איהם אפגעבען די צעהן סענט, וועט ער איהר צוריק אפגעבען דאס מאנטעלע.

איז מאטעלען די שפעקולאציע זעהר געפעלען געווארען. ער האט באלד דערלאנגט דעם מאן זיין מאנטעלע, געכאפט א הענדרעלע און איז אנטלאפען.

אז ער איז אפגעלאפען א שטיקעל וועג, האט ער ערשט ריכטיג דערפיהלט אז דאס הענדרעלע איז זיינס און האט פאר קיינעם קיין מורא ניט. האט ער זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקעלע, געצווינגען די ספראנזשינקעלע און געקליבען נחת ווי דאס הענדרעלע טאנצט.

אז ער האט זיך גוט אנגעשפיעלט האט ער א טראכט געטאן וועגען ווייזען דער מאמע'ן וואס פאר א טייערע זאך ער האט איינגעהאנדעלט. נאר ווי צו געהן אהיים האט ער ניט געוואוסט.

איז ער צוגעגאנגען צו א פר'נמדע מאמע'ן, און איהר געבעטען זי זאל איהם אהיים פיהרען.

— וואו איז דיין היים? — האט זי איהם געפרעגט.

— לעבען גראסערי.

— וועלכע גראסערי?

— וואו מיין מאמע קויפט.

האָט די פרעמדע מאמע א שמייכעל געטאָן און איהם גע־פרעגט:

— ווי זעהט אוים דער גראָסערי מאַן?

—ער האָט א רויטע באָרד.

האָט שוין די פרעמדע מאמע געוואוסט וואו ער וואוינט, און זי האָט איהם אהיים געפיהרט.

אָהן דעם מאַנטעל, אָן אויסגעשמירטער, מיט׳ן הענדעל אין האנד, האָט זיך מאָטעלע אריינגעלאָזט אין הויז.

— וועה איז מיר! — האָט די מאמע אויסגעשריען ביי דעם אָנבליק פון איהר זוהן.

— וואו האָסטו אהין געטאָן דאָס מאַנטעלע? שעהנער זוהן מיינער! זעה נאָר א פּנים!

— מאמע, זעה! א הענדעלע וואָס טאַנצט! — האָט מאָ־טעלע ארויסגערעדט מיט ענטציקונג.

— אָבער איך פרעג דאָך דיך! וואו איז דיין ניי מאַנטעלע?— האָט זיך די מאמע געערגערט.

— איך וויל ניט דאָס מאַנטעלע, א הענדעלע איז בעסער, זעהסט! ס׳איז פון אמת׳דיגע גאָלד.

איז די מאמע ארוים פון געדולד, א ריס געטאָן דאָס קינד ביי׳ן הענטעל, און א געשריי געטאָן:

— זאָג, וואו איז דאָס מאַנטעלע, אז ניט מאך איך פון דיר אש!

האָט זיך מאָטעלע דערשראָקען און וויינענדיג ארויסגעשטאַ־מעלט:

— ביי׳ן הענדעל־מאַן.

— וואָס׳ער הענדעל־מאַן?

— וואָס פארקויפט הענדעלעך.

— וואו פארקויפט ער?

— אין גאַס.

— אין וועלכע גאַס?

— איך וויים ניט.

האָט די מאמע דערזעהן אַז זי קען קיין טאָלק ניט דערגעהן, איז זי אַוועק און באַשטעלט דעם טאַטען ער זאָל איהם אָנשלאָגען. האָט איהם דער טאטע אָנגעשלאָגען, און מאָטעלע האָט געוויינט.

אַז דער טאַטע מיט דער מאַמע׳ן האָבען איהם געלאָזט אליין, האָט ער זיך פאַרקליבען מיט זיין הענדעל אין א ווינקעלע, געצויגען דאָס ספּראָנזשינקעלע און דאָס הענדעל האָט געטאַנצט. האָט מאָ־טעלע געלאַכט מיט פאַרווײנטע אויגעלעך, זיך געפרעהט מיט דעם געשעפט וואָס ער האָט געמאַכט.

.3

די קליינע הענדלער.

דוד'ל איז ארומגעגאנגען און גע'חלומ'ט וועגען דעם גאָלדע־נעם הענדעלע, וואָס ער האָט געזעהן דאָרן טאָן. ער האָט געהאַל־טען אין איין בעטען דער מאמע'ן זי זאָל איהם געבען צעהן סענט, ביז זי האָט איהם געגעבען. דוד'ל האָט זיך דערנאָך ארויסגעלאָזט אין די גאסען זוכען דאָס הענדעלע.

אז ער איז געקומען צו א ברייטע גאס וואו מען פאַרקויפט א סך שעהנע זאכען, האָט ער דאָרט דערזעהן א סוחר וואָס פאַר־קויפט טרובעלעך.

דער סוחר האָט דערזעהן אז דוד'ל איז ניט גלייכגילטיג צו זיין סחורה, האָט ער איהם גענומען רייצען: ער האָט גענומען שפּיעלען אויף א מעשענע טרובעלע און זיך גוט צוגעקוקט צו איהם, ווייל ער האָט דערשפּירט, אז דוד'ל האָט צעהן סענט.

דוד'ל האָט לאַנג ניט געקענט אריבערטראָגען דעם נסיון, און האָט איינגעהאנדעלט א טרובעלע.

דאַרף ער דאָך ווייזען זיין חבר מאָטעלען, איז ער געגאנגען צו איהם טרובענדיג דעם גאנצען וועג.

ווען ער איז אריין צו מאָטעלען, האָט ער איהם געפונען זיך שפּילענדיג מיט'ן הענדעלע, וואָס ער האָט איינגעהאנדעלט פאַר זיין נייעם מאַנטעלע, איז איהם מאָטעלע אקעגען געלאָפען און אויסגעשריען מיט פרייד:

„זעהסט, דוד'ל! אָט האָב איך שוין א גאָלדענעם הענדעלע וואָס טאנצט!“

דוד'ל איז געבליבען שטעהן ערשטוינט, און באלד א זאָג גע־טאָן:

„אבער איך האב א שעהנע טרובעלע וואס שפּיעלט! גיב מיר דיין הענדעלע, וועל איך דיר געבען מיין טרובעלע".

מאטעלע האט געשאקעלט מיט'ן קעפּעלע אויף ניין, און דוד'ל האט איהם געוויזען ווי זיין טרובעלע קען שפּיעלען.

דערמיט האט ער צורייצט אין איהם די לוסט נאך דער טרובעלע. און אז דוד'ל האט געזעהן אז מאטעלע האט חשק דערצו, האט ער איהם גענומען איינריידען:

„אבער מיין הענדעלע קען קרייהען", איז מאטעלע ביי זיך ניט אראפּגעפאלען.

„לאמיך זעהן, ווי עס קרייהט!" האט דוד'ל געפאדערט.

„ניט איצטער, אין דער פריה קרייהעט עס".

„אבער מיין טרובעלע שפּיעלט אלע מאל", האט זיך דוד'ל באריהמט, און דערלאנגט מאטעלען זיין טרובעלע ער זאל אליין זעהן. האט מאטעלע געטרובעט: „טרו, טרו, טרו!" און גאר א שטארקען חשק געקראגען דערצו.

דוד'ל האט דערווייל גענומען דאס הענדעלע, און ס'האט גע־הייסען אז מען האט זיך געביטען.

דוד'ל איז אהיים געגאנגען מיט א גדולה, זיך געשפּיעלט מיט'ן הענדעלע, ביז עס האט איהם דערעסען. איהם האט שוין פאר־דראסען, וואס ער האט זיך געביטען. נאר איין ליכטיגע האפנונג איז איהם געבליבען. דאס גאלדענע הענדעלע וועט קרייהען אין דער פריה.

דוד'ל האט זיך קוים דערווארט אויף אין דער פריה, און דאס הענדעלע האט ניט געקרייהט.

ער איז אריינגעלאפען צו מאטעלען ער זאל איהם צוריק אפּ־געבען דאס טרובעלע, ווייל דאס הענדעלע קרייהט ניט. האט מא־טעלע ניט געוואלט, ווייל דאס הענדעלע האט שוין ניט געקענט טאנצען, דוד'ל האט עס שוין דארט צורעכט געמאכט.

דוד'ל האט דוקא יא געוואלט דאס טרובעלע און מאטעלע האט ניט נגעגעבען. איז דוד'ל אריין אין כעס און א ווארף געטאן דאס

הענדעלע, האָט זיך עס צובראָכען. דאָס טרובעלע האָט ער אַרויס־געריסען ביי מאָטעלען מיט געוואַלד און איז אַנטלאָפען.

איז מאָטעלע געבליבען וויינענדיג איבער'ן צובראָכענעם גאָל־דען הענדעלע...

אַז ער האָט זיך אַביסעל אויסגעוויינט, האָט ער זיך געטרייסט, אַז מ'עט איהם מאַכען אַ נייען מאַנטעלע, וועט ער עס אויסביי־טען אויף אַ גאָלדען טרובעלע.

אַז דוד'ל איז אַהיים געקומען מיט זיין טרובעלע, האָט ער גע־טרובעט וויפיעל זיין הארץ האָט געגלוסט. נאָכדעם האָט ער אַריינגעקוקט אינעווייניג, און האָט גאָרנישט געזעהן. האָט ער זיך געוואונדערט: ווי אַזוי קען דאָס טרובענען? אַז דאָרט איז גאָר נישט ניטאָ!

איז ער געגאַנגען צו זיין פּאַפּאַ פרעגען:

„פּאַפּאַ, זאָג, ווי קען אַ טרובעלע שפּיעלען?"

„דורך די לופט", האָט דער פּאַפּאַ געענטפערט.

האָט דוד'ל אַריינגעקוקט אין טרובעלע און געזאָגט:

„איך זעה ניט קיין לופט."

„קיינער זעהט ניט קיין לופט."

„טאָ ווי שפּיעלט עס?"

„עס שפּיעלט."

„ווי אַזוי?"

„אַי, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר", איז דער פּאַפּאַ אַרויס פון גע־דולד. און דוד'ל האָט באַשלאָסען, אַז דער פּאַפּאַ ווייס ניט. האָט ער זיך געוואונדערט, אַז אַ פּאַפּאַ וואָס ווייס אַלצדינג, אפילו ווי דער רעגען געהט, זאָל ניט וויסען ווי אַ טרובעלע שפּיעלט. נאָר אַז ער האָט געזעהן, אַז ער קען מיט'ן פּאַפּאַ גאָר נישט מאַכען, האָט ער זיך גענומען אַליין אויסצוגעפינען ווי אַזוי אַ טרובעלע קען שפּיעלען.

די ערשטע זאַך האָט ער אַראָפּגעריסען דאָס הענטעל, ווייל ס'האָט זיך לייכט געלאָזט אַראָפּרייסען. נאָכדעם האָט ער גענומען די מאַמע'ס פּרעס־אייזען און געקלאַפּט דערויף, ביז ער האָט עס

געמאַכט פלאַך ווי אַ ברעטעל. נאָך דעם האָט ער עס געבויגען אהין און אהער, ביז ער האָט עס איבערגעבראָכען איבער העלפט, און אז ער האָט געזעהן אַז ער קען שוין מעהר גאָר נישט מאַכען דערמיט, האָט ער עס ארויסגעוואָרפען דורכ'ן פענסטער. איז ער שוין געווען פארטיג דערמיט.

האָט ער אויסגעזוכט אין קעשענע זיין פּראָסטען שרייפעל פון אַ בייסיקעל און איז אַוועק צו מאָטעלען פאַרפיהרען אַ נייעם האַנ־דעל.

אַז מאָטעלע האָט איהם דערזעהן, האָט ער פאַרגעסען וועגען די עולה וואָס דוד'ל האָט איהם געטאָן, און ער האָט איהם אָקעגען געטראָגען ווייזען אַ רעדעל פון אַ זייגערל וואָס ער האָט געפונען ביים טאַטען אין שופלאָד.

דערזעהן דאָס רעדעל, האָבען ביי דוד'לען אויפגעבליצט די אויג־לעך, און ער האָט באַלד געבעטען:

„גיב מיר דאָס רעדעל, מאָטעלע!"

„איך וויל ניט. דאָס רעדעל איז פון אַ זייגער."

„וועל איך דיר געבען אַ שרייפעל פון אַ בייסיקעל."

מאָטעלע האָט ניט געוואָלט, און דוד'ל האָט שוין ניט גע־קענט רוהען. דאָס רעדעל פון'ם זייגער האָט איהם געלאָקט. האָט ער גענומען איינריידען מאָטעלען אלערליי גליקען. און ס'האָט ניט געהאָלפען.

וואָס זאָל ער דאָ טאָן? ער האָט איהם שוין געוואָלט צוגע־בען אַ סאַמעטענעם קנעפּיל צום שרייפעל. ער האָט איהם נאָך גע־געבען דאָס גרינע שטריקעלע וואָס ער האָט אין קעשענע, פאַר'ן רעדעל, און יענער וויל נאָך אַלץ ניט.

דוד'ל האָט ניט געקענט אריבערטראָגען דעם רייץ פון'ם רע־דעל, און גענומען רייסען ביי מאָטעלען פון האַנט. מאָטעלע איז אריין אין צאָרן און האָט דוד'לען גענומען דראַפּענען דאָס פּנים, ביז עס איז געוואָרען אַ גרויס געשלעג.

אַז מאָטעלע'ס מאַמע איז אָנגעקומען, האָט זי זיי פאַנאַנדער־

געגומען און צוגענומען דאָס רעדעל. האָבען זיי זיך ביידע אויסגע־וויינט און זיינען ווידער געוואָרען גוטע פריינד. וועלען זיי דאָך ניט זיצען ליידיג...

האָבען זיי גענומען טראַכטען וועגען עפּעס אַ נייעם האַנדעל....

.4

א שוועסטערעל.

א זונטאגדיגער פריהמאָרגען. דוד'ל איז געזעסען אויפ'ן בעט און האָט שטארק רחמנות געהאט אויף זיך, וואָס ער וועט היינט דארפען טראָגען זיין ווייסען אנצוג, און די מאמע וועט איהם היטען ער זאָל ניט זיצען אויף דער ערד, ניט רייטען אויף מאָטאלעס הונט, ניט באגיסען זיך ביים עסען, און נאָך אזעלכע זאכען, האָט ער מקנא געווען דער קאַץ, וואָס זי טראָגט אלע מאָל שווארצע קליידער, און זי מעג זיצען אויף דער ערד, און טאָן וואָס זי וויל...

מיט אמאָל האָט זיך געעפענט די טיר, און זיין חבר מאָטעלע איז אריינגעלאָפען אָהן אַן אטעם.

האָט דוד'ל דערפיהלט, אז דאָ קומט א גרויסע בשורה, און דאָס הערצעל האָט איהם א ציטער געטאָן.

„דוד'ל" — האָט מאָטעלע אויסגעשריען — „קום, וועסטו איהר זעהן!"

„וועמען?" — האָט זיך דוד'ל געוואונדערט.

„מיין שוועסטערעל!"

„וואו האָסטו גענומען א שוועסטערעל?"

„דער דאָקטאָר האָט איהר געבראכט, אין מיטען דער נאכט. אוי, זי איז אזוי קליין!"

איז דוד'ל א בעלן געווען איהר צו זעהן, און האָט באלד אָנ־גענומען מאָטעלע'ס איינלאדונג.

אז זיי זיינען אריין צו מאָטעלען אין הויז, האָבען זיי פאר שמחה אָפען געלאָזט די טיר, און די ווארטספרוי האָט זיך גענומען קריגען מיט זיי דערפאר; נאָר זיי האָבען איהר גאָר ניט געהערט, און זיינען געלאָפען צו דער שוועסטערעל.

מאָטעל האָט צוגעפיהרט דוד'לען צום בעט, און דוד'ל איז גע־בליבען ערשטוינט. אנשטאט דער קליינער שוועסטערעל האָט ער

גאַר דערזעהן דאָרט די גרויסע מאמע, און ער האָט זיך שוין גע־וואָלט אויסדרעהען צו דער טיר, האָט מאַטעלע איהם געוויזען א ווינקעל פון בעט, וואו עס איז געלעגען אויף א קישען דאָס קליינציג נפש׳ל.

אז דוד׳ל האָט עס דערזעהן האָט ער גאָר אָנגעקוואָלען, און מאַטעלע האָט זיך געריבען דעם ארבעל פאר תענוג.

„זעהסט וואָס פאר א שוועסטערעל איך האָב!״ — האָט ער אויסגעשריען מיט נצחון.

האָט דוד׳ל באַשלאָסען, אז ער מוז אויך קריגען אזא שוועס־טערעל, און ער איז אוועק צו דער מאמען מיט א פאָדערונג זי זאָל שוין געהן קריגען פאר איהם א שוועסטערעל אזוי ווי מאַטעלעס.

„וואו זאָל איך איהר נעמען?״ — האָט איהם די מאמע גע־פרעגט.

„בעט דעם דאָקטאָר וועט ער איהר ברענגען, ער האָט יענע אויך געבראַכט״.

„געה דו בעט איהם״ — האָט די מאמע פאָרגעשלאָגען.

איז דאָך דוד׳ל ניט פון די שעמעוודיגע, האָט ער אָפּגעוואַרט דעם דאָקטאָר ביי מאַטעלע׳ס טיר, וועלכע איז געווען אנטקעגען זיין טיר, און איהם געבעטען ער זאָל איהם אויך ברענגען א שוועסטע־רעל, אזוי ווי מאַטעלען. און דוד׳לס מאמע איז געשטאַנען אין איהר טיר, האָט זי זיך איבערגעקוקט מיט׳ן דאָקטאָר און זיך צו־לאַכט.

איז דער דאָקטאָר צוגעגאַנגען נעהנטער צו איהר, און איהר געפרעגט צי דאָס איז איהר זוהן. האָט זי געענטפערט יאָ, און ער האָט זיך געוואונדערט:

„איהר זייט נאָך אזא יונגע! איז דאָס מעגליך איהר זאָלט שוין זיין אזא מאמע?״ איז זי רויט געוואָרען, און אין פארלעגנהייט צוגעטוליעט דוד׳לען צו זיך.

„איך האָב דעם פארגעניגען אייך צו קענען, דאָקטאָר, איך

האָב איך געזעהן אייניגע מאָל אין רעסטאָראַן וואו איך קום אריין", האָט זי געזאָגט מיט אראָפּגעלאָזטע בליקען.

„אזוי?" האָט ער זיך געוואונדערט. „איהר קענט מיך? זעהר שעהן!"

„מיין נאָמען איז סאָניא בירענבוים". האָט זי געזאָגט צוגע־הענדיג נעהנטער צו איהם.

„עס פרעהט מיך אייך צו קענען, מאַדאַם בירענבוים!" האָט ער געזאָגט דריקענדיג איהר האַנט.

איז דוד'ל געשטאַנען לעבען דער מאַמען, אַלץ געוואַרט זי זאָל זאָגען דעם דאָקטאָר וועגען אַ שוועסטערעל, און זי האָט ניט גע־זאָגט, ביז ער האָט שוין גענומען אוועקגעהן צוזאָגענדיג איהר, אז שבת וועט ער איהר טרעפען אין רעסטאָראַן.

„וועט איהר שוין ד אָ ר ט ע ן ברענגען די שוועסטערעל?" האָט זיך דוד'ל אריינגעמישט.

„יאָ ד אָ ר ט ע ן", האָט דער דאָקטאָר געענטפערט שמייכ־לענדיג, און די מאַמע האָט ארויסגעשאָסען אַ געלעכטער.

דוד'ל האָט ניט פארשטאַנען וואָס די מאַמע לאַכט, נאָר מאַ־מעס זיינען דאָך מאָדנע, טאָ וואָס אַרט דאָס איהם? אבי ער'ט האָבען אַ שוועסטערעל אזוי ווי מאָטעלע.

קוים זיך דערוואַרט אויף שבת האָט דוד'ל געוואָלט מיט־געהן מיט דער מאַמען אין רעסטאָראַן העלפען ברענגען די שווע־סטערעל. נאָר די מאַמע האָט איהם בשום אופן ניט געוואָלט מיט־נעמען, האָט דאָס איהם שטאַרק פאַרדראָסען, און ער האָט זיך צעוויינט, האָט איהם די מאַמע גענומען אויס'מוסר'ען אז ס'איז זעהר ניט שעהן אַ בחור'ל ווי ער, וואָס האָרף שוין אין אַ מאָנאַט ארום געהן אין סקול, זאָל אין מיטען דעריבער נעמען וויינען. האָט זיך דוד'ל דערמאָנט וועגען דער סקול און דערפיהלט מעהר פערזענ־ליכקייט אין זיך. ס'איז טאַקי ניט שעהן צו וויינען, האָט ער גע־טראַכט, און זיך געשעמט מיט זיין קינדערשע שוואַכקייט.

איז די מאַמע אוועקגעפאָהרען אין רעסטאָראַן, און דוד'ל איז געבליבען מיט'ן טאַטען אין דער היים. האָט ער געוואַרט דעם גאַנ־

צען אוועגד אויף דער מאמען מיט דער שוועסטערל, ביז דער שלאף האט איהם ארייגגענארט אין בעט.

אז עס האט אנגעהויבען טאגען, האט זיך דוד'ל אויפגעכאפט און ער האט גענומען זוכען מיט די אויגעלעך. אז ער האט קיינעם ניט געזעהן חוץ דעם טאטען, איז ער אונרוהיג געווארען און א פרעג געטאן:

„פאפא, וואו זיינען זיי?"

„ווער?" האט דער טאטע זיך געוואונדערט.

„די מאמע מיט דער שוועסטערל?"

„די שוועסטערל, אזוי ווי מאטעלעס, וואס דער דאקטאר דארף ברענגען אין רעסטאראן".

„וואס רעדט דער אינגעל?" — האט דער טאטע געזאגט צו זיך.

„וואסער שוועסטער'ל?"

האט דוד'ל פרובירט ערקלערען דעם טאטען די מעשה מיט דער שוועסטערל, און דער טאטע האט געזאגט:

„אי, מיין זוהן, דו רעדסט פון שלאף. שא, שלאף בעסער איין". און דוד'ל האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט, איז ער צוריק איינגעשלאפען.

אין דער פריה האט ער זיך אויפגעכאפט פון דעם טאטענס געשרייען, דען ער האט זיך געקריעגט מיט דער מאמען, און כאטש דאס איז פאר דוד'לען קיין נייעס ניט געווען, ווייל אלע מאל, ווען די מאמע פלעגט ניט אהיים קומען די גאנצע נאכט, פלעגט זיך דער טאטע קריגען מיט איהר. פונדעסטוועגען האט דוד'ל זיך דערשראקען. נאר ער האט זיך באלד דערמאנט אן דער שוועסטערל, און איז צוגעלאפען צו דער מאמען.

„נו מאמע, וואו איז זי?"

„ווער?"

„די שוועסטערל!"

„א, לאז צורוה, באלד וועל איך דארפען אוועקפאהרען אויף אלע מאל, און דו וועסט בלייבען מיט דיין פאפא"

„אַהן א מאמע?"

„יאָ."

„ניין, איכ'ל ניט זיין אָהן א מאמע! איך וויל ניט! מאַטעלע וועט האָבען א מאמע און א שוועסטערעל און איך ניט?" — האָט דוד'ל ארויסגעזאָגט מיט א פּרעטענציע, און האָט זיך צעוויינט.

האָט דאָס דער מאַמען גערירט און זי האָט איהם צוגעצויגען צו זיך, און זיך אַליין אויך צעוויינט.

„ניין מיין קינד, איך וועל דיך ניט איבערלאָזען. וואו איך וועל זיין וועסטו זיין, איך וועל דיך מיטנעמען מיט מיר".

„און דעם פּאפּא וועסטו אויך מיטנעמען?"

„ניין, דער פּאפּא וועט בלייבען דאָ"

„און איך וועל ניט האָבען קיין פּאפּא?"

„קום אהער דוד'ל, דו וועסט זיין מיט מיר, די מאמע דארף אונז ניט. זי האָט איהרע באַנקעטען אין זינען, לאָז איהר פאָהרען". האָט זיך דער טאטע אריינגעמישט.

„זי דארף יאָ, איך וויל ניט זי זאָל פאָהרען, איך דארף האָבען א מאמע מיט א טאַטען מיט א שוועסטערעל, אזוי ווי מאַטעלע האָט"

האָט די מאמע א שמייכעל געטאָן, און איהר פארוויינט פּנים האָט אויפגעלויכטען, האָט זי גענומען קושען מאַטעלען, דערפיהלט אז דאָס קינד ערוועקט אין איהר גאָר אנדערע געפיהלען; דער קאמף פאר איהר פערזענליכער פרייהייט האָט איהר אויסגעזעהן נאַריש, וואָס פאר א ווערט האָבען די אַלע פאַרגעניגענס פון באַנקעטען און בעלער, קאָמפּלימענטען און ליבעסרייד קעגען די פרייד פון א רוהיגער היים. און איהר מאַן, אויף ווענען זי איז פריהער געוועזען אזוי אין כעס, וואָס ער לאָזט איהר ניט האָבען די אַלע פוסטע פאַרגעניגענס, איז איהר ליב געוואָרען. אזא נאָהענטער מענש, האָט זי געטראכט, דער טאטע פון איהר קינד. וואָס וויל זי פון איהם? די אַלע בחורים וועלכע קלייבען זיך ארום איהר, וואָס זיינען זיי קעגען איהם, דעם עהרליכען, דעם גוטען? זיין הארץ איז אַזוי ריין, אז ער איז אזא ליבער, הלואי זאָל איהר די פּוסטקייט

ווידער ניט באפאלען און פאריאגען ערגעץ צום רוישיגען לעבען. האט זי געבעטען גאט, און געפיהלט ווי צו האלטען זיך צו איהר מאן און אנצופילען איהר הארץ מיט זיין אמת'ע ליבע.

„איסאק!" האט זי אויסגערופען, און א קוק געטאן אויף איהם מיט אזא צערטליכקייט, אז ער איז בערוישט געווארען.

באלד האט זי זיך אויפגעהויבען, איז אריין אין קיך און גע־נומען צוגרייטען א מיטאג מיט א סך גוטע זאכען. און דוד'ל האט זיך וועוואונדערט וואס די מאמע האט געגרייט צום טיש ניט מיט דעם נייעם סעט דישעס, און מיט די זילבערנע גאפעל־מעסער, וועל־כע מען האט נאך קיין מאל ניט באנוצט, האט ער געמיינט, אז געסט וועלען קומען און עס וועט זיין א גרויסע פארדי, נאר קיינער איז ניט געקומען, און מען האט אליין געהאט די פארדי.

פון דאמאלסט אן איז די מאמע מעהר ניט געפאהרען אין רעסטאראן און דער טאטע האט זיך ניט געקריגט מיט איהר.

נאר איין זאך האט איהם געפעהלט צו שטעהן גלייך מיט מאטעלען, דאס איז געווען די שוועסטערעל, וואס דער דאקטאר האט ניט געבראכט...

5.

דער זוהן מיט דער מאַמען

דוד׳ל איז געזעסען מיט זיין חבר מאָטעלען אויף די שטיגען און געהאט א ויכוח מיט איהם וועגען רעגען, אויב גאָט מאכט איהם, אָדער עס רעגענט אליין.

„ווי קען עס רעגענען אליין?“ — האָט מאָטעלע געפרעגט.

„ווי עס קען?“ — האָט זיך דוד׳ל פארטראכט. — „דער הימעל איז מסתמא לעבעדיג, אז דאָרט ווערט א פייער און מען נעמט לעשען, גיסט זיך דורך דאָס וואסער“.

„אוהום“, — האָט מאָטעלע געגעבען א צייכען פון איינשטי־מונג און באלד געמאכט א פאָרשלאג, אז גאָט וואָלט געדארפט מאכען א נייעם הימעל, אויב דער אלטער איז לעבעדיג.

„טאקי אמת“, — האָט דוד׳ל צוגעגעבען און זיך באלד גע־כאפּט, אז עס וואָלט ניט געטויגט. ווייל אז דער הימעל וועט זיין גאנץ און עס וועט ניט זיין קיין רעגען, וואו וועט מען נעמען בלאָ־טעס צו טאַנצען אין זיי?

„דוד׳ל, דיין קאווע ווערט קאַלט!“ — האָט זיי דוד׳ס מאַמע איבערגעשלאָגען. דוד׳ל האָט געמוזט איבערלאָזען זיין חבר און ארויפגעהן טרינקען קאווע.

טרינקענדיג די קאווע, האָט דוד׳ל דערזעהן, ווי זיין מאַמע מישט א טאָרט, און ער האָט שטארק חשק געהאט אריינצוקריכען אין דעם שיטערען טייג, אויב ניט מיט די הענט, איז כאָטש מיט א לעפעל.

אז זיין מאַמע איז אוועק טאָן אן אנדער ארבייט, און איבער־געלאָזען דעם טייג, האָט ער זיך צוגעשארט דערצו און גענומען מישען. דאָס פארגעניגען דערפון איז פאר איהם געווען אזוי

גרויס, אז ער האָט זיך געמוזט טיילען מיט זיין חבר. האָט ער אַרויסגעשלעפּט די שיסעל טייג אויף די שטיגען, און מאַטעלע האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס שמחה.

דוד'ל האָט געגעבען זיין חבר צו מישען דעם טייג, און אַליין איז ער געשטאַנען און אָנגעקוואַלען.

דערווייל האָט זיך זיין מאַמע געכאַפּט אז דער טאָרט איז נישטאָ. וואו האָט ער געקאָנט אַהינקומען? האָט זי זיך געוואונדערט, און בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן.

אז זי איז אין א ווײלע אַרום אַרויס אין קאָרידאָר, האָט זי דערזעהן ווי די צוויי חברים זיצען געשמאַק פאַרטיפט איבער דער שיסעל, פּיאַטשקען זיך אין דעם מיט גרויס התמדה, און אויף זייערע אָנגעגליהטע פּנים'ער באַקט זיך שוין א העלפט פון איהר טאָרט.

האָט זי אָנגענומען איהר זוהן פאַר א הענטיל און איהם גענומען אויספרעגען:

„זאָג נאָר, דו קליינער שד, קען איך לעבען פון דיר, צו ניין?"

„ניין", — האָט דוד'ל א צוטומעלטער געענטפערט.

„וואָס, ניין?" — איז דער מאַמען ניט געפעלען געוואָרען.

„יאָ", — האָט ער פּרובירט פאַרריכטען.

„וואָס, יאָ?"

„איך ווייס ניט", — האָט דוד'ל אזאַג געטאָן הילפלאָז און זיך צעוויינט.

„דיין זוהן וועט מיך אויפ'ן פייער אַרויפברענגען", — האָט זיך דוד'לס מאַמע פאַרקלאָגט פאַר זיין טאַטען, אז ער איז אַהיים געקומען.

„וואָס ווידער?", — האָט דער טאַטע געפרעגט.

„ער האָט מיר באַגראָבען א שיסעל טייג, זיך אויסגעשמירט דעם נייעם אַנצוגל, און ער איז נאָך גערעכט. אָן ליגט ער דאָרט און וויינט, כאָטש צאָהל איהם אַרויס.

„כ'האָב גאָר פאַרגעסען; כ'האָב געבראַכט פאַר איהם א צאַצקע", — האָט דער טאַטע זיך דערמאָנט.

דאָס וואָרט צאַצקע האָט דוד׳ל באַלד דערהערט, און באַלד פאַרגעסען וויינען, איז ער צוגעלאָפען צו זיין טאַטען א צוטראַגע־נער און אויסגעשריען אין איין אָטעם:

"פאפא, ווייז, וואָס האָסטו געבראכט?"

די צאַצקע איז געווען א באַהן, וואָס, אַז מען דרעהט עס אָן, לויפט עס אליין אויף די רעלסען. און אַז דוד׳ל האָט דאָס דער־זעהן, איז ער אריין אין גרויס התפעלות און באַשלאָסען, אַז א טאַטע איז די בעסטע זאַך אין דער וועלט...

די מאַמע האָט נאָך אַלץ געטראַכט וועגען דעם טאָרט, וואָס ער האָט איהר קאַליע געמאַכט, און עס האָט איהר פאַרדראָסען, וואָס מען האָט איהם געקויפט אַזאַ שעהנע צאַצקע. א חוץ דעם האָט זי זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז א שאָד דאָס געלט. סיי ווי וועט ער עס באַלד צוברעכען. „ביי איהם וועט זיך עפּעס איינהאַלטען?"

דוד׳ל האָט זיך דערווייל אריינגעטאָן מיט לייב און לעבען אין דער צאַצקע און זיך געשפּיעלט דערמיט דעם גאַנצען אוונד.

אַז ער איז געגאַנגען שלאָפען, האָט ער זי מיטגענומען מיט זיך אין בעט. דאָס הערצעל האָט איהם געזאָגט, אַז אימיצער לויערט איבער זיין צאַצקע, און ער האָט עס צוגעדריקט פעסטער צו זיך.

זיין מאַמע האָט אָבער געהאַט דאָס איהריגע אין זינען, און אַז ער איז איינגעשלאָפען, האָט זי ארויסגענומען פון זיינע הענט־לעך די צאַצקע, צוריק איינגעפּאַקט אין קעסטעל, און איז אוועק אויסבייטען איהר אויף אַן אַנדערע.

אין דער פריה האָט זיך דוד׳ל אויפגעכאַפּט מיט דעם געדאַנק וועגען זיין באַהן.

„וואו איז מיין באַהן?" — האָט ער אויסגעשריען מיט שרעק, און זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען.

זיין טאַטע איז שוין אין הויז ניט געווען, און ביי זיין מאַמע האָט ער געוואוסט, אַז ער וועט גאָרנישט אויספיהרען. איז ער

אַרויסגעשפּרונגען פון בעטעל און זיך געלאָזט איבער'ן הויז זוכען זיין באַהן.

אַז ער האָט איהר אין ערגעץ ניט געקענט געפינען, האָט ער גע־האַלטען זיין מאַמען פעראַנטוואָרטליך דערפאַר.

„זאָג, מאַמע, וואו איז מיין באַהן?"

„דיין באַהן איז אַוועקגעפאָהרען, נאָר איך האָב אַ בעסערע צאַצקע פאַר דיר", — האָט איהם זיין מאַמע ערקלערט, און אַרויס־גענומען פון אַ פּאַפּיר אַן אייזערנעם וועגעלע, וואָס אַז מען האָט געגעבען אַ שטופּ, האָט ער זיך פויל אַ שאַר געטאָן. גאָר ניט געראָטען אין יענע באַהן, וואָס האָט געקענט לויפען אַליין מיט אַזאַ איילעניש.

„מיין באַהן! מיין באַהן! איך וויל מיין באַהן!" — האָט זיך דוד'ל צושריען, און אַ זעץ געטאָן דעם פוילען וועגעלע אָן דער ערד.

די מאַמע האָט געזעהן, אַז איהר זוהן איז ניט קיין לייט, זי וועט מיט איהם גאָרנישט מאַכען, איז זי אַוועקגעגאַנגען און איהם געלאָזט אַליין מיט זיינע טענות.

האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד מיט אַ ביטערען געוויין און גענומען באַטראַכטען זיין ביטערען מזל, אַז די באַהן איז געווען אַזאַ שעהנע, אַזאַ פלינקע, און געהאַט אַזוי פיעל וואונ־דער אין זיך, האָט זי די מאַמע אַוועקגענומען פון איהם. אַז דער טאַטע איז אַזאַ גוטער, ער ברענגט איהם שעהנע צאַצקעס, און שפּילט זיך מיט איהם. געהט ער אַוועק אַלע טאָג און קומט אַהיים ביינאַכט, ווען ער דאַרף שוין געהן שלאָפען. און די מאַמע איז אַ שלעכטע, זי איז איהם אַלע מאָל אין וועג. וויל ער זיך שפּילען, מיט דער קאַץ, לאָזט זי ניט; וויל ער מישען דעם טייג, וויל זי אויך ניט. און אַז ער האָט אַ שעהנע באַהן, נעהמט זי צו, און זי איז אַלע מאָל מיט איהם. עס וואָלט געווען בעסער, אַז טאַטעס וואָלטען געווען אין דער היים און מאַמעס וואָלטען אַוועקגעגאַנגען. נאָר אַלצ־דינג אין דער וועלט איז פאַרקעהרט. זיין טאַנטע ברײנע איז אַ מיאוסע, האָט זי געקראָגען אַ שעהנעם טאַטען. און זיין קוזינע בעלאַ איז אַ שעהנע, האָט זי גענומען אַ מיאוסען טאַטען. אַז ער,

דוד'ל, ווײַל אַזוי שטאַרק האָבען אַ שוועסטערעל, האָט ער ניט, און מאַטעלע ווײַל ניט קיין שוועסטערעל, האָט ער איינס, און נאָך איינס, זאָגט ער, וועט זיין מאמע קויפען אויף פּסח.

דערווייל האָט דוד'ל דערזעהן אויפ'ן אויוועז אַ טעפּעלע מאַנע־גריץ און זיך דערמאָנט, אַז ער איז הונגעריג, נאָר בעטען עסען איז ניט געווען דוד'לס טבע, ער האָט געהאַלטען, אַז דאָס דאַרף די מאמע איהם בעטען, ווייל אַז ער עסט, טוט ער איהר ניט קיין קליינע טובה... און קיין טובה האָט ער איהר ניט געוואָלט טאָן, מחמת זי האָט איהם געגנוג אומגליקליך געמאַכט, וואָס זי האָט צוגענומען זיין באַהן.

„איך וויל מיין באַהן! איך וויל מיין באַהן!" — האָט ער זיך אויף דאָס ניי צולאָזט מיט אַ געשריי, אַז ער האָט זיין מאמען שיער פאַרטויבט.

האָט די מאמע זיך געטאָן איהר אַרבייט, ווי ניט איהר מיינט מען דאָס, און דוד'ל איז געבליבען ביים שרייען. האָט ער זיין כעס ניט געקענט שטילען מיט'ן שרייען, און גענומען קלאַפּען מיט די פיס. אַז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען, האָט ער אָפּגעזוכט אַ פּלע־שעל מיט טינט און עס אויסגעקערט אויפ'ן ווייסען טישטוך.

דאָס אָפּגעטאָן, האָט ער זיך אוועקגעשפּאַנט צו מאָטעלען.

זיין מאמע האָט געזעהן, אַז ער איז אוועק, האָט זיזיך מחית געווען. כאָטש אָפּרוהען אַ ווײַלע דעם קאָפּ, האָט זי זיך געטראַכט. נאָר אַז זי איז אַריין אין עס־צימער און דערזעהן דעם גרויסען טינט פלעק אויפ'ן ווייסען טישטוך, האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, און דאָס האַרץ האָט זיך איהר שיער אָפּגעריסען פאַר ער־גערניש.

„וואו איז ער? איך מאַך פון איהם אַ..." — און זי האָט איהם געוואָלט צורייסען ווי אַ הערינג. זיין גליק, וואָס ער האָט זיך ניט געוויזען פאַר איהר, ביז זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך היינט נעבעך גאָרניט געגעסען...

6.

טרעמפס.

דוד׳ל איז אריינגעקומען צו זיין חבר מאָטעלע׳ן, האָט ער דער־זעהן עטוואס, וואס האָט איהם אזוי גערירהרט, אז ער וואלט זיך באַלד צעוויינט, ווען ער וואָלט ניט געווען דער העלדישער בחור, וואס קען שוין פאָהרען אליין אויפ׳ן עלעווייטער.

מאָטעל׳ס קליין שוועסטערל איז געלעגען אין בעט און גע־שריען, און מאָטעלע איז געזעסען לעבען איהר א הילפלאָזער און געוויינט. מעהר איז קיינער אין הויז ניט געווען.

— וואו איז דיין מאמע? — האָט דוד׳ל געפרעגט.

האָט זיך מאָטעלע ערשט ריכטיג צעוויינט.

— איך ווייס ניט, — האָט מאָטעלע אן אומעדיגער געענט־פערט.

„מיין מאמען האָט מען צוגענומען אין האָספיטאל אויף אן אָפּערייּשאן און מיין פּאפּא איז נעכטען אוועקגעגאנגען שפּילען אין קאָרטען און ער איז נאָך ניט געקומען אהיים."

דאָ האָט זיך דוד׳ל דערמאָנט אָן זיינע צרות, אז זיין מאמע געהט אוועק אויף א באנקעט, קומט זי אויך ניט אהיים א גאנ־צע נאכט, פונדעסטוועגען איז איהם ניט אזוי שלעכט ווי מאָטעלע׳ן. ווייל ערשטענס, בלייבט מיט איהם זיין טאטע, און צווייטענס האָט ער ניט קיין שוועסטערל, וואס זאל ליגען אין בעט און שרייען. האָט ער טאקע רחמנות געהאָט אויף זיין חבר און איהם געהאָלפען איינשטילען זיין שוועסטערל.

האָבען זיי ביידע צוזאמען אויפגעהויבען דאס קינד, און דוד׳ל

האָט עס געגומען צו זיך אויף די הענט. האָט ער עס געשאָקלט און געזונגען, ביז עס האָט אויפגעהערט שרייען.

— דיין פּאַפּא וועט גאר ניט קומען היינט? — האָט דוד׳ל געוואלט וויסען.

— איך ווייס ניט, — האָט מאַטעלע אומעדיגער געענטפערט.

— און דיין מאמע?

— זי׳ט מסתמא קומען, אז זי׳ט געזונט ווערען.

—ווען וועט זי געזונט ווערען?

— איך ווייס ניט.

— לאָמיר געהן אין האָסטיפּאַל און בעטען, מען זאָל זי דארט באלד געזונט מאכען, — איז דוד׳ל געפאלען אויף א פּלאַן.

מאַטעלע איז געווען צופריעדען דערפון, נאר וואס טוט מען מיט דער שוועסטערער? אז זי וויל ניט ליגען אין בעט און זי שרייט.

— לאָמיר זי מיטנעהמען, — האָט דוד׳ל פארגעשלאָגען.

איז מאַטעלען געפעלען געוואָרען דער פּלאַן, און זיי האָבען זיך ארויסגעלאזט מיט דער שוועסטערל זוכען דעם האָספּיטאַל.

אין גאס איז געווען קאלט, דאָס קינד איז געווען כמעט נאַ־קעט. און דוד׳ל האָט איהר געטראגען, ווי א טרעגער טראגט א שווערען קאסטען.

האָבען זיך מענשען ארומגעקליבען ארום די קינדער, ביז וואַ־נען ס׳איז געווארען א גרויסער קרייז ארום זיי. נייגעריגע פאר־בייגעהער האָבען זיך אלע מאָל ארייגעשטופּט אינ׳ם קרייז, און געזעהן אז מען שלאָגט זיך ניט, זיינען זיי ווייטען געגאנגען.

דוד׳ל האָט אלע מאָל מקנא געווען די קאטערינשטשיקעס, און די קונצען מאכער וואס מען קלייבט זיך ארום זיי. און איצט אז ער האָט אליין זוכה געווען צו האָבען א קרייז ארום זיך, איז ער געווען זעהר צופרידען. נאָר וואָס, ס׳איז איהם געווען שווער צו האלטען דאס קינד; האָט ער עס אלע מאָל אונטערגעהויבען, ביז

אַ שכנה האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורכ׳ן רעדעל מענשען, און צו־געגומען פון איהם דאָס קינד.

האָבען זיך דוד׳ל מיט מאָטעלען אויסגעגלייכט ווי צוויי פרייע מענשען, זיך גענומען ביידע פאַר די הענט, און זיך געלאָזט אי־בער׳ן שטאָדט זוכען דעם האָספּיטאַל.

— ווער האָט צוגענומען דיין מאַמע׳ן אין האָסטיפּאַל? — האָט דוד׳ל געוואָלט וויסען.

— דער דאָקטאָר.

— און דיין מאַמע האָט געוואָלט איבערלאָזען דיין שוועס־טערעל אַ וויינענדיגע?

— מיין שוועסטערעל איז נאָך געשלאָפען.

— אהום, — האָט דוד׳ל פאַרשטאַנען. — איז וואָס וועסטו איצטער טאָן אָהן אַ טאַטען און אָהן אַ מאַמען און אָהן אַ שוועס־טערעל?

— איכ׳ל — איכ׳ל — איך ווייס ניט.

— ווייסטו וואָס? קום צו מיר אהיים.

— מיר דאַרפען דאָך אָבער געהן אין האָסטיפּאַל, — האָט איהם מאָטעלע דערמאָנט.

— יאָ, טאַקע אין האָסטיפּאַל, אָבער איך ווייס ניט וואו דאָס איז. מיין מאַמע ווייס, וועט זי אונז צופיהרען. קום צו מיין מאַמען!

האָט מאָטעלע איינגעשטימט און זיי זיינען געגאַנגען צו דוד׳לען אהיים.

אַז דוד׳לס מאַמע האָט אויסגעהערט די קינדער׳ס בקשה צו פיהרען זיי אין האָספּיטאַל, האָט זי זיי באַלד אָפּגעהאַקט די פליג־על, אַז קינדער לאָזט מען ניט אריין אין האָספּיטאַל.

האָבען זיי ביידע אַראָפּגעלאָזען די קעפּ ענטוישטע.

אָבער דוד׳ל׳ס מאַמע האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט גע־טראָפען מיט מאָטעלע׳ס מאַמע, איז זי אוועק צו די שכנים און אַלעס אויסגעפונען.

אז זי איז געקומען אהיים, האָט זי באַלד געגעבען מאָטעלען עסען.

ביינאַכט איז מאָטעלע געשלאָפען מיט דוד'לען. האָט זיך מאָטעלע אויסגערעדט דאָס האַרץ פאַר זיין חבר, אַז ער וואָלט זעהר שטאַרק געוואָלט זעהן זיין שוועסטערל.

— איך אויך, — האָט דוד'ל איהם געענטפערט.

האָבען זיי זיך פעסט אַרומגענומען און זיינען איינגעשלאָפען.

איינציגע טעג האָט מאָטעלע געוואוינט אין זיין חבר'ס הויז, צוזאַמען געגעסען, געשלאָפען, זיך געשפּיעלט און געבענקט נאָך דער שוועסטערל.

אַ שבת אוונד איז דוד'לס מאַמע אַוועק צו אַ באַנקעט, און איז ניט געקומען אהיים שלאָפען.

אויף מאָרגען אין דער פריה, אַז מאָטעלע האָט ניט געפונען דוד'לס מאַמע, האָט ער געפרעגט.

— דיין מאַמען האָט מען אויך צוגענומען אין האָספּיטאַל?

— ניין — האָט איהם דוד'ל רוהיג געענטפערט — זי איז מסתמא אַוועק אויף אַ באַנקעט.

— וואָס איז דאָס אַ באַנקעט? — האָט מאָטעלע געוואָלט וויסען.

— אַ באַנקעט איז... אַ באַנקעט איז... — האָט זיך דוד'ל פאַרטראַכט — אַ באַנקעט איז אַ רעסטאָראַן אויסגעמאַכט פון בענק.

— און וואָס טוט מען דאָרטען?

— מען עסט גוטע זאַכען און מען טאַנצט אויף די בענק.

— אַה, — האָט זיך מאָטעלע באַלעקט — איך וואָלט דאָרט געוואָלט זיין. דו ביזט שוין דאָרט געוועזען אַמאָל?

— ניין, אָבער מיין מאַמע געהט דאָרט אַלע מאָל.

האָט מאָטעלע מקנא געווען דוד'לען, וואָס ער האָט אַ מאַמען, וואָס געהט אַלע נאָל אויף אַ באַנקעט. האָט ער אַ פרעג געטאָן זיין חבר:

— איא א באנקעט איז בעסער ווי א האסטיפּאל?

— אודאי — האָט דוד׳ל געענטפערט מיט שטאָלץ און זיך באלד געגומען אויסלויבען זיין מאמען, אז זי וויים ווי צו געהן אין די שענסטע ערטער פון דער וועלט. און זיין אָנקעל מאיק, וואס האָט א גריבעלע אין מאָרדע אזוי ווי זיין מאמע, איז א־ומ־געפאהרען ארום און די גאנצע וועלט.

— אוהוהו! — האָט זיך מאָטעלע געוואונדערט — די גאנ־צע וועלט! — און ער האָט געוואלט זעהן מיט זיינע אייגענע אוי־גען דעם דאזיגען אָנקעל מאיק. האָט ער א ווײַלע געטראכט און א פרעג געטאָן:

— ווי זעהט ער אוים?

ער זעהט אוים ווי די מאמע, ער האָט נאָר שמוציגע הענט, און דאָס פּנים איז ביי איהם אויך ניט אפּגעוואשען, און ער געהט און צעריסענע קליידער.

— אה, — האָט מאָטעלע געמאכט א רחמנות פּנים, — ער האָט מסתמא ניט קיין מאָמען.

האָט זיך דוד׳ל צולאכט און א זאג געטאָן:

— ווי קען ער האָבען א מאמען? אז ער איז דאָך א גרויסער!

— טאקע, — האָט מאָטעלע צוגעגעבען. — אבער ווי אזוי קען ער אומגעהן ניט אפּגעוואשען, אז ער איז א גרויסער? — האָט ער זיך געוואונדערט.

— ער קען, ווייל ער איז א טרעמפּ. אז איך וועל זיין א גרוי־סער, וועל איך אויך זיין א טרעמפּ, איכ׳ל זיך קיין מאָל ניט אפּ־וואשען, און קליידער וועל איך טראגען צוריסענע, וועל איך זיך מעגען קייקלען אין די פּארקס, און טאָן וואָס איכ׳ל וועלען.

טאקע א גוטע זאך, האָט מאָטעלע געטראכט, און זיך גע־ווענדט צו זיין חבר:

— ווי גרוים דארף מען זיין צו ווערען א טרעמפּ?

האָט דאָך דוד׳ל געזעהן וואו זיין חבר ציעלט, האָט ער איהם געענטפערט:

— מיר קענען באלד ווערען טרעמפּס, איך ווייס ווי אזוי. מיר דאַרפען זיין איינגעשמירט אין בלאָטע, טראָגען צוריסענע קליידער, און די היטלען דאַרפען מיר אראפּשלעפּען אויפ׳ן פּנים. זיינען מיר רעגעלע טרעמפּס.

איז דאס מאָטעלען זעהר געפעלען געוואָרען, און זיי האָבען באשלאָסען באלד צו ווערען טרעמפּס.

דאָס היטעל האָט מאָטעלע אליין אראפּגעשלעפּט אויף זיין פּנים, און זיין רעקעל, איז אזוי אויך געווען צוריסען, האָט עס דוד׳ל צוריסען אין נאָך א פּאר ערטער, איז דאָס געוואָרען אן אמת׳-ער טרעמפּ יוניפאָרם.

נאָר דוד׳לס רעקעל האָט מען ניט געקענט צורייסען, ס׳איז געווען פון א שטארקער וואָרע. איז וואס טוט מען דאָ? אי-בער א שטארקען רעקעל וועט ער דאָך ניט ווערען אויס טרעמפּ? האָט ער זיך אויסגעזוכט אין די אַלטע זאכען זיינס אן אַלטען רע-קעל, וואס האָט זיך געלאָזט צורייסען; און אין א פּאר מינוט ארום האָט שוין דוד׳ל אויך געטראגען דעם אמת׳ן טרעמפּ יוני-פאָרם.

אז ער האָט זיך אראפּגעצויגען דאס היטעל איבער די אויגען, זיינען זיי ארויס אין גאס און זיך איינגעשמירט אין בלאָטע. דאן האָבען זיי זיך געפיהלט אין דער אמת׳ר מדרגה פון טרעמפּס, און זיי האָבען זיך אוועקגעלאָזט איבער די גאסען.

— וואס דאַרפען מיר טאָן אז מיר זיינען טרעמפּס? — האָט מאָטעלע געפרעגט.

— מיר דאַרפען פאָהרען אויף עלעווייטערס, אויף באהנען, אויף שיפען, און אויף עראפּליינס.

— אזוי, אויף עראפּליינס אויך! מ׳קען דאָך אָבער אראפּ-פאלען פון עראפּליינס?

— אז מ׳ווייס ווי צו פאָהרען, פאלט מען ניט אראפּ.

— דו ווייסט דען ווי?

— איכ'ל זיך אויסלערנען, אויף עלעוויטערס ווייס איך שוין ווי צו פאָהרען, קום, וועל איך דיר ווייזען!

— אָבער אפריהער לאָמיר קוקען אויף די שעהנע צאצקעס אין די פענסטער — האָט מאָטעלע פארגעשלאָגען.

— טרעמפּס קוקען ניט אויף צאצקעס, — האָט דוד'ל גע־לערענט זיין חבר. — מיר דארפען געהן גלייך איבער די גאסען.

האָט מאָטעלע פארשטאַנען זיין פאראנטווארטליכע ראלע, אוןביידע טרעמפּס האָבען זיך געלאָזט איבער דער שטאָדט מיט דער גרויסער אמביציע ארומצופאָהרען ארום און ארום דער וועלט...

7.

אָרום און אַרום דער וועלט.

מאַטאַלע'ס טאַטע איז עטליכע טעג ניט געקומען אַהיים. ביי נאַכט האָט ער געשפּיעלט אין קאָרטען, און בייטאָג האָט ער געאַרבייט. ערשט זונטאָג אין דער פריה איז ער אַהיים געקומען, און האָט קיינעם אין הויז ניט געטראָפען.

וואָס איז דאָס? וואו זיינען זיי אַלע? די מאַמע, מאַטאַלע, דאָס קליין טעכטערל — ניטאָ קיין סימן פון קיינעם.

האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אין ליידיגען הויז און געפיהלט, אַז עפּעס אַן אומגליק האָט געטראָפען דורך זיינע זינד. אַ קליי־ניגקייט, עטליכע טעג ניט אַהיים קומען? אמת, אַ סך מענשען פאַרברענגען נעכט אין קאָרטען־קלייזעל, פונדעסטוועגען שטעקט דער טייפעל אין דעם. מעהר וועט ער שוין אַהין ניט געהן, כאָטש ער האָט צוגעזאָגט צו קומען היינט ביינאַכט. נאָר וואו קענען זיי פאַרט זיין? ער'ט געהן זיך נאָכפרעגען ביי די שכנים; האָט ער געטראַכט און איז אַריין צו דוד'על'ם מאַמע.

אַזוי ווי ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף איהר פּנים, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז זי האָט פּייגט קאָרטען־שפּיעלער. פונדעסט־וועגען האָט זי איהם געבעטען זיצען, און איהם דערצעהלט, אַז זיין פרוי האָט מען צוגענומען אין האָספּיטאַל אין מיטען דער נאַכט, דען זי האָט געקראָגען אַ בלוטשטורץ, דאָס קליינע קינד האָט אַ שכנה צוגענומען, און מאַטאַלע איז ביי איהר. ער איז מסתמא אַוועק מיט דוד'לען זיך שפּיעלען אין גאַס.

איז מאַטאַלע'ס טאַטע געבליבען זיצען, ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען, און דוד'לעס מאַמען איז געלעגען אויפ'ן צונג איהם אויסצו'מוסר'ען: ווי געהט מען דאָס אַוועק אויף עטליכע טעג

און נעבכט, און מען לאָזט איבער אַ קראַנקע פרוי מיט צוויי קליינע קינדער? ווי האָט מען דאָס אַזאַ גזלנישע האַרץ? נאָר אַז ס'איז געקומען צו זאָגען, האָט זי זיך באַטראַכט: וואָס דאַרף זי זיך מישען אין יענעמס געשעפטען? און ווער קען דאָס זיין אויסגע־האַלטען? ווער איז דאָס באַוואָפענט געגען שוואַכקייטען? אָט איז זי אַליין געוועזען די גאַנצע נאַכט אויף אַ באַנקעט, און איז ערשט אַהיים געקומען. דאַכט זיך זי קען אויך גאָר נישט מאַכען מיט זיך, אַז זי ווערט פאַרשלעפט פון שטאַרקע כוחות.

זי ווייס דאַכט זיך גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַן עולה זי טוט, אַז זי קומט ניט אַהיים די גאַנצע נאַכט, איהר מאַן ווערט משוגע פאַר אייפערזוכט, און איהר אַליין קומט קיין געזונט ניט צו דער־פון. פונדעסטוועגען קען זי ניט איינזיצען אין דער היים ווען ס'איז ערגעץ דאָ אַ באַנקעט, און אַז זי איז שוין דאָרט, פאַרהוליעט זי זיך ביז אויף מאָרגען אין דער פריה. און ס'איז גאָר ניטאָ קיין עצה דערצו.

זי האָט שוין אַזוי פיעל מאָל באַשלאָסען אויפצוגעבען די פאַרפיהרערישע פאַרגעניגענס און קיין ביסעל ערפאָלג ניט געהאַט. אַלע מאָל קומט דער טייפעל און לאַכט זיך אויס פון איהר. טאָ וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי צו מוסר'ען אַנדערע מענשען?

מאַטאַלע'ס טאַטע האָט זיך דערוויילי אויפגעהויבען אַוועקצו־געהן, האָט איהם דוד'על'ם מאַמע צוריקגעהאַלטען:

„וואָס איילט איהר זיך? באַלד וועלען אַריינקומען די קינ־דער, וועט איהר קענען זעהן אייער מאַטאַלע'ן".

האָט מאַטאַלע'כ טאַטע שטאַרק חשק געהאַט צו זעהן זיין זון, און ער האָט זיך צוריקגעזעצט.

מיט אַמאָל האָט זיך האַסטיג אָן עפען געטאָן די טיר, און דוד'על'ס טאַטע איז אַריינגעקומען אַ פאַרשוויצטער און זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף אַ שטול, ווי מיט די לעצטע כחות.

„וואָס איז דער מער?" האָט זיין פרוי אַ פרעג געטאָן דער־שראָקען. עפּעס האָט זי דערפיהלט, אַז אַן אומגליק האָט געטראָ־פען, און אפשר טאַקע דורך איהר.

האָט דוד'על'ס טאַטע שווער אָפּגעאָטעמט און גענומען דער־צעהלען:

— די קינדער זיינען אַוועקגעגאַנגען גאַנץ פריה פון הויז, און זיי זיינען נאָך ניטאָ. איך בין שוין אויסגעגאַנגען אַ האַלבע שטאָדט זיי זוכען און ס'איז ניטאָ קיין סימן פון זיי.

— אוי, מיין קינד! — האָט די מאַמע זיך אַ צאַפּעל געטאָן.

— האָסט טעלעפאָנירט אין די פּאָלים סטיישאָנס?

— אודאי, האָב איך טעלעפאָנירט.

— נו?

— וואָס נו? זיי זיינען ניטאָ.

— וועה איז מיר! — האָט די מאַמע גענומען ברעכען די הענט.

מאַטעלעס טאַטע האָט דערפיהלט, אַז ער איז אויך פאַרמישט אין דער געשיכטע, האָט ער זיך אויפגעהויבען אַ דערשראָקענער.

„לאָמיר זיי געהן זוכען, — האָט ער פאָרגעשלאָגען.

האָט דוד'ל'ס מאַמע זיך אַרויסגעלאָזט מיט איהם זוכען די קינדער, און דוד'ל'ס טאַטע האָט ניט געקענט איינזיצען און איז מיעדערהייט אויך אַוועק.

דוד'ל מיט מאַטעלען האָבען זיך געהאַלטען פאַר די הענט און געשפּאַנט פון איין גאַס אין דער אַנדערער. אַז זיי האָבען דער־זעהן אַ פּאָליסמען, האָבען זיי איהם געלאָזט וויסען, אַז זיי זיינען טרעמפּס און זיי געהן אַרומפאָהרען איבער דער וועלט. אויב ער וויל, וועלען זיי איהם אויך מיטנעהמען. דער פּאָליסמען האָט זיי העפליך באַדאַנקט, און זיי זיינען ווייטער געגאַנגען.

אַז זיי זיינען געקומען אין סקווער, וואו קאַרס לויפען פון אַלע זייטען, האָט דוד'ל באַטראַכט די קאַרס ווי אַ מבין און געזאָגט, אַז די קאַרס געהען ביז צום ענד פון דער וועלט.

„טאָ לאָמיר פאָהרען אהין", — האָט מאַטעלע פאַרגעשלאָגען.

איז געבליבען, מען זאָל אַרויף אויף דער קאַר. נאָר קיין קאַר האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט לעבען זיי. זיינען זיי אַוועק זוכען אַ גוטע קאַר, וואָס וועט זיך יאָ אָפּשטעלען לעבען זיי.

„ווי אזוי געהט א קאר?“, — האָט מאָטעלע דערוייל געוואָלט וויסען.

האָט דוד׳ל געטראכט און געטראכט, און באשלאָסען, אז ער׳ט פרעגען זיין טאַטען. אָבער ער ווייס ווי א בייסיקעל געהט, האָט ער געלאָזט וויסען זיין חבר.

„ווי אזוי?“, — האָט דער חבר געפרעגט.

„מען מאַכט מיט די פיס אראָפּ און אַרויף, און דער בייסיקעל געהט. מיין טאַטע וועט מיר קויפען א בייסיקעל“.

„וועסט מיר לאָזען זיך אויספאָהרען אויף איהם?“

„אודאי וועל איך דיך לאָזען“.

„וועל איך ארויפזעצען מיין שוועסטערעל און איהר אויספיהרען“, — האָט מאָטעלע געזאָגט מיט פרייד, ווי ער וואָלט איהר שוין געפיהרט. — "דוד׳ל, פארוואָס האָסטו ניט קיין שוועסטערעל?“

„דער דאָקטאָר האָט געזאָגט ער׳ט ברענגען, און ער׳ט ניט געבראכט. אז איכ׳ל זיין א גרויסער, וועל איך אליין זיין א דאָקטאָר און איכ׳ל ברענגען א סך שוועסטערלעך“.

„דוד׳ל, דיר טוט ניט וועה די פיס?“

„ניין, א טרעמפּ טאָר ניט וועה טאָן די פיס“.

„און הונגריג מעג זיין א טרעמפּ?“

„ניין“.

„אָבער אז מ׳האָט נאָך היינט גאָר נישט געגעסען?“

„מ׳טאָר ניט“

„און ביי דער ענד פון דער וועלט גיט מען עסען?“

„ניין“.

„טאָ לאָמיר בעסער געהן אהיים, איך וויל עסען“.

„אי, געה, דו קענסט ניט זיין קיין טרעמפּ. איכ׳ל זיך מיט דיר ניט שפּיעלען, — האָט דוד׳ל געזאָגט, און אליין האָט ער געפיהלט, אז זיינע פיסלעך ברענען איהם און דאָס הערצעל געהט איהם אויס פאר הונגער. זיין מאַמעס ברויט מיט פּוטער איז איהם געשטאַנען פאר די אויגען, וואו ער האָט נאָר אקוק געטאָן.

ווען מאָטעלע האָט דערהערט פון זיין חבר, אז ער קען ניט

זיין קיין טרעמפּ און זיין חבר וועט זיך מיט איהם ניט שפּיעלען, איז איהם דאָס הערצעל פול געוואָרען און ער האָט זיך צעוויינט.

האָט דוד'ל אויך חשק געהאַט אויסצעוויינען זיך. דען די היים איז אַזוי ווייט, און ער איז אַזוי הונגריג. נאָר עס האָט איהם ניט געפּאַסט, ער איז דאָך עפּעס א טרעמפּ. איז ער געשטאַנען און געקוקט מיט בענקשאַפט, וואו קען ערגעץ זיין זיין מאַמעס היים?

מיט א מאָל איז ארויף אויף די קינדער א קאר און זיי אומ־געוואָרפען.

דוד'ס מאַמע האָט טעלעפאָנירט אין אַלע פּאָליס־סטיישאָנס און אין אַלע האָספּיטאַלס, ביז זי האָט זיך דערוואוסט, אז מען האָט ערשט געבראַכט צוויי קינדער אין איינעם פון די האָספּיטאַלס.

זיינען אַלע דריי, מאָטעלס טאַטע און דוד'לס טאַטע־מאַמע, אוועקגעלאָפען אין האָספּיטאַל און דאָרט געטראָפען די קינדער.

אז דוד'ל האָט געעפענט די אויגעלעך און דערזעהן זיין מאַמען, האָט ער באַלד א געשריי געטאָן:

„מאַמע, עסען!"

און מאָטעלע האָט לאַנג ניט געוואַרט, און אויך א געשריי געטאָן:

„עסען!"

זיינען די עלטערען צוגעלאָפען צו די קינדער, געקושט זייערע צושלאָגענע פּנימ'לעך, און א פריידיגער צוזאַמען מיט א וועהטאָג האָט זיי באַרוישט. און ביי די בעטלעך פון זייערע צושלאָגענע קינדער האָט מאָטעלעס טאַטע און דוד'ס מאַמע געקראָגען דעם כח דעם טייפעל צו באַהערשען.

יעדער האָט ביי זיך געשוואָרען מער ניט ארייגצולאָזען זיך אין אייגענע פאַרגעניגענס.

דוד'ל מיט מאָטעלען זיינען געזונד געוואָרען און האָבען זיך ווייטער געשפּיעלט צוזאַמען. נאָר קיין טרעמפּס האָבען זיי ניט געקענט ווערען, ווייל מאָטעלע'ס מאַמע איז אַהיים געקומען פון

האָספּיטאַל און זי האָט אכטונג געגעבען אויף מאָטעלען, און דוד'לס מאמע האָט איהר זוהן אויך ניט אַפּגעלאָזט פון די אויגען. זיינען זיי געווען אין גלות, אלע מאָל געדאַרפט עסען אין דער צייט און געהן ריין אָנגעטאָן און זיך שפּיעלען בלויז ארום הויז.

צופרידען זיינען זיי ניט געווען, נאָר זיי האָבען זיך גע־טרייסט, אז זיי וועלען אויסוואַקסען, וועלען זיי ווערען אמת'ע טרעמפּס און זיי וועלען אַרומפאָהרען ארום און אַרום דער וועלט...

אינהאַלט:

גאָלדענע קריגעלעך — 5
שטיינער — 9
דער יתום — 15
די הענטשקע — 19
זאמאַלע — 25
די שכנה — 30
חברים — 34
די גרויסע און די קליינע — 41
פיוועלע'ס פּאָליטיק — 46
ביי דער שוועסטער צו־גאַסט — 51
געוואַרט אויפ'ן טויט — 59
צוויי יאָהר עלטער — 64
דער שלעכטער טאַטע — 71
די יונגע מאַמע — 75
ווער האָט איהר געבעטען? — 81
אַ מאָדנע מאַמע — 85
פינף יאָהר אַלט — 90
זיך צוויי מאָל געטרונקען — 95
דער מאַנסביל פון הויז — 99
דער קאַרוסעל — 104
דער שוועסטער'ס חתן — 109
די קליינע רויזעלע — 115
די ציעג — 119
ווייסע פייגעל — 135
קינדער פון שטאָט — 145

אין ווינטשעווסקי'ס ליעד, וואָס איז געדרוקט אין דער פאָררעדע, פעהלען פיער סטראָפען צווישען די צוויי ציטירטע.